

מרדכי אלפערסאן




נאכדרוק פארבאטן

אייגענטום פון בית יתומים

מרדכי אַלפּערסאן

**30 יאר אין ארגענטינע**

(מעמוארן פון א אידישן קאלאניסט)

צווייטער באנד

מרדכי אלפערסאן

# דרייסיק יאר אין ארגענטינע

מעמוארן פון א אידישן קאלאניסט

4A
24232

ארויסגעגעבן פון דער דרוקעריי
בית יתומים
בועניס איירעס
1926

# TREINTA AÑOS EN LA ARGENTINA

## NARRACION HISTORICA

por MARCOS ALPERSOHN

---

Propiedad del Asilo Israelita Argentino
(Reproducción prohibida)

---

Imp. Asilo Israelita Argentino - Cabildo 3642 - Buenos Aires

1926

* * *

# טרערן

(במקום הקדמה)

ווען דער ערשטער טייל פון דעם בוך „דרייסיק יאר קאלא-ניזאציע" מיטן אויבערשריפט: „קאלאניע מאאוריציא" איז ערשינען, האט זיך א שטיקל תרעומות איבער די קאלאניעס צושפרייט:

—וואס איז עפעס מאאוריציא?—האבן זיי געטענה'ט

—ס'איז דאך דער טרערן וועג פון דער געשיכטע וואס די גאנצע קאלאניזאציע האט דורכגעמאכט, דארף דאס בוך טראגן אן אלגעמיינעם נאמען!

—זיינען מיר דען ניט אלע אין איין און דעמזעלבן צדקה מאנטל איינגעוויקלט? — האבן געטענה'ט די קאלאניסטן פון די פעלדער אין סאנטא-פע, האט מען דען אונזערע ביינער ניט מיט דעמזעלבן אייזערנעם יק"א חותם בראנד געמאר-קירט?—און אז מאאוריציא צופאלט אין חורבות? ערוואַרטעט דען אונז אלעמען ניט דער זעלבער סוף? איין הנהגה, איין מושל, איין שטיקענדער גאז וואס ווערגט, פארדארבט און טרייבט די גאנצע קאלאניזאציע צום חורבן!..

— אונזערע טרערן זיינען אויך געזאלצן! — שרייבט מיר אנ'ארויסגעטריבענער קאלאניסט ערגעץ פון אונטער די „הרי הושך"—ביי די אנדעס—אונזער פיין, אונזער לייד און וויי איז אויך שמערצהאפט... און ווען דו ביסט א טרערן זאמלער? מאך ברייטער דעם לאגעל! „שמה נאָ דמעותינו בנאדך להיות" פארענדיקט ער זיין בריוו.

* * *

נו וואס ענטפערט מען זיי?

איר האט רעכט מיינע ליידענדע ברידער! ברייט און טיף איז דער טרערן כוס פונ'ם אידישן פאלק! טייכן, ימים און שטראמען ווערן פארזונקען אין אים... אויך אייערע פון די וואגלער אין די זאמדן פון קאלאניע סערעס, דארא, פאמפא, בערנאסקאני צוזאמען מיט די באהאלטענע טרערן וואס קאפען אין דער שטיל אין „ריווערא" פליסן זיך לאנגזאם אין דער כלומרשט גליקלאכער מאזעסוויל. שלענגלען זיך אין די „האראזשעס" (טייכלאך) פון די קאלא-ניעס אין ענטערע ריאס... אט די אלע אייערע וועלן נאך אינ'ם טרערן בעכער פארשלונגען ווערן און ער וועט קיינ-מאל ניט ווערן פול...

—רופט עס ,טרערן׳! ווי איר ווילט—איך בין שוין מיט דעם געזוואוינט! — א בן ישראל, געבוירן און געבאדן אין טרערן דארט אין דער היים... און דא, די 30 יאר פילאנ-טראפיע, האבן אלע מיינע גלידער אין דעם געווייקט!.. און מיט זיי האב איך טאקע אלע אונזערע ליידן פאר׳ן קומענדיקען היסטאריקער — וויפיל איך האב געקענט—פאר-צייכענט... דאך דעם נאמען ,מאאוריציא׳ לאזט מיר ברידער! זאל ער בלייבן קאנסערווירט באלזאמירט מיט די לארבער בלעטער פון דער געשיכטע... ס׳איז דאך דער נאמען פון אונזער ליבער טרייער נשמה: — ׳מאריץ פאן הירש׳ וואס מערער ווי דער נאמען אין דער היסטאריע, בין איך מסופק, צי ס׳וועט פון זיין שיינער קאלאניזאציע-אידעע עטוואס פאר-בלייבן, פארוואס? נעמט און לייענט!

מרדכי בן ישראל אלפערסאן

סט. מ. הירש

קאלאניע מאאוריציא 1925

1-טער קאפיטל

## די יורשים פון באראן הירש

קיין שום מענש ווערט פון א שטיין ניט געבוירן, ס'איז פאראן א טאטע, א מאמע, קינדער, משפחה און במילא שוין יורשים... אנ'אנגענומענע דומהייט, א כראנישע קרענק, א וועלט-פעלער...

יעדער מענש ארבעט אפ זיין באשרענקט ביסל יארן פאר זיי, פאר די יורשים.. אייניגע פארגינען זיך אליין אפילו דאס שפייעכץ פון מויל ניט ארונטער צו שלינגען.. אלץ ווערט קאנסערווירט באהאלטן פאר זיי פאר די גליקליכע.. ווער זיינען זיי עס אט די וועלט עראבערער?? און ווער קומט דען אין קבר אריין אנזאגן וואס זיי, די יורשים דיינע מאכן מיט דיין אפגעשפארטער מי? און איבערהויפט צי זיינען זיי עס גאר יענע פון וועלכע דו האסט ביים לעבן גע-דענקט?

אט א דאס זעלבע האט מיט'ן באראן פאסירט.

א לעגענדע האט זיך דאן אין די קאלאניעס אומגע-טראגן, וועלכע ,שמעון חלפתא" א קאווקאזער הויכער איד האט זי אהער געבראכט און פאר די קאלאניסטן דערציילט...

איר מעגט זי הערן:

געשטארבן דער באראן,—דערציילט "חלפתא"—פשוט געשטארבן ווי אלע מענשן שטארבן... מיט אלע זיינע געלט-אוצרות האט ער זיך דאך ניט געקענט אויסקויפן ביים טויט,—אפילו ניט אויף איין טאג, איין שעה, ניט א סעקונדע. ס'איז געקומען דער שווארצער מיט די טויזנט אויגן... האט ציניש א שמייכל געטאָן: — ווארף אוועק באראן די קאמעדיע מיט די גאלדענע שערבלאך און קום! נאקעט, ארים ביסטו געבוירן, און א בלויזער א הוילער גייסטו ארונטער אין בויך פון דער מוטער ערד... אלס געניטער געשעפטס מאן — זאגט ,חלפתא", האט דער באראן דערקענט אז דער שליח איז געשיקט פונ'ם אלער-העכסטן געריכט הויז... און ס'וועט ניט העלפן קיין שום פּראטעסט... האט ער נאר א שפאטישן בליק געווארפן צום פיל—אויגיקן.. האט אויסגעצויגן זיינע אלע צען פינגער:—נא זע, טייוול, איך נעם גאר נישט מיט זיך מיט!.. און אין דער שטיל האבן זיינע שטארבענדע ליפן געפליס-טערט:—שמע ישראל! אידישעס פאלק ישראל, דו ביסט מיין

יורש!.. „בידך אפקיד רוחי" ביי דיר מיין טייער פאלק באהאלט איך מיין גייסטיקן אידעאל, מיין קאלאניזאציאנס אידעע. מיינע אפגעשפארטע מיליאנען...

אלע טויזנט אויגן האבן זיך ביים שווארצן מיט חוזק אנגעפילט:

— דאס פאלק? כאַ! כאַ! כאַ! און א וואו זיינען עפעס די אפוטרופסים, די כלל פארזארגער? די אייביקע יורשים פונ׳ם פאלק?

דער איידלער באראן האט שוין די חוזק רייד פונ׳ם שווארצן ניט געהערט... א פינסטערניש האט זיך איבער אלץ צושפרייט.. דער שווארצער שטערן וואס באגלייט די אידישע אומה אויף איר לאנגן גלות - וועג האט זיך גלייך באוויזן און אלץ אין שווארצן פארהילט, און אין דעם חשכת האט דער גאלד ברונים פון באראן געווארפן זיין שיין, האט באלויכטן א באנדע אפוטרופסים, כלל פארזארגער וואס האבן זיך צום אוצר געצויגן...

אין שווארצן פראק, צילענדער הוט, מיט ראזעווע זיידענע הענטשיקעס אויף די קהל׳שע פינגער, מיט שיינע פא-ריזער מאנירען איינגעטונקען אין אריסטאקראטישן רחמנות האבן זיך אייניגע הער׳ן צום גאלד ברונים דערנעענטערט...

פלוצים האט זיי א שטארקע הויכע שטימע ווי איבער געשראקן:

kak zhe? האט זיך דערהערט א קול, kak zhe? איר? פראנצויזישע אידן? — האבן עטליכע ברייטע פנים׳ער מיט אנגערוקטע קוטשמעס אויף די קעפ אנגעשריען — איר? ווי קומט איר אַהער? דאס גאלד איז פאר אונזערע רוסישע אומגליקליכע ברידער באשטימט, און מיר זיינען זייערע פארשטייער, אפוטרופסים פון זעקס מיליאן יורשים... און מיט גרויע הענטשיקעס האבן זיי דעם ברונים מיט גאלד ארומגעמען געוואלט...

ביידע צדדים האבן זיך צוזאמען געשטויסן — דער-ציילט „חלפתא" — ס׳וואלט געוועןגעקומען צו... ווען ניט די אלטע זעער א קלוגע א פאריזערן טאקע, „דיפלאמאטיע" הייסט זי...

— איך ווייס, איך ווייס! — כאפט אונטער אונזערער א קאלאניסט — א בעל-עגלה פון דער היים — א פשרה גע-מאכט: — די רוסן די לייצעס געגעבן צום האלטן.. און די פראנצויזן אויפ׳ן רייכן באראנס טלומעק וועלן האלטן די בייטש... איי וועט מען אייך שמייסן פערדעלאך מיינע! — פארענדקיט דער בעל-עגלה און צולאכט זיך מיט זיין רויטער צורה, ארויס שצירענדיק זיינע געלע ציין.

דער עולם האט אבער פון דעם וויץ ניט געלאכט.. די הויט אויף די ביינער האט ווי אויפגעציטערט...

דער אינסטינקט וואס די נאטור האט געשאנקן א יעדן וועזן צו דערשמעקן זיין טויט - פיינט פון ווייטן, אט דער געהיימער געפיל האט אין אונז ערוואכט... מיר האבן פארהאסט די אפוטרופסים, די אדמיניסטראציע מיט אונזער גאנצער נשמה, די שנאה האט זיך פארשארפט, האט זיך באלד העל צופלאקערט, און האט ארויסגערופן א מין רעבעל — אנארכיע... פון די אדונים, די באאמטע איז דאן קיינער מיט אונז ניט פארבליבן.

2-טער קאפּיטל

## אנאַרכיע אין קאָלאָניע

ווי שוין געזאָגט זיינען מיר נאָכ'ן באַראָנ'ס טויט פאַר-בליבן אליין.. לאַפּין אין בוענאָס-איירעס איז פאַרנומען געווען מיט דער פּאָליטיק פון די גדולים! די רוסישע און פראַנצויזישע אידן, — וואָס יעדער צד האָט געזוכט אין זיינע הענט אריין צוכאַפּן די איבערפאַרוואַלטונג פונ'ם באַראָנ'ס מיליאָנען... „לאַדנאַ", דער אַדמיניסטראַטאָר „גאָס-פּאַדין נאַרמאַן" איז געווען אַ טויגעניכץ, ער האָט פּשוט קיין שכל ניט געהאַט צו אַדמיניסטרירן און איז לחלוטין ניט ראוי געווען צו דעם אַמט.

די שטיצע האָט לאַפּין אָפּגעשאַפט. אָבער זיין פאַר-שפּראָכענע הלואה צו די נויטבאַדערפטיקע איז אויך נישט געקומען, זי איז העגנען געבליבן צווישן אַלע אַנדערע הבטחות פון די מושלים... ווער ס'האָט עפּעס געהאַט פון דער קאַסטעטשע האָט זיך דעם ווינטער אַ דורך געשטופּט, און האָט נאָך פאַרזייט אַביסל ווייץ אויך, די איבעריקע האָבן אָנגעהויבן הונגערן, ס'איז נאָך געווען אַ גליק וואָס די מיל האָט געאַרבעט, האָט מען זיך איינער דעם אַנדערען אונטערגעהאַלטן מיט אַ געבעקס ברויט... אָבער מכוח זריעה די פעלדער צו פאַרזייען וואָס זעער אַ סך האָבן קיין סעמיזשע ניט געהאַט איז טאַקע ניט געווען צו וועמען צו ריידן און אַ וואו דאָס צו באַקומען.

אויסגעאַקערטע פעלדער צום פאַרזייען צוגעגרייט שטייען און וואַרטן אויף זריעה, די צייט גייט, ס'קומט באַלד אויגוסט, דער שפּעטסטער טערמין פון זייען, און וואָס זאָלן מיר טאָן: אַ גאַנצער יאָר גייט פאַרלוירן. אַ יאָר אָן אַנ'אויסזיכט צו שאַפן חיונה אויך אויפ'ן צווייטן יאָר... און די ביוראָ קימערט זיך ניט. ווען די קאָמיסיאָן דורך „לאַדנאַ'ן".. שרייבט איר, ענטפערט זי ניט. און אויב זי ענטפערט יאָ, איז אויך אַ צווייידייטיקע תשובה. פּזמנות, הבטחות! איינציגע האָבן באַין ברירה צו די סוחרים זיך געווענדעט. און אויף אַ הויכן פּרייז און אַ פעטן פּראָ-צענט אַ שלעכטע מיזערנע ווייץ-זריעה באַקומען... אַנדערע האָבן קלעק געשפּיגן אויף דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע.

— געשטאַרבן דער באַראָן — געשטאַרבן די קאָלאָני-זאַציע! גערעדט און געטאָן. זיי האָבן פאַרקויפט דעם באַ-

ראנס רעמאנענט, אפילו די אקסן, די פלוגן, הכל בכל, מכל, און — געעפענט א שענקל אדער א קלייטל אין קאסארעס. דאס רוב, די ארימע האבן ווייטער געליטן.

אזוי האט זיך עס געצויגן ביז פאר קאסעטשע. מיר זיינען פשוט געווען הפקר, פאר דעם המשך איז לאַפּין נאר איין מאל געקומען און האט פאר זיינע אינטימע אנטפלעקט אַ סוד, דאס עס האלט דערביי, אז אונזערע אין פעטערבורג זאלן איבערנעמען די קאמאנדע אויף די פילאנטראפישע מיליאנען פון דער יק״א...—א, א דאמאלסט ברידער וועט זיין „כאראשא״! אזוי האט ער מבטיח געווען, און מיטנע־מענדיק זיין קרוב דעם קלוגן „לאדנא״ איז ער אויף שטענדיק פון אונז אפגעפארן.

פארבלייבענדיק גאר אן א מושל, האט דער הונגער אנגעהויבן ארויס צו ווייזן וואס ער קען... ער האט זיין קעניגרייך פארשפרייט איבער א גאנץ גרויס׳ן שטח פון דער קאלאניע, און די אנארכיע פראקלאמירט... ווי אין פסוק שטייט: „בימים ההם אין מלך בישראל. איש הישר בעיניו יעשה״!

מ׳האט אנגעהויבן אויסצוקוילן די אדמיניסטראטיווע פי, א סך גרופעס זיינען פארוואנדלט געווארן אין בוי־נעס, אין יאטקעס — מען האט דעם סקאט געשניטן און געגעסן...

אומבאוואוסטזיניק האט מען איבערגענומען די געוואוינ־הייט פונ׳ם ארגענטינער:—אבי ס׳איז פאראן „קארנע״, פלייש— איז דער מאגן באפרידיקט... דערצו נאך האבן די פעל פונ׳ם געקוילעטען סקאט געקלעקט אויף צו באקומען „זשערבא״. — איז מען געווארן „גאאוטשעס״:—א מאטע און פלייש און צופרידן! איינינע, זאלן זיי מיר מוחל זיין.— האבן אראפגענומען די בלעכן פון די גאלפאנעס און פאר־קויפט. הכלל: מ׳האט אויסגעשטרעקט די האנט וואו מ׳טאר ניט, און גענומען... און אפשר ווער ווייס? אפשר איידער צו הונגערן מעג מען יאָ!—ס׳איז דאך פארט ביי א טאטן!... א היתר...

אונזערע שוחטים וואס פארטרעטן די רבנים־שטעלעס אין די קאלאניעס זיי האבן אומבאוואוסטזיניק דעם היתר באשטעטיקט: מ׳האט זיי נאר באדארפט צו־וויסן געבן אין וואס פאר א גרופע... האבן זיי גלייך אונטערגעשטעקט דעם גסה־חלק אונטערן זאטעל—דעם „דקה״—אין כאלעווע פון שטיוול, ארויף אויפ׳ן פערד, און אין גיכסטן גאלאפּ ווי די דאנסקע קאזאקן אנגעלאפן און געטאן די מלאכת הקודש... ניט מקפיד געווען אפשר האט חלילה דאס שטיקל פי אויף זיין רוקן די הייליקע דריי אותיות **j. c. a.**

שיין און שטאלץ פארריסן די באוואקסענע קאפ אין דער הויך פלעגט דער ליטווישער שוחט קרעל אויף זיין הויכן שימעל, —„בראצקי״, האט ער אים גערופן — אנ־לויפען.

דער „ביעלע גענעראל סקאבעלאיוו״ פארט! פלעגן די יונגע ליטוואקעס אקעגען שרייען.. די רוויטע בארד א צו-קעמטע האט געפלאטערט אין דער לופט, ביי דער זייט איז אים שטענדיק נאך געלאפן זיין ליבלינג „שנאפס״, א קליין קוצי הינטעלע—וואס דער שוחט האט אויף אים עדות געזאגט—אז ער מאכט קידוש איבער דער ליטווישער חלה מיט א בעסערער עברי ווי בערקע חסיד איבער א כוס של ברכה מיט בראנפן...

— „נישקשה די חסידים האבן אים דערפאר געגוג גערודפט״—ער דער ליטוואק פלעגט שחטען דאס שטיקל און זיך גלייך ביים פייער אוועק זעצן אריינזופן א טוץ ביטערע מאטעס. חברה האבן די „אסאדא״ — בראטן צו-געגרייט, און דוד מינדלין א שווארצער איידעלער ליטוואק מיט זעער א שענער שטימע האט דערביי אלע שירים פון אדם הכהן לעבענזאן ווי: די החמלה, „על אם הדרך״ אויס געזונגען:

על אם הדרך שמה מתגוללת
שושנה חכלילת עינים,
נהדפת מסער עליה נובלת
שוכבת פה מיומים
והיא מתחננת לכל נוסע
אנא אישים חנוני
שמרו צעדכם אותי מנגוע
פן ברגליכם תרמסוני...

דער שוחט פלעגט אין דער שטיל צובאמקען אויס-שרייענדיק אלע ווילע—פאר מתיקות אפנים—איי! איי! אזוי האט מען די שחיטה אין פילע גרופעס געפראוועט „זבח משפחה״ האט מען עס גערופען.. מ׳האט זיך בכיון אויף צו להכעים דעם דלות פריילאך געמאכט. די געזאנגען האבן זיך ביז די הימלען געטראגן, מלאכים האבן א פנים דארט דערהערט, און האבן מיט אונז מיט-געזונגען.

3-טער קאפיטל

# די הימלישע נגינה

שבת צו נאכט, א אויסגעשטערנטע ווארימע נאכט, דער הימעל קלאר און בלוי אָנגעשפּיגעוועט מיט מיליאנען פינקלדיקע שטערנדלאך קוקט זיך רואיק אראפּ אויף דער ערד, דער שמאלער הימעל-שאסע וואס ציט זיך פון צפון ביז דרום,—דער מילך-וועג איז עפּעס היינט אויפגערוימט, אויס געשאטן מיט א ווייסליכן ריינעם זאמד ליגט ער זיך שטיל אומבאוועגלאך... די קליינע שקצימלאך זיינע, די פלאַמענדע וואס האבען אפּט ליב איבערצושפּרייזען דעם שאסע.. אדער ווארפן שטיינדלאך—מעטיאָרלאך פון איין עק צום צווייטן ביז'ן סאמע האריזאנט.. אט א די קליינע עזות'ניקעס זעט מען איצט ניט, אלץ רוט אין דער בלויער שטילקייט פון דער שיינער נאכט.

אין דערמיט פון אונזער גרופּע ברענט א העלער פייער אויף דער ערד, און וועלוול דימאנדשטיין, א בויגיקער יונגער מאן קערעוועט אויף א שפּיז א גאנצע „וואקיזשאנע" א טעלעצע, ער גרייט צו די „אסאדא" דעם זבח משפּחה" וואס מיר פּראווען פאר אונזערע שכנים יענע נאכט.

הירשל תמים און זלמן בּאַס, געסט ביי אונז פון א ווייטער גרופּע, אידן מנגנים, זינגען די „אליהו הנביא'ס" און פאר דבק'ען זיך דערביי אזוי פרום, פונקט ווי דארט ביים טאלנער רבינ'ס טיש..

די גאנצע גרופּע, קינד און קייט איז אין דרויסן. מ'הערט זיך צו, צו דער האלב עצבות'דיגער מעלאדיע פון הירשל תמים ווי ער טרערעלט דעם פּערז; „איש איזור עור אזור במתניו"... און מ'עסט „אסאדא" און די עלטערע פאר-זופן אנ'„אמארגע" אַ ביטערע מאטע—

פלוצים האט זיך פון ערגעץ א קול נגינה פארטראגן, מיט אזא שיינער הארציקע שטימע אז ס'האט אזש דעם אטעם פון מתיקות פארכאפּט... די חסידים די „אליהו" זינגערס זיינען ווייס געווארן ווי קרייד, האבן די אויגן צום הימל פארריסן, א טראכט טוענדיק:—אפשר? דאס געזאנג האט זיך וואס אמאל העלער צוגאסן. אזוי זיס און עפּעס אזוי פרעמד אז עס הייבט, חיות'ט, און ציט די נשמה...

ווי באכשופט זיינען מיר אלע אויף די פיס געשטאנען, געהאלטן אנגעשטרענגט די אויערן און די בליקן צום בערגל וואס פאר דער לאגונא פון וואנען דאס זיסע פרעמדע געזאנג האט געגליטשט.

די יונגע קינדער האבן זיך הינטערן בערגל ארונטער געלאזן און מיט א פרייליך געלעכטער האבן זיי זיך באלד אומגעקערט מיט איינעם א באוואקסענעם מענשן פון א יאר פערציק וועלכער האט מיט א ברייטן פריינדליכן גוטן אוונט אין דער דייטשער שפראך אונז באגריסט, מיר האבן אים גלייך איינגעלאדן צו דער סעודה. אויס געזופט א פאר ביטערע מאטעס און פארבייסענדיק א שטיק בראטן, האט דער גאסט גלייך אינגאנצן זיין יחוס אויך די קליינע ביאגראפיע זיינע פאר אונז דערציילט:

דער פאטער א פראנצויז, פייפער דער פאמיליען נאמען, די מוטער אַ האלענדער׳ן און ער אנ׳אויסגעשטודירטער גלה און מוזיקער קען אַכט שפראכן.. האט אלץ אוועק געווארפן. האט זיך נאך דער פרייהייט פארביינקט... איינינע יאר אלס מאטראס אויף די שיפן ארום דער וועלט דורכגעמאכט. און שוין א צען יאר אז ער טרעמפעוועט. וואנדערט אין די פאמפעס פון ארגענטינע, מיט נאך איינינע אייראפעער וואגא-בונדן וואס גיבן זיך אן אלס געוועזענע גראפן, באראנען... ברויזן זיי ארום אין די פרייע פעלדער און וועלדער, קומען זיך צונויף מיט די אינדיאנער פון דער ארגענטינער רע-פובליק.

—אזוי איר זייט א גלח? וואונדערט זיך הירשל תמים, איז דער ניגון וואס איר האט געזונגען אודאי פון דער קירכע ארויס, א גע׳גנב׳עטער פון אונזער בית-המקדש א הימל נגינה... דער וואנדערער האט זיך צולאכט—ס׳איז דאך דער ארגענטינער הימן נאציאנאל. איר האט אים נאך ניט געהערט? אט וועל איך אים זינגען און אים אייך אין דער דייטשער שפראך פארטייטשן:

Oid mortales el grito sagrado
Libertad, Libertad, Libertad!
Oid el ruido de rotas cadenas
Véd en trono a la noble igualdad

הערט שטערבענדע דעם הייליקן רוף—
פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט!
הערט דאס געוויש פון צובראכענע קייטן
זעט אין טראן די נאבעלע גלייכהייט...

—אך! ס׳איז דאך ממש א שירת „האזינו השמים׳ שרייט אויס מיט התלהבות הירשל תמים—און לייגט ארויף זיינע ביידע הענט אויף זיין הארינקן צוכראשצעטן הארץ.

אַ געטליכע שירה! פאַטאקעוועט דער צווייטער מנגן זלמן באס און זינגט נאך. פארבייטענדיק דאס ווארט „ליבערטאד׳ אויף קדוש, קדוש, קדוש! דער גאנצער עולם איז אויף די פיס געשטאנען מיט יראת הכבוד זיך צו

געהערט צו דער רייכער זיסער הימלישער פאעזיע, ס'האט זיך געפילט און טאקע געהערט דאס געריוויש פון די צובראכענע קייטן, וואס פאלן אראפ פון די פיס יעדן אימיגראנט ווען ער באטרעט דעם באדן פון ארגענטינער לאנד וואס איז באזעלט מיט גלייכהייט פרייהייט פאר יעדער נשמה. מ'האט אפלאדירט דעם זינגער און אים געבעטן בלייבן מיט אונז.

ביז דער אומגליקליכער וועלט מלחמה איז ער מיט אונז געווען, — מיכל האט מען אים גערופן, יעדעס קינד האט אים געקענט, ווען די דייטשן האבן שוין אנטווערפען געהאט אפגענומען, האט ער זיין פעקעל געמאכט —זאגענדיק ברוגזליך:—איר אידן האלט מיט ווילהעלם דעם קליינעם? איך קען אים דעם לומפ.. ער וועט פאקן צובראכן ווערן אויף פראַך... און ער איז א ברוגז'ער נעלם געווארן פון אונז.

## 4-טער קאפּיטל

# „קולאַק העלדן"

אז דער מענש איז אַ צוויי פיסיקע חיה, דאס איז דאך שוין פון לאנג אָן באוואוסט, נור אז ער איז א חיה רעה, א „זוועך", א וואלף, א טיגער, און זיין פלאץ איז אין טורמע אדער אין אַנ'אייזערנער שטייג, דאס האט אונז דאן דער „אנארכיע פעריאָד" געלערנט.—יא מען מוז א פנים זיין געגוג מענש כדי האבן די ווערט צו טראגן דעם נאמען מענש... ניין און נייגציק פּראצענט פון אונז האבן עס ניט די ווערט...

טורמעס, פעסטונגען, גרייט פאר זיי אָן!—ניט קיין פרייהייט, אייזערנע שטייגען, און אומגעלומפּערטע ציגיינער וואס זאלען זיי ווי די בערן ארומפירן מיט רינגען אין דער נאז...

הא, מיר האבן עס דאן דערפילט, א באנדע שלעגער, פויסט - העלדן האבן זיך ארויסגעיאוועט פון צווישן אונז.. צוערשט האט מען געקלאפּט—קען מען זאגן בארעכטיקטע קלעפּ.. הגם דער קאנסענקוועגץ פון די קלעפּ איז אויך געפאלן אויף אונזערע קעפּ... מ'האט דעם מיל-נער פון דער מיל, א פראנצויזישער לומפּ, אנ'אויסוואורף און א שיכור, וועלכער האט אונז אנגעטאן געברענטע לייד:—טאג - ווייז פלעגט ער אפּהאלטן דאס ביסל מאַאיס וואס מ'פלעגט אים ברענגען צום מאלן, פלעגט זידלען אויף זיין פאַנפעוואטן לשון מיט די שמוציקסטע ווערטער... נו האבן אים די חברה שלעגער אונטער געקלאפּט די זייטן דוקא אויפ'ן רוסישן שטייגער... ער האט אבער פאר כעס די מיל צובראכן, אזוי קונציג האט ער זי צודרייט, אז אַ צייט לאנג האט קיין שום מעכאניק ניט געקענט צו רעכט מאכן איר און אליין איז ער נאכדעם נעלם געווארן פון קאלאניע.. נאכדעם האבן די חברה קולאקעס זייערע אייגענע ברידער אנגעהויבן צו ווייזן דעם ברוטאלן פויסט... מ'האט גע-פאטשט, געשלאגן אויף גאטס באראָט...

ס'איז געווארן שלעכט.. און אזוי ווי תמיד, ווען עס הויבט אָן שלעכט צו גיין האט עס קיין גבול ניט, אזוי איז ביי אונז דאמאלסט געווען, ערגער נאך שלימער האט זיך ווי א שנור געצויגן... הפקרות, און קרענק, קיין דאקטאר איז ווידער אמאל ניט געווען. דאקטאר קעסעל האט אונז איבערגעלאזן. די ביורא האט אים אויפגעהערט צו

צאלן זיין געהאלט מחמת לויט לאפינס א פאראָרדנונג האט די געמיינדע אויף אייגענע מיטלען באדארפט אויסהאלטן דעם דאקטאר און די אפטייק, — כדי אזוי ארום זעלבסט-שטענדיקייט ארויס צו ווייזן.. — און דערווייל זיינען מיר געבליבן אן א דאקטאר.

האט דער רופא, אדער סעלסקי פעלדשער גאספאדין מאליס, אנגעהויבן אונזערע קראנקע צו היילן...

מילא, מיט די געוועגליכע חולאת׳ן, איז ער ווי ס׳אי-אדורכגעקומען: — באנקעס, ריצענאייל, אדער מאגנעזי און פטור. אבער ווען ער האט באדארפט באזוכן א יולדות, זיין ביי אנ׳ערשטלינג, איז פרעגט שוין גאר נישט! פיל קינפע-טארינס פלעגן זיך אנברויגז׳ן און זיך איבערפעקלען אויפ׳ן עולם האמת...

משה אבעליאנסקי א געבילדעטער יונגערמאן וואס איז פאר׳ן משך פון עטליכע דאקטוירים אנגעשטעלט געווען אלס פראוויזאר און געהילף אין דער אפטייק האט זיך אזש די האר פון קאפ געריסן:

— מאליס הרג׳ט מענשן! האט ער געשריען, אבער דערביי איז דאס געבליבן; ווייל וואס האבן מיר פינס-טערע הונגעריקע קבצנים געקענט העלפן? ארימע יונגע מאמעס! זיי האבן מיט זייער לעבן — אונזער אומבאהאל-פענקייט באצאלט... זיי ליגן אלע אין איין שורה אויפ׳ן מאאוריצער בית עלמין, זייערע קלעגליכע מצבות דינען אלס הזכרה פון יענעם פארשאלטענעם פעריאד.

דער קלימאט האט זיך אויך אנגעברויגז׳ט אויף אונז, און גאנצע פיר מאנאט האט א טרוקעניש געהערשט, א טראפן רעגן ניט געפאלן; די פרי פארזייטע תבואות האבן זיך קוים געהאלטן אויף די שטענגלאך — און די שפעטיקע זיינען פארבליבן שטעקן אין שלונג פון דער ערד, ניט א הין — ניט א הער!

דאס ביסל קרעדיט, וואס די פעסטערע קאלאניסטן האבן געהאט ביים מאנאפאליסט — אונזערער א געוועזענער קאלאניסט און שפעטערדיקער קלייטניק, סאני העלמאן — איז אויך אפגעשניטן געווארן, דער מאנאפאליסט האט איינפאך די טירן פארשלאסן. מיר זיינען געווארן פאר׳יתמ׳ט הילפסלאז, עלענד, הונגעריק און האפנונגסלאז... די לאגע איז געווארן א אומגליקליכע און א פארצווייפעלטע.

דעם 26-טען נאוועמבער 1896 איז די לאגע עטוואס בעסער געווארן. גאט האט א רעגן געשיקט.

דער פלואוויאמעטר ביי דער אדמיניסטראציע האט אנגעוויזן 48 מילימעטער וואסער דעם ערשטען טאג, און 35 אויפ׳ן צווייטן. די פעלדער האבן געגומען גרינען, ס׳איז לעבעדיקער און פרייליכער געווארן.

דער מאנאפאליסט האט זיין קלייט ווידער געעפנט, און אויף דער גאראנטיע פונ'ם פרעזידענט פון אונזער קאמיסיאן, וועלכער האט אים געוויזן א פריוואט בריוו פון לאפינען וואו עס ווערט געמאלדן דאס איינגיכען קומט א רוסישער אדמיניסטראטאר דירעקט פון פעטערבורג וואס וועט די קאלאניע ווידער אויפלעבן, — אט א די ידיעה האט געווירקט, אז דער מאנאפאליסט זאל אויסבארגן 92 זעק-לאך „סעמיטע" אומגעבייטעלטע מעל מיט קלייען וועלכע זיינען צווישן די נויטבאדערפטיקסטע פארטיילט געווארן.

די ערוואַרטונג אויפ'ן נייעם רוסישן באאמטן, דער אפגעפרישטער גרינער פאסעוו, די צוויי זאכן האבן נייעם מוט אין אונז אריינגעגעבן, מ'האט געווארט און געהאפט.

5-טער קאפּיטל

## דער געפֿילפֿולער אדמיניסטראטאר ווארשאווסקי

דעם צווייטן דעצעמבער 1896 איז דער רוסישער אדמי-ניסטראטאר „גאספּאדין" ווארשאווסקי אנגעקומען אין דער קאלאניע.

א פולער מענש פון א יאר 40 מיט א רוסיאווא בארד און בלוי מילדע אויגן, זעער א גוטער מענש מיט א ווייכע הארץ און פול מיט ליבע צום רוסישן אימיגראנט, אבער דערצו מיט א זעער ווייבערשער נשמה... וואס עפּעס האט ער געוויינט! די קאלאניסטן האבן אים א פּנים דער פאר אליין גאר ווייניק רעספּעקטירט.—זיי זיינען שוין געווען איינגעוואוינט צו דער הארטקייט, צום בייזן בליק פון'ם מושל, און דא נא דיר גאר אנ'אדון וואס וויינט!...

א שטייגער אין שולע, ווען ער האט דערזען פיל קינדער וועלכע גייען בארוועס, און די הויזלאך זייערע וואס זיי טראגן זיינען אפּטמאל איבער גענייט געווען פון זייער מוטערס רוסישע חופה קלייד.. דערצו נאך א לאַטע אויף א לאַטע, נו האט ער זיך צו וויינט... איז גלייך געפארן קיין קאסארעס און האט דארט 50 קינדער אַנצוגלאך גע-קויפט, און פון זיין אייגענער טאש באצאלט..—טוט אזוינס אנ'אדמיניסטראטאר?

לייזער זאסלאווסקים א אינגעל האט א שלאנג א בים געטאָן, די מוטער לויפט מיט דאס געביסענע קינד אין אדמי-מיניסטראציע צום רופא מאַלים... אך! ווען ווארשאווסקי האט דערזען ווי דאס פיסל ביים קינד ווערט וואס אמאל מער געשוואלן, און דערהערענדיק ווי די מוטער קלאגט:— „פארפאלן מיין קינד! מיר זיינען אן א דאקטאר! אויף קאטערגע האט מען אונז פארשיקט, ארעסטאנטן גיט מען אויך א דאקטאר"!...—וואס פאר א צער דער איד האט ארויס געוויזן, און ווי ג'קללה'ט האט ער די פראנצויזישע ביוראקראטיע וועלכע וויל ניט פארשטיין די ליידן פון'ם רוסישן אידן!

—איך וועל טעלעגראפירן צו דער בעראנעסע הירש... איך וועל שרייבן קיין פעטערבורג. מיין גאט! וואס פאר א שקרים די דירעקציאנס באריכטן טראגן איבער'ן ים!... אייראפּע מיינט דאך אז איר זיינט גליקלאך!...

ער האט זיינע רייד מקיים געווען אט דער גוטער מענש! טאקע צוליב זיין טעלעגראמע האט די פרומע בא-

ראנעסע דע הירש באלד ארויסגעשיקט דעם יונגן דאקטאר לעווענזאן, וועלכער האט נאר וואס זיין שטודיום פארענ־דיקט אין דער שווייץ, וואו ער האט געלערנט אויפ׳ן באראנ׳ס קאסטן.—אליין האט ער געשטאמט פון קאמענעץ פאדאלסק, און זיינע עלטערן זיינען געווען קאלאניסטן אין מאאוריציא... די באראנעסע האט אים אויך א פאר טויזנטער מיטגעגעבן אויף מעדיצין און מעדיצינישע אינסט־רומענטען.

דער גוטער ווארשאווסקי האט באלד די אדמיניס־טראציאנע קאסע געעפנט: ,פארשוס׳ אדער ,אדעלאנטעס׳ האט דאס געהייסן; צו פינף פעזאס אויף א פארזייטן העק־טאר האט ער א יעדערן אויסגעליען... און די העקטארן האט מען שוין דאמאלסט ניט געמאסטן...

ס׳איז פרייליכער געווארן אין דער קאלאניע.

6-טער קאפּיטל

# א צוועלף טאגיקער רעגן

עס האט זיך אנגעהויבן די קאסעטשע 1896-97 דורך דער פריערדיקער טריקעניש איז קיין סך שטרוי אויפ׳ן פעלד ניט געווען, די פרי-ווייצן האבן ווינציק שטרוי, דערפאר אבער פיל זאנגען מיט גוטע דיקע קערנער געהאט; זיי האט מען כמעט אלע באלד אראפּ געשניטן, און אין די פארוועס צוזאמען געלייגט. די דרעש מאשינע האבן באלד אנגעהויבן דרעשן, און א גלענצענדן רעזולטאט ארויס באקומען. די שפּעטע ווייצן, וואס זיי זיינען ביי אונז דאס רוב געווען, זיינען נאך גרינלאך געשטאנען אויפן פיען און געווארט.

ווארשאווסקי איז גאר אנציקט געווען פון אונזער ארבעט, א גאנצן טאג איז ער אומגעפארן אויף די פעלדער, און געשעפּט תענוג פון אונזערע מיידלאך וואס גייען נאך דער שנייד-מאשין, שטעלן צונויף סנאפּעס; צי פון אונזערע „קוואדריזשאס״, די ארטעלן וואס האבן געארבעט ביי די „טריזשאדארעס״.

אלץ איז געגאנגען כשורה, מען האט שוין אנגעהויבן שניידן דעם שפּעטן ווייץ אויך. איז אבער א פּנים קיין מזל ניטא!

דעם 18-טען יאנואר פון 1897 אין סאמע ברען פון קאסעטשע און פון דרעשן האט זיך פאררעגנט... אט אזוי רעגנען, ווי עס קען נאר פּאסירן אין דרום טראפּי-שען ארגענטינער געגנט... פּשוט מיט עמער, מיט צעבער וואסער האט דאס געגאסן; צוועלף טאג נאכאנאנט האט געמבולט... די ערד איז צואווייקט געווארן אז באין אויפן האט מען די מאשינעס ניט געקענט רירן פון פלאץ; צוואנציק פּאר אקסן האט מען אינ׳ם מאטאר געשפּאנט, אפּגעשלעפּט אייניגע מעטר, איז ער איינגעזונקען געווארן אין דער ערד. די אָקסן האבן זיך אונטער געריסן, גע-גרוזניעט ביז אין די בייכער אין בלאטע, געשטעקט די רויטע צינגער פון מויל, האבן געפּראכט, געסאפּעט, גע-ריסן די קייטן, צובראכן דעם דישעל און ניט געקענט רירן פון אָרט.

די „אטאדארעס״ וואס זיינען ביים אנהויב רעגענען אויפ׳ן פעלד ביים שניידן דעם ווייץ געבליבן, איז אין די טאל-ערטער, וואו דער קאמפּ איז א „באכאָ״, זיינען זיי שוין דארט געשטאנען א גאנצן מאנאט. ביי די „פארוועס״ ווייץ

אויפ׳ן קאמפּ זיינען אויף די דעכער זייערע אויסגע-וואקסן גרינע גרעזלאך און אליין זיינען זיי ביסלייכווייז איינגעזונקען געווארן אין דער ערד, אייניגע האבן זיך פון דער נאסקייט אנגעצונדן, מען האט נאר געזען ווי א דינער רויך זעצט ארויס פון אינעווייניק, און אנטקעגען דער הייס-ברענענדער זון האבן אפּגעשלאגן פונקען פייער פון גרינע שיינע אויסגעוואקסענע בערגלאך. אזוי זיינען אייניגע סטער-טעס ברויט איבערגעברענט געווארן אין מיסט...

מען קען זיך לייכט פארשטעלן דעם ווייטאק און די שמערצן וואס איינער פילט, ווען ער זעט ווי זיין חיונה, זיין פּרנסה פון א יאר צייט שטייט פארטיק פאר זיינע אויגן און זי ווערט פארלוירן.—א אמת׳ע תוכחה...

ישראל ראַגאוו א קליין נידריק אידל פון דער ליטא, זעער אן ארבעטזאמער קאלאניסט שטייט און טענה׳ט מיט ווארשאווסקין—זאגט מיר אָקארשט איך בעט אייך, צו וואס פאר א שד האבן זיי אויסגעזוכט ארגענטינע? שוין זעקס יאר פלאגען מיר זיך דא, איין צרה גרעסער פון דער צוויי-טער, איין אומגליק פאלגט נאך דעם צווייטן... ס׳איז גאר קיין באדן ניט פאר אגריקולטור... קיין אפּגעזעצטער קלימאט, מיר ווערן דא פארפאלן אין כף-הקלע...

— פארפאלן בנאמנות! — פּאטאקעווט אים דער צווייטער ליטוואק ישעיה שאַפּירא—אנ׳איידעלער איד מיט א געדיכטער בארד—א קללה, א חרם איז פאַראן פון דן יצחק אברבנאל, אז מ׳זאל ניט ארבעטן די ערד, אַ וואו די אינק-וויזיציע האט אידישע ביינער געברענט, און דא האט מען געברענט... בנאמנות..—פארזיכערט ער, די קאלאניזאציע וועט דא ניט האבן קיין קיום.

7-טער קאפּיטל

## דער דלות איז ווידער דא

עס קלייבן זיך צוזאמען ארום ווארשאַווסקען די אלע אנגעוויטאַקטע קאלאניסטן און האבן הנאה, וואס זיי קענען זיך כאטש אביסל אָפּרעדן פונ׳ם הארצן.

הכלל דורכ׳ן רעגן איז די קאסעטשע פארפוילט גע-ווארן; דער דלות האט זיך ווידער אין קאלאניע ארײנ-געקליבן און זיך צוזעצט בהרחבה.

די ווייצן וואס מען האט שוין יאָ שפּעטער אויסגעדראשן זיינען ארויס געקומען צוּוואקסענע, נאסע און האבן א קליינעם ווערט געהאט. וואלט כאטש די מיל געארבעט, וואלט מען די נאסע ווייצן ווי ס׳איז געטריקנט און געמאלן אויף ברויט, שטייט אבער די מיל אויך; דער שכור האט זי אומצורעכטבאר צובראכן; דריי מעכאניקער האבן אלץ געטאן ארום דער מאשין, זיי האבן אבער ליידער איר ניט געקענט פארריכטן...

צום אומגליק האט מען דעם גוטן ווארשאַווסקען אויך באלד צוגענומען פון אונז.

— ווייזט אויס אז די פראנצויזן האבן געזיגט, און פּעטערבורג איז ארונטער געפאלן — אזוי האבן די קאלאניסטן דאמאלסט צווישן זיך גערעדט.

ווארשאַווסקי האט זיך פיין צוזעגנט מיט אונז, און מיט דעם אלטן פזמון פון אלע אפרייזענדע, האט ער מבטיח געווען אונז, ניט צו פארגעסן (איך וועל ניט פאר-געסן אויף מיינע ארימע ברידער וועלכע כ׳לאז אין דעם מדבר) — האט ער ביי זיין געזעגנען זיך געזאגט!. ער איז אוועק געפארן און זיין שטעלע האט פארנומען דער פראנ-צויזישער שפּיאָן און דער פארדאמטער יעזואיט פראפעסאר הייאים.

ער האט גאר א קליינעם צער געהאט פון דער דא-מאלסטיקער קריטישער לאגע; ער האט זיך ברייט צוזעצט אויפ׳ן כסא המלוכה, און אלס אדמיניסטראטאר האט ער מיט א פעסטערן טאן געזאגט:—שטאמפּען זיי מאאיס צום עסן. מאן ברויכט קיין ברויט—זאָ לעבען די ארימע איטאל-יענער!—

ס׳איז אונז ווידער געווארען שלעכט, און אפשר גאר ביטער, אבער מיר האבן ניט פארצווייפעלט! דעם וואונדער קען איך פארצייכענען; קיין יאוש האט דאמאלסט—נאך דער

ניט געלונגענער קאסעטשע—אויף אונז ניט שולט געווען; מען איז נאך גראד אָפּטימיסטיש געשטימט געווען: די אידעאליסטן האבן געדרונגען אז עס טרעפט אומעטום, עס קומט א רעגן אין מיטן שניט, און פארדארבט דאס ברויט... די ארימע וואס האבן גאר א קנאפּע קאסעטשא סיי ווי סיי געהאט, יענע זיינען צופרידן געווען מיט׳ן אויסגלייך... — איצט זיינען מיר אלע גלייכע יחסנים, ניטא קיין ר׳ געצעלע דער גביר. דער בעל גוף פונ׳ם דארף...— אזוי האבן די ארימע צופרידן אונטערגעזאגט.

אז עס איז ניטא אויף וועמען צו פארלאזן זיך, האט יעדערער שוין גוט געוואוסט, און מען האט אנגעהויבן זוכן ארבעט, עפּעס צו פארדינען יעדערער צו וואס ער איז פייאיק געווען.

מיין עלטערער זון, איז שוין דאמאלסט בר מצוה געווען, א בחור איבער דרייצען יאר אלט, איז ער אלס ׳קארטאדאר׳ אדער סנאפּעס אויפשניידער ביי דער דרעש-מאשין פארדונגען געווארן, א גאנצן טאג איז ער געשטאנען אויבן נעבן צילענדריסט, און צושניטן די שטריקלאך פון די סנאפּעס וואס גייען אין באראבאן אריין. א קארטאדאר א מושלם...

די מוטער האט אים נאר אפּגעהיט פארטאג איידער ער איז צו דער ארבעט אוועק, אז ער זאל די תפלין אָנטאן... ער זאל חלילה ניט זיין קיין „קרקפתא דלא מנח תפלין״... איך און נאך אזעלכע בריות האבן מיר אפּגעזוכט „וויאכעווען״ דאס הייסט בעל-עגלה׳ווען... ביי אייגענע און אין דער פרעמד...

זעקס אקסן האב איך מיר איינגעשפּאנט, אויפגע-לאדן 30 זעק ווייץ, און מיט נאך בעלי עגלות בין איך קיין קאסאראס געגאנגען,—כדי אויף יו״ט (פּסח) צו פאר-דינען, אין א בלאטע ווען דער וואגן איז פארגרוזנעט געווארן האט מען מחילה די תחתונים אראפּגעווארפן, די זעק אריבער געטראגן, און ווייטער מיט׳ן גמרא ניגון פאר-געזעצט:—וואמאס קאשטאניע! וואמאס נעגרא! אבי פאר-דינט — מיט׳ן אויבערשטענס הילף — דריי פּעזאס וועלכע אונזער גוטע קרעמערין פרומע פאלאטניק פלעגט שוין אויף דער „וואליע״ (ארדען) פון גאלפּאנערא אויסצאלן; אמת נישט אין מזומן, נאר מיט סחורות... א היים האב איך געפירט פון איר קלייט: א קילא זשערבא, צוקער און אויך פינף קילא פרישינקע גאלעטן — ס׳איז געווען פּשוט א מחיה שוין ניט אזוי ווי דאס וויאכעווען פון 1893 — און איר הערט? זיך אליין אויך אפט עטוואס צו פארגינען כלעבן... גענומען א קאפּעטשקע בראנפן, און אין צווייען בשותפות מיט א קאמפּאניאן א גאנץ קעסטעלע סערדעלן פון גאנצע 25 סענט אויפגעגעסן... ציבעלעס און אביסל עסיק פלעגט שוין די גוטע נשמה די קרעמערין געבן אירע

קונים אלס צוגאב, אדער „לא דזשאפּא״ ווי מען זאגט עס דא; פּארויכערט א ווייס קליינע ליימענע פּיפּקע, זיך דורך גערעדט אביסל פּאליטיק מיט די רייזענדע פון אלגאראבא, און אז ס׳איז נאכט געווארן, ארייַנגעלייגט זיך אין וואגן, דאס אויערשטריקל אויף די הערנער ביי די אקסן פאר-בונדן. און מען האט זיי שוין גארניט באדארפט זאגן...

— די אקסן הונגעריק און דארשטיק, ווען זיי האבן נאר דעם ליידיקן וואגן דערפילט, זיינען זיי געלאפן פּאַטשטאַם א היים...

8-טער קאפּיטל

## אַ בעל עגלה'שער כאר

פריילאך האט זיך דאמאלסט גע'בעל - עגלה'ועט אין ליכטיקער לבנה נאכט, ווען מען האט אופ'ן וועג אנגעטראפן די צוויי בארימטע „וויאכעראס' מאקס רייכעלסאן און „ייב ווילענסקי, איז שון א פשוט'ער נחת געווען... דער לעצטער האט זיינע מעלאנכאלישע זיסע אוקראאינער לידלאך געזונגען:
—כאדע טשומאק, סיעם ליעט זא דונאיי.—און מאקס האט פון זיינעביידע פויסטן א קלארנעט געמאכט, און אים צוגעפייפט צום טאקט... אדער בעת דער פייפער האט אליקום צונזערס „צווישן אזיע און אייראפּע געזונגען":

צווישן אזיע און אייראפּע
בין איך אין אנ'אכסניה פארקראכן
כ'האב זיך אויסגעמאשטשעט שלאפן
אין א שמלאן קארידאר...
צו קאפּנס אמונה
אונטער זייט בטחון,
אין בין אפּגעשלאפן
ניינצען הונדערט יאר, א. ז. וו.

און ווילענסקי האט אים אויף זיין באריטאן שטימע אונטער געהאלטן, נאכדעם האט מען אויסגעזונגען גאלד-פאדנס אלע לידלאך פון „שולמית"...

די אקסן האבן שוין דעם וועג געקענט און זיינען זיך אליין ווייטער געגאנגען, מיר פלעגן זיך אלע בעלי-עגלות אויפ'ן פעדערשטן וואגן אויסזעצן און שאפן א כאר... די איבעריקע וועגן אונזערע זיינען גלייך אין דער קארוואנע נאך געגאנגען, אין יעדער בלאטע און „פאנטאנא" (זומפּ) האבן זיך די אקסן אפּגעשטעלט, אפּגענעצט די פארטריקענטע צינגער, און דאן ווייטער צוגעפירט יעדן וואגן צו זיין שטוב.

אט האט איר א שיינעם עפּיזאד;

איין מאל ביי נאכט, פארנדיק פון קאסארעס, זיינען מיר אזוי א גאנצער כאר אין גרופּע ארייננעפארן גראד מיט דעם פערז פון „שולמית"

פלאקער פייערל פלאקער!
לייכט אונז פריילאך צו...

דער אלטער שמעון לעווינסאן, דעם יונגן דאקטארס פאטער, האט פונ׳ם שלאף דערהערט „פייער״! איז ער ארויס א נאקעטער... חברה האבען אים אויפגעכאפט... און א צייט מיט יארן האט מען זיך געוויצלט איבער זיין דאמאלסטדיקער שרעק...

אין דער שטימונג זיינען מיר דאמאלסט געווען, ווי ארעסטאנטן אין טורמע, וועלכע מאכן זיך פריילאך, לאזן ניט אז דער יאוש זאל זיי באהערשן, אזוי האבן מיר דאמאלסט מיט אן עקשני׳שער גבורה זיך ניט געלאזט איבערגעבן דעם שווארצן פעסימיזם אין האנט אריין.

דאס לעבן איז טאקע נאך געווען יונג, און די קלעפ פון דער רוסישער נאגייקע האבן זיך נאך געפילט אויפ׳ן לייב...

א צייט מיט יארן, קען איך פארזיכערן, אפשר צען לאנגע יאר, פלעגן מיר זיך נאך אלץ חלומ׳ען דער קאמע-ניצער גובערנאטאר „גלינקא״ וואו איך האב פריער געוואוינט און „זעליאני״ דער גראדאנאטשאלניק פון אדעס, וואו איך האב מיין פאס געביטן איידער איך בין אהער געקומען... און אז איך פלעג ערוואכן און דערזען, אז איך בין אין דער פרייער שיינער ארגענטינע, האב איך זיך אויסגעלאכט פון אלעליידן... אזוי בין איך געווען, און אזוי אלע אנדערע דאמאלסטיקע יונגע קאלאניסטן.

—פרייהייט, פרייהייט איבער אלעס! דער געדאנק האט אין אונז געלעבט, אונז באמוטיקט.—עס איז דאך גאר א נארישקייט — „מאן דיהיב חייא יהיב מזונא״ ביטער איז נאר די עלטערע מענשן געווען.

איך געדענק דעם פסח פון 1897 א יאר צייט נאכ׳ן באראנ׳ס טויט, ווען דער פראפעסאר, דער ווייסער יעזואיט, איז געזעסן אויפ׳ן שטול... האבן די עלטערע אידן ביים הלל ביטער געוויינט: פיר אונז ארויס גאטעניו פון דעם נייעם מצרים!—האט שלמה באראכאוויטש געקלאגט, און אזוי ווי תמיד אום פסח, שאפט זיך דער אידישער גייסט א גאולה... אזוי האט זיך דאמאלסט אויך אלס נס א קלאנג צוטראגן, אז מיר ווערן פריי...

אז די קאלאניע ווערט פארקויפט.

9-טער קאפיטל

## מען פארקויפט מאאוריציא.

א קלאנג האט זיך פארשפרייט אין קאלאניע אז עס איז שוין באשטימט פון פאריז: מאאוריצער לענדער ווערן פאר-קויפט, און מיר ווערן באפרייט פון דער קאלאניזאציע— און יענע קאלאניעס אין סאנטא פע, ענטרע ריאס, איז אויך ענליכעס געשעען...—פארשידענע קאמענטארן זיינען געמאכט געווארן, יעדער איינער האט זיך די פרייהייט'ס לעגענדע אויסגעמאלט נאך זיין ווּאונש, און נאך זיין אידעע נאך. די אידן מיט'ן חובבי ציון-גייסט האבן באשיינפערלאך געזען אנ'„אתחלתא ד'גאולה" אז מען וועט אלע קאלאניסטן אריבערפירן קיין ארץ-ישראל — מילא א פעלער האבן די גדולים געמאכט, באגראבן א פאר מיליאן אין ארגענ-טינע: איז וואס? ווען זיי צוריק כאפן באציייטנס, פארפלאנצן דעם אידן דארט פון וואנען זיין שורש קומט... אזוי האבן זיי גערדרונגען...

די מאמינים, די אידן פון די אידישע שטעטלאך, וואס זאגן אז מען טאר ניט מקרב זיין דעם קץ, אז קיין ארץ-ישראל דארף מען גיין נאר דורך א נס... די האבן גערדרונגען אז מען וועט אריבערפירען קיין נארד אמעריקע; און גאר א טייל האבן גערדרונגען, אז מ'וועט גאר אין ערגעץ ניט פירן, אז מ'וועט יעדערן באלוינען פאר די זעקס יאר מצרים-ארבעט, און זאל ער גיין וואוהין ער וויל.

א קערנדל אמת האט זיך געפונען אין דעם קלאנג דער פראיעקט צו פארקויפן מאאוריצער ערד,—וואס טויג צו גאר ניט—אזוי האבן א טייל אגראנאמען באהויפטעט— איז טאקע פארגעלייגט געווארן אין פאריז. אבער ניט דאן. דאס איז געשעען ערשט שפעטער מיט א יאר נאך דער הייושעריק-מגפה, ווארום האבן זיך די אידן דערוואוסט פון דעם פראיעקט פריער מיט א יאר? דאס איז דער סוד פון אידישן פאלק, וואס אלע גזרות לרעה ווייסן זיי פארויס..

דערווייל האט זיך היפשלאך גערעשט; עס האבן זיך אנגעהויבן בילדן כנופיהס, פארטייען ארץ ישראל'ניקעס, אמעריקאנער און ארגענטינער, יעדערער פון די דריי פאר-טייען האבן געשלעפט צו זיך... מער פון אלע האבן געוואונען די חובבי ציון, אין אַ פאר וואכן צייט איז כמעט דאס רוב קאלאניסטן געווען מיט דער פעסטער מיינונג אז מען פירט איבער קיין ארץ-ישראל.

## 10-טער קאפיטל

# ארץ־ישראל

ווער האט די בשורה געבראכט?

ערגעץ וואו האט א פויגל אין וואלד געזונגען, א פרייער הירש איז אין פעלד אדורכגעלאפן... א בשורה האט זיך פון ערגעץ ווייט ווייט דערטראגן.

— „ארץ ישראל״!

א שטראָם ליכט, א כוואליע פול מיט זיסער האפנונג האט זיך איבער אונזערע קאלאניעס צוגאסן, יעדער פנים האט געשיינט, יעדער צונג האט מיט פרייד די צוויי ווערטער געפליסטערט!

— „ארץ ישראל״!

אויף די וועגן, אויף די סולעפקעס, אין וואלד און אין פעלד, אין גארטן און שטוב האבן זיך די צוויי ווער־טער געקרייזעלט

— „ארץ ישראל״!

אין מיטן וועג שטייט א בינטל קאלאניסטן, אלע זיינען צופלאמט, מ׳רעדט וועגן ארץ ישראל...

געבויגענע רוקענס, שווארצע און גרויע בערד מיט פארבענקטע בליקן הויבן די אויגן צום ווייטן מזרח און טענהן מיט די הענט.

א קליינטשיקער איד מיט א געשארן גרוי בערדל מיט זעער אָנ׳ערנסטן פנים, אפרויקע וואגמייסטער, א חבר פון די „בילו״,—האט נאך אין די 80-ער יארן געזאלט זיין אין ארץ ישראל,—שטייט פארפלאמט און רעדט הארציק: איר הערט מ׳דארף זען אז מ׳זאל אונז באזעצן אינ׳ם „גלול״ דארט וואו מען קען זיך פארנעמען מיט אגריקולטור, ניט בלויז מיט פלאנצ׳ן כרמים... — ווער זאל אייך באזעצן, זיי דעם בּאראנס דינער? — רופט זיך אָפּ מאקס גערשונאוויטש, א ליטוואק און זעער א סקעפּטיקער, גיכער וועלן זיי אונז קיין בּראזיל טראנספּארטירן דער געלער פיבער זאל אונז פארשלינגען, אין דער טשאקא, אין די פּאמפּאס, א וואו דער זאמד זאל אונז די אויגן אויסברענען... אבער ניט קיין ארץ ישראל.. מאַקאַנעס ברידער! גלויבט ניט אויף זיי...

דער ערשטער רעדנער ווערט ברוגז, אנ׳עבירה כלעבן צו ריידן אויף א געזעלשאפט וואס רופט זיך „חכיה״, אזעלכע

מיאוסע רייד. זיי וועלן אונז איבערפירן אהין און ניט אונז אליין, פיל טויזנטער אידן וועלן זיי מיט׳ן פאראנ׳ס מיליאנען קאלאניזירן אינ׳ם ארץ האבות—פארזיכערט ער מיט הארץ...

כמעט אלע פאטאקעווען אפרויקעס ווערטער.

עס רוקט זיך ארויס דער אלטער יאסל און שרייט אויס. שאט!—איר הערט ברידער איך האב מורא!...

אלעמענס בליקן האבן זיך א קער געטאן צום אלטן, וואו ער איז געשטאנען צושפרייט מיט אלע צען פינגער פאר׳ן פנים ווי ביי כהנים דוכנ׳ען און אונז געבענשט מיט מורא...

וואס איז די מורא ר׳ יאשעס?—האבן עטליכע שטימען מיט אמאל א פרעג געטאן.

איך האב פחד אז וויבאלד זיי מיט אלע אידישע מיליאנערן וועלן זיך נעמען צו ארץ ישראל.. וועט מען אונז ניט ארייןלאזן...

א גרינער אנ׳ארימער אימיגראנט מיט צוויי קוישלאך מאראנצן איןביידע הענט — מאטל רעפעטור—שרייט אויס אויף א קול אפ׳ענטפערנדיק דעם אלטן יאשע:

ווער וועט ניט ארייןלאזן אלטיטשקער, דאס ארימע טערקל צי דער פארלייזטער אראבער? איך קום ערשט פון דארטן, איך בין געווען אין ארץ ישראל איך קען עס גוט, לאזן נור די גדולים אונז אהין נעמען מעגן מיר גיין אן שום מורא...

דער אלטער האט דעם גרינעם א ווײלע באטראכט, האט זיך געשמאק אפגעזיפצט:

—ניט פאר׳ן טערק און ניט פאר הגר׳ס קינדער האב איך מורא, מיין קינד, נור פאר׳ן צלם!... די ביינער פונ׳ם „יוזל׳ ליגן אין ירושלים.. רוים וועט קיינמאל ניט דער-לאזן ס׳זאל מקוים ווערן דער יבנה ירושלים, פארענדיקט דער אלטער און טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן.

דער גאנצער עולם איז אויפגעקאכט געווארן:

—אט הויבט זיך אן מיט די אלטע! זיי ווילן ניסים, משיחן מיט א שופר אין האנט זאל זיך שטעלן מיט איין פוס אויף דער שול און מיט׳ן צווייטן פוס אויפ׳ן בית-עו׳ם...—מיר׳ן גיין, מיר׳ן ארבעטן! ס׳איז אונזער לאנד, ס׳איז ארץ ישראל!

א וודאי וועלן מיר גיין! שרייט אויס שמואל שיכמאן א איד א גבר און קנאלט אויס מיט דער לאנגער בייטש, וואס האט געהאלטן אין האנט, מיר׳ן צופלעכטן צושמייסן אלע אונזערע שונאים וואס וועג׳ן זיך אונזשטעלן אין וועג..

דער עולם האט זיך פון זיינע רייד פריילאך צולאכט מ׳האט זיך גענומען צו אברהם דאך און בערל שיינבארג די כלומרשט רייכע קאלאניסטן וואס זיינען אומעטיק געשטאנען צווישן עולם און געשוויגן — און געפאדערט ביי זיי אויף משקה... ס׳איז געווארן גאנצע צוויי פעזאס וועלכע מ׳האט שפעטער ביי סאני העלמאן אין אלמאסען געטרונקען מאגאריטש פאר ארץ ישראל.



י. ק. א. - דירעקטאר סאמועל הירש

11-טער קאפּיטל

# דער גרויסער אידישער גערטנער

לאזט מיך, איך בעט אייך, דערציילן א שטיקל גע-שיכטע פון אונזער אנקומען אהער, און ווי אזוי איז די ליכטיקע ארץ ישראל בשורה צוגעשוואומען צו אונז.

א שטיק פון א צובראכענער, פארזשאווערטער קאנאנע נעבען א לאנגן טיפן גראבן וואס האט זיך אויפ׳ן גבול פון אונזערע פעלדער געצויגן האבן מיר דאן ביי אונזער אנקו-מען אהער געטראפן.

דער אלטער אויבענדערמאנטער אינדיאנער „מורעטא״ א זקן איבער א מאה, האט זיך דארט אין זיין פעלענע „טשאסע״ שוין א צייט מיט יארן געלעבט. ער האט ניט געוואלט פארלאזן דאס ארט פון זיינע אלטע זכרונות, וואו ער מיט זיין שבט אונטער דער קאמאנדע פון זייער העלדישן קאציק „מאקטעצומא״ האבן א קעגן דעם גע-נעראל — און שפּעטער פרעזידענט פון דער ארגענטינער רעפּובליק כואן מאנועל ראזאס געקעמפט, און אויך זייער פרייהייט פארלוירן...

וויסט און פארווילדעט איז דאס שטיק פעלד ארום דער מלחמה קאנאנע אין איינזאמקייט זיך געלעגן, סטאדעס מיט פרייע הירשן, שטרויספויגעל האבן זיך צווישן זיינע הויכע „זשוזשעס״ געפּאשעט, שלענג און „לאגארטעס״ האבן אין דער אלטער קאנאנע זייערע דורות אויסגעפירט. — היינט שנייט דארט דורך דער אייזנבאן און א שטאדט מיט׳ן נאמען „מאקטעצומע״ איז דורך אידישע אימיגראנטן — הענט אויסגעבויט געווארן. א לאנגע שיינע קייט פון הייזער, גערטנער, באבלומטע און באפרוכפּערטע פעלדער, וועלדלאך, פרוכט-סעדער ציען זיך מיט גראציעזן שטאלץ פון מאקטע-צומע ביז אין דער צווייטער באן סטאנציע וואס טראגט דעם נאמען פונם זעליגן בארון: „הירש״ וואס זיינען א לעבעדיקער עדות אז דער אידישער געדולד ארבעט און עקשנות האבן מיט דער הילף פונם לעצטן „הירש״ גובר געווען דעם ערשטן, און פון דער ווילדעניש און וויסטע א ריכטיקן גן עדן געמאכט...

אט צו יענעם אלטינקן אינדיאנער האט זיך דאן איינער א בחור׳ל פון די אימיגראנטן זעער אנ׳איידעלער יונגערמאן הערש לייב בעקער צוגעשלאגן, האט זיך מיט דעם אינדיאנער באפריינדעט און ווי צוויי חברים האבן

דער אלטער מיט דעם יונגן זיך רואיק אין דער פעלענער ביידל געלעבט. דער אלטער האט אים פון די גבורות די העלדענטאטן פון זיין קאציק דערציילט, און דאס בחור'ל א משכיל, א הובב ציוניק פון דער היים, וואס האט ניט געוואלט איינשטימען צו דער מנוחה ונחלה פונ'ם ארגענ-טינער לאנד, — האט אים פון אונזערע השמונאים די גבורות פון יהודה המכבי, בר כוכבא, דערציילט.

פלוצים אין א שיינעם דאנערשטיק ווען פיל קאלא-ניסטן זיינען אין אלגאראבא צו דער אדמיניסטראציע זיך צוזאמען געפארן זיינען די ביידע ווילדע חברים, דער יונגער מיטן אלטן פארפלאמטע און פרייליכע צורייטן געקומען און דער קליינטשקער הירש ליביק האט פאר'ן עולם א בריוו געלייענט, וועלכן ער האט פון זיין פעטער יצחק מאיר בעקער פון בוענאס איירעס באקומען: דער פעטער שרייבט אים, אז דער „דזואיש קראניקל" פון לאנדאן זאגט: אז די גדולים פון אייראפע און פון אמעריקע פלאנעווען עפעס א אידישן קאנגרעס. און איינער א דאקטאר האט ארויס-געגעבן א „יודענשטאט", אין מ'וועט צוריק באלעבן אונזער אלטע היים.. אלע ארגענטינער אידישע קאלאניעס וועלן פארקויפט ווערן — שרייבט דער פעטער — און מיר אלע ארגענטינער אימיגראנטן וועלן זיין די ערשטע קא/א-ניסטן אין אונזער היים-געליעבטער פאטערלאנד ארץ-ישראל.

דער אלטיטשקער אינדיאנער האט מיט זיינע רויטע אויגן צו אונז געפינטלט און מורמלענדיק: קע ביען! קע סויערטא!

יצחק מאיר בעקער מיט נאך איינעם א ליטוואק יעקב שמעון ליאכאוועצקי און א דריטער היינריך סאן זיי זיינען געווען די גרינדער פונ'ם ארגענטינער ציוניזם, וואס נאך פיל גלגולים און צאנקערייען פארנעמט ער היינט א שיינעם פלאץ אין דער באוועגונג פון אונזער „תחית הלאום", איך וועל שפעטער ריידן דערפון.—

די לעגענדע האט זיך דאן צושפרייט איבער אלע קאלאניעס, אפילו פרויען און קינדער האבן גאנצע טעג נאר דערפון גערעדט: — „מיר ווערן פריי, מיר גייען קיין ארץ ישראל"!

וואונדערבאר! ווי קען מען עס פארשטיין? דער גרויסער גערטנער פונ'ם אידישען כרם וואס די צייט האט דאן גע-בוירן—הערצל האט נאר אנגעהויבן זיין טעטיקייט ארום דעם פעלד, געבעטן א צוזאמענפאר פון די טרייסטע בני ישראל, אהין קיין באזעל, א טראכט צוטאן עפעס וועגן דעם אלטן „כרם"... האבן שוין דא אין דער פארוואר-פענער ווייטער ארגענטינע די וויינשטאקן, די אויסגעריסענע פון יענער ערד צוריק מיט צוויי טויזנט יאר דערפילט און זיך געצויגן אהין פון וואנען זיי שטאמען...

—נאט אייך אפ דעם קאנטראקט מיט אייער פראצענט נעמען מיט אייער ערד אויף אייביק געקויפט—האט מאטע

פרענקל צום ווייסן יעזואיט הייאים געזאגט, איך גיי מיר אהין אין אונזער הייליק לאנד. דארט דארף איך קיין קאנ־טראקט ניט.. אונזער ארץ ישראל־ערד ווערט ניט פארקויפט... „והארץ לא תמכר לצמיתית״ מיר וועלן זי ארבעטן אן קאנטראקטן—אויף דור דורות...

— יא! ענטפערט אים דער פראפעסאר, זיי וועלן הונגערן דארט! זיי וועלן צוריק קומען... און זיך ביי אונז בעטן... — דעם דריטן טאג א שטיקל ברויט צו עסן דארט וועט מיר ליבער זיין, ווי אייער ארגענטינע מיט׳ן „סיר הבשר״, די ווילדע פלייש,—ענטפערט אים פרענקל...

—ליידער איז דעם פראפעסארס נבואה מקוים געווארן, דער זעלבער פרענקל נאך מיט אייניקע קאלאניסטן זיינען אוועק אהין און זיינען טאקע שפעטער צוריקגעקומען.. זיי זיינען נעבאך געגאנגען אהין פאר דער צייט. מיר וועלן נאך ריידן פון זיי.

אבער דערווייל האט זיך שטארק גע׳רעשט.. יעדערער האט באצייטנס זיך אנגעהויבן זארגן וועמען פארקויפט מען —דעם דלות?

די בחיפזונ׳יקעס האבן דאס פארכאפט, — האבן גענומען זייערע בעסטע אקסן און פערד, און אויסגעביטן פאר פגירות; דעם גאנצן רעמאנענט פאר א שיבוש אוועק־געגעבן דהיינו פאר א קישן פון פעדערן, — ווייל מזומן איז כמעט ביי קיינעם ניט געווען,—דעם רעמסאנס פלוג מיט דער שנייד מאשין האט מען פאר א שיברי כלי אויסגע־טוישט.

דער טומל פון פארקויפן האט זיך וואס א טאג מער צושפרייט, אז אפילו די ארגענטינער אידעאליסטן, וואס האבן אפגעקויפט ביי די בחיפזויניקעס דעם אגראר רעמא־נענט, איז זיי אויך עפעס א ציטער איבער׳ן לייב אריבער, טראכטנדיק: אפשר..? גיי נעם דאס ווייב מיט די קינדער און עמיגריר, און וואוהין?

צוויי מאנאט האבן די לעגענדעס מיט דעם אויספאר־קויף אנגעהאלטן ביז ס׳איז אנגעקומען דער אדמיניסטראטאר הער באב און אן ענדע געמאכט צו דער שיינער אילוזיע.

12-טער קאפיטל

# א נייער אדמיניסטראטאר

א דייטשער יונקער, נאך גאר א יונגערמאן, הויך וויקסיג און ברייטביינערדיק, בלאנד, און מיט שיינער סטאטור, זיך געוויזן מילד... מיט אומשולדיקע ליבלאכע בליקן— דאס איז געווען דער נייער אדמיניסטראטאר הער ארטור באב, וועלכער איז איצט אליין א קאלאניסט אין דער קאלאניע ריווערא.

דער דאזיקער יונגער דייטש איז באשטימט געווארן דורך דעם נייעם אבער-דירעקטאר פון דער יק״א דר. זאנענפעלד מיט דער צושטימונג פון יק״א-פרעזידענט נארציס-לעווין, וועלכער האט אין דער זעלבער צייט אויך פרעזידירט דער „אליאנס איזראעליט אוניווערסאל״, אדער דער הכי״ח פון פאריז און אזוי פאטראטן דעם בארון הירש׳ס פלאץ.

זיי האבן אים געשיקט אלס פארוואלטער צו אונז אין קאלאניע, און דערביי פאראדנט אונטערצוזוכן דעם באדן כדי צו באשטימען צו וואס פאר א זריעה ער נוצט...

דער הער באב האט אנגעהויבען ארומצופארן איבער די גרופעס, האט אויסגעפרעגט און פארצייכענט די ענטפערס וואס מען האט אים געגעבן. און אויף וואס מען האט אים געפרעגט האט ער איינס געענטפערט:—יא גוט! איך וועל שרייבן...

א שיינער עפיזאד ווערט וועגן אים דערציילט. ביי איינעם א קאלאניסט איז א פערד אין „חאג וואול״—א גרוי-סער ברונים וואסער — אריינגעפאלן. דער קאלאניסט מיט א פאר שכנים האבן זיך שטארק געמוטשעט דאס פערד ארויס צושלעפן..

דער הער באב פארט אָן.

וואס טוט מען הער אדמיניסטראטאר? — פרעגן אים די קאלאניסטן.. יא גוט! ענטפערט ער זיין פזמון: לאסען זי..—איך וועל צו די הערשאפטן שרייבן...

אלס געלערנטער אגראנאם אדער גערטנער פון דייטש-לאנד האט ער נאכ׳ן אונטערזוכן מאאוריצער באדן גלייך אויסגעפונען אז ער טויג ניט... און האט דעם פארמעלן באריכט אריינגעשיקט אין ביורא:—פאר אגריקולטור—שרייבט ער—איז עס נוצלאז, אפשר אויף פי-צוכט... שפעטער האט ער אויף דעם זעלבען באריכט שטארק הרטה געהאט און אים געזוכט צוריק צוציען...

דער הער באב האט דאמאלסט אויסגעשטודירט אונזער לאגע, און האט מיט זיין נאאיווער נאטור אפן ערקלערט די אדונים—אין זייער ביורא פונ׳ם נייַ געקויפטן הויז אויף קאזשאא 216 (ווייל ביז דאן איז די דירעקציע געווען אין א געדונגען הויז אויף סאנטא - פע 1063)—אז, אויב זיי ווילן דאס אז מאאוריציא זאל עקזיסטירן און זיי זאלן נחת האבן אין דער נייער הויז, זאלן זיי געבן היקף די ארימע... און ארים זיינען אלע... אלע!—האט ער געשריבן.

מענשן לעבן פון הארטע מאאיס קערנער וואס קענען זיך ניט איינקאכן, זיי ווערן קראנק...

און הירש ליקערמאן איז טאקע דערפון געשטארבן...

—דאס האט זיי מיטגעטיילט דער ארענטליכער דייטש —די מיל שטייט, מען מוז זי פאריכטן, מען מוז געבן סעמיזשע פון ווייץ, און אויך קארן לאמיר פראבירן זייען און איבער-הויפט דארף מען זוימען אויף גרינצייג, מען מוז לעגומבערעס פלאנצן, א ראפארט פון גאלע מוז׳ן... האט ער אין ביורא אריין באמבארדירט...

עס ווייזט אויס, אז דער ווינט דארט אויבן אין פאריז האט זיך געהאט געביטן, ווייל אלץ וואס ער האט געפאדערט איז אנגעקומען. די קאלאניע האט אַ דאנק אים אויפגעלעבט.

ער האט גלייך פארטיילט סעמיזשע פון ווייץ און קארן אויך פיל סעמיזשעס פון אלערליי גרינצייגן, און דער עיקר ער האט בכלל דאס לעבן עטוואס פארגרינגערט, דהיינו: ער האט א פופציק קאלאניסטן באשעפטיקט ביים פלאנצן א וועלדל און א סאד נעבן דער אדמיניסטראציע, און האט דערפאר געצאלט א זעער היפשן לוין... ער האט אויסגע-זוכט ארבעט פאר די אלע גרויסע פאמיליאנטן וואס האבן זיך זעער גענויטיקט אין די פאר פעזאס פארדינסט.

מיט דער דייטשער פלייסיקייט און געשיקטקייט איז ער אומערמידלאך אומגעלאפן אויף אלע גערטנער, געלערנט און געבעטן צו פלאנצן בוימער און פארזעצן גרינצייג, א גאנצן ווינטער האט ער געארבעט, געפראוועט און פאר-פלאנצט בוימער, גערטנער, געמאכט אזוי, אז ווען דער פרילינג איז געקומען האט שוין די קאלאניע גאר אנ׳אנדער אויסזען געהאט... אפגעפרישט און אפגעגרינט, באגאסן מיט גאלדענע שטראלן פון דער יונגער „פרימאווערא״ פרי-לונגס-זון, זיינען געשטאנען לאנגע לאנגע ווייצן, קארן און האבן שעמערירט מיט גלאנץ און פארשמעקט די לופט. נייע גערטנער ביי אזעלכע הייזער וואו עס איז נאך קיינמאל אפילו קיין ציבעלע ניט געווען פארזעצט האבן איצט אנציקט דאס אויג.

דער סאד פון דער אדמיניסטראציע מיט די פארשידענע פרוכט בוימער, אויך די בוימער ביי איניגע קאלאניסטן, האבן דאמאלסט אין יענעם פרילינג ווי א קרוין אויף מאאוריציא אנגעטאן.

## 13-טער קאפּיטל

# „איש תחת גפנו"

דער גרויסער גארטן פון „פעליפא הערמאנאס״ אין בוענאס - איירעס האט צייט לאנג געהאלטן אין איין ארויסשיקן יונגע צוויי—און דרייענדיקע בוימער און וויינשטאקן וועלכע באב האט געפלאנצט ביי זיך און האט אויך פיל פון זיי די קאלאניסטן געשאנקען.

איך געדענק—איינס ציט דאס צווייטע—

זעקס פראנצויזישע וויינשטאקן און צוויי עפּל-בוימער האט הער באב מיר געשאנקען, איך האב זיי נעבען מיין הויז פארפלאנצט און האב באשלאסן, אז ווען שוין יא א סאד פלאנצן, זאל שוין זיין עפּעס רעכטס. איך האב צו מיין פריינט גבריאל רייך קיין בוענאס איירעס געשריבען, און ער האט מיר 56 פרוכט בוימער פון כל המינים צוגעשיקט! אט אזוי האב איך א שיינעם סאד פארפלאנצט און די בוימער האבן זיך כמעט אלע אנגענומען און זיך שיין צובליט.

כדי די בהמות זאלן די בוימער ניט שאדן—קיין שטעכעדיקער דראט איז נאך דאמאלסט ניט געווען—האבן מיר—איך מיט מיין פרוי—צוויי וואכן צוזאמען א גראבן פון א מעטר די טיף און 80 סענטימעטער די ברייט רונד ארום דעם פרוכטגארטן אויסגעגראבן.

וואס פאר א חיות, וואס פאר א תענוג האבן מיר פון דעם סאד געשעפּט?! ס׳האט זיך שוין באצאלט אויך פאר דער שווערער ארבעט; שטעלט אייך פאר, איך, וואס די נשמה פלעגט מיר אויסגיין אריבערקוקענדיק צו פארפונקען אין סאד אריין, דארט אין מיין שטעטעלע לאנצקארון—וואו עס האבן געוואקסן די עפּל און די גרויסע גלאק-בארן; —איך, וואס פלעג אין דער יוגנט זיך פארגנבענען כאטש דורך די פּליוט-לעכער אנצוקוקן דעם גויס סאד און פלעג זיך איינבויגן כדי צו דינען אלס בענקל, אז צלאל מזיק זאל אויף מיר זיך שטעלן כדי אריבער צוקריכן דעם שטעכעדיקן פּלייט, כדי צו כאפּן א פּאר אונגארישע פלוימען אדער טשאלנט-בארעלאך... איך האב איצט אנ׳אייגענעם סאד, א גארטן מיט בוימער וואס וועלן שפּעטער מיט א פּאר יאר פרוכטן געבן, אסך שענערע ווי ביי פארפונקען מיט דעם בראנפן נאז...

אלמענדראס״ מאנדלען—זיינען צעטעלאך ביי די בוימער, אנגעשריבן געווען. לימענעס, מאראנצן, ניס-בוימער, אמערי-קאנער פלוימען מיט א ווייס-שניי בלימעל, עפל, און מעמבריוז-שעס גוטעס—מיט רויטע און ליליען בליאונג. זיי אלע האבן זיך אין פרילינג צובליט און געקוויקט דאס הארץ... די נאטירליכע ליבע צום וואלד, סאד, בלום און פלאנץ וואס געפינט זיך אין יעדנס מענשן-הארץ האט זיך דערוועקט, און עס האט זיך אנטפלעקט אזא שיינע וועלט, כאטש נאר נעם און גענים!...

אַך! וואס פאר א פאנטאזיעס מיר די אלע אידעאליס-טישע קאלאניסטן האבן זיך דאמאלסט געמאלן דאס געזונטע יונגע לעבן, וואס גלויבט שטענדיק אין איר קראפט און קוקט אין דער צוקונפט דורך די גאלדענע האפנונגס-ברילן... האט אונז ווידער אין א זיסן טרוים פארוויגט...

און ווי די קליינע קינדער, וואס — אט גיט זיך עס א קלאפּ אדער באקומט אזוי עפעס אנ׳אומאנגענעמליכקייט, וויינט עס און פארגייט זיך אין טרערן, דאן אויגענבליקלאך ווי נור די מוטער גיט אים א קאנפעקטל א לעקאכל, אזוי ווערט באלד אויס טרערן און עס טאנצט ווידער פריילאך אזוי זיינען מיר אין יענער עפאכע א פנים געווען.

ערשט האט מען זיך געזארגט—און איינינגע האבן זיך געפרייט—די קאלאניע ווערט פארקויפט.., מען דארף וואנ-דערן ווייטער... און פלוצים, מיט אמאל א ניי לעבן א פרישס, א געזונטס, מיט פארזייטע תבואה פעלדער וואס אפילו די גוים אין דער היים האבן עס ניט געזען. מען וועט גאר זיצן דא — איש תחת גפנו—ווי פאר צייטן אין ארץ ישראל...

נאר לײדער איז דאס טאקע נאר אנ׳אילוזיע געווען, א פאטא מארגאנא״ א טעות בילד פון וואנדערער... א שרעקליכע פינסטערניש האט אונז גיך איינגעהילט.

ס׳איז אנגעקומען דער 28-טער נאוועמבער 1897

14-טער קאפיטל

# דער היישעריק!

אין א שבת-טאג איז דאס געשען, מיר זיינען אלע ביים מנין געווען, דער קורא האט די סדרה „וישלח יעקב״ אין דער תורה געלייענט, די קאלאניסטן האבן זיך געוויצלט: — א היפשע „א ס י ע נ ד א״ האט יענקל תם צום רויטן פעטער אוועקגעשיקט... געווען דער „סקאט״ בחינם אפנים...—

פלוצים קומט אריין אברהם גערמאן פון דרויסן און זאגט: א פינסטערער שווארצער וואלקן טראגט זיך פון צפון...

דער עולם איז אומרואיק געווארן,

א „פאמפערא״ איז דאס ניט, ווייל דער דאזיקער שטורם ווינט קומט אן פלוצים, און דא בלאזט שוין א פאר טעג א צפונית-מערבית ווינט.

וואס קען דאס זיין? מען איז ארויסגעלאפן קוקן...

— א וואלקן-בראך! — האט זיך איינער א זאג געטאן. ס'איז כרגע טונקל געווארן, און גלייך פינסטער... מען האט באהאלטן די ספר תורה, יעדערער איז איילנד געלאפן צו זיך אהיים.

אין דער לופטן האט זיך געהערט א שרעקליכער רעש, ווי דאס אנקומען פון א מחנה-חיל. און עס ווערט וואס א מאל אלץ מער פינסטערער, עס האט זיך באלד דערהערט א מין קנאקן, א טרעסטשען, הודען ווי א פייער ווען עס ברעכט אויס... א שווערער בלייענער וואלקן וואס ברויזט האט זיך אין דערזעלבער צייט געזען הענגען אין דער לופט איבער די קעפ. און אט אט לאזט ער זיך אראפ אלץ נידריקער, עס דוכט זיך אז ער, דער וואלקן, וועט אונז איינדעקן, פארשלינגען און דערקוועטשן... קיין איין שטראל פון דער זון האט זיך ניט געזען, א שווערע דריקענדע פינסטערניש זשומעט שרעקלאך אין די אויערן, קלאמערט ווי מיט אייזערנע צוואנגען דאס דערשראקענע צאפעלדיקע הארץ... די קינדער טולען זיך צו דער מוטער און שעפטשען שטיל:

מאמע איך האב מורא!

באלד האט זיך דאס שטיק וואלקן — פינסטערניש אראפגעלאזט צו דער ערד, און מילי—מיליאנען לעבעדיקע ברואים זיינען אונז באפאלן,—היישעריק! היישעריק! האט זיך געהערט א פריילאכער אויסגעשריי פון דער צושראקענער מוטער; קינדער האט קיין מורא ניט—ס'איז קיין סכנה ניט!

—א גאסט פון דער „טשאקא״ האט ביי אונז איינגע-
קוואטירט! — האבן די קאלאניסטן שוין געשפאסט, — אבי
ניט קיין וואלקן-בראך, אבי ניט קיין „פאמפערא״ — ס׳איז
אן בייז, א קליינער אומגליק! האבן די קאלאניסטן וואס
האבן אויף זייער לעבן ניט געזען די פארשאלטענע חיה
צווישן זיך גערעדט. מען איז ווידער פרייליך געווארן, דער
גאסט איז א פנים אויך פריילאך געווען, דער פלאץ איז אים
שטארק געפעלן... פלייסיק און זשומענדיק האט ער זיך
גענומען איינארדנען אויף זיין ערשבערטער קווארטיר, ווי
א שטארק דיסציפלינירטער היל האט א יעדער פון זיי פאר-
נומען זיין פלאץ. מען האט באזעצט די בוימער, די גערטנער,
די לאנען ווייץ אויף די פעלדער. דער גרינער מאאיס איז
געל געווארן פון די מיליאנען געלע פליגלאך וואס האבן
אים באזעצט און געבויגען ביז צו דער ערד.., די שטיבער,
די דעכער, די ברונימס וואסער, די „האג וואוילען״—די ציס-
טערנעס—וואו עס טרינקט דער סקאט, אלע פלעצער זיינען
מיט דער געפליגעלטער ארמעע פארנומען געווען, ס׳האט
זיך גלייך דערהערט דאס גריזשען פון די מיליאנען ציין, דאס
טשירקען פון די זעגלאך מיט וועלכע זיי פרעסן און זעגן
אונטער יעדעס צווייגעלע, יעדעס גרין גרעזל.

די זון אויבן האט זיך ענדליך ארויסגעוויזן, האט
באגאסן מיט אירע ווי גאלד צושמאלצענע שטראלן די
גאנץ געפליגעלטע לעבעדיקע מכה, וואס די היזיקע רופן
„לאנגאסטא״, און ביי דער שיין פון דער זון האבן מיר
ערשט דערזען, אז מיט דער ״סאראנטשא״ איז גאר קיין גע-
לעכטער ניט! אז מיט דעם היישעריק איז גאר ניטא וואס
צו שפאסן...

דער אומגליק איז גראד יא מיט בייז... ניט „אן בי ז״
ווי די ליטוואקעס האבן זיך אין אנהויב אויסגעדריקט...

דער אומגליק קען זיך פארגלייכן מיט די אלע ביז
אהעריקע פורעניות׳ן, קאטאסטראפעס און שטורמס וואס
מיר האבן אויסגעליטן.

מיר האבן איינגעזען, אז מיר זיינען איבעריק ביי
אונז אויפ׳ן לאנד... מיר האבן ניט אפילו וואו א טריט צו
געבן, די פיס אוועק צושטעל׳ן איז ניטא א וואו, די ערד, די
לופט ביז איבער די בוימער זיינען מיט דעם געלן חיל
פארנומען געווען.

דורך די טירן, דורך די פענסטער, דורך אלע שפארינעס
זיינען זיי אין די שטיבער אריינגעקראכן.

די פרויען מיט די קינדער האבן בלעכענע בעקעלאך
און טאצן גענומען, האבן אין דעם געפויקט און געקלאפט,
אפצוטרייבן אויף אזא אופן דעם היישעריק...—וויניקס-
טענס האבן זיי אזוי געדענקט, אלטע ספאדניצעס אונטער-רעק
האט מען איבער די קעפלאך קרויט, איבער די יונגע ווייג-
שטאקן צושפרייט, מ׳האט געוואלט אפראטעווען די „הויפט-
לאך״ עטוואס גארטן-ווארג זאל כאטש בלייבן...

אבער אומזיסט! ס'האט געהאלפן ווי דער נעכטיקער טאג, דער „לאנגאסטא" זיצט און פרעסט זיך געשמאק...

ס'איז געוואָרן נאכט, די בהמות זיינען געקומען פון פעלד, זיי ווילן טרינקען... די האג וואוילעס זיינען פאר־שטאפט, אנגעפילט מיט דער „סאראנטשא", די שטוב־ברונימער וועד ס'האט ניט באוויזן איינדעקן זיינען אויך רויט געפארבט געוואָרן, א בלוט קאליר האבן זיי באקומען, ווי די וואסער'ן ביי דער ערשטער מכה פון מצרים...—קיין פלומפ אדער פאמפע איז נאך דאַן ניט געווען—

עס זיינען אוועק א פאר טעג, די קווארטיראנטן האבן אפגענומען, פשוט עראָבערט אונזער קאלאניע מיט אלץ וואס עס איז דא אין איר, אך ווי עס האט דער סקאט גערעוועט...—

וואסער! דער ווילדסטער ביקל האט די הענט געלעקט, ווען מ'האט אים אביסל וואסער פון דעם איינגעדעקטן שטוב־ברונים צו באנעצן זיין פארטריקנטן צונג געגעבן...

מיר האבן ערשט דאמאלסט בחוש פארשטאנען די שרעקלאכע קללה פון פרעה'ס מכה „ארבה"... די בוימער זיינען געפינטעלט געוואָרן „עקודים נקודים", קיין גרין בלע־טעלע איז שוין ניט געווען, — אבער גרין און געל זיינען די פנים'ער פון די קאלאניסטן געוואָרן.

א! דאמאלסט האט די סטרונע שיר שיר געפלאצט...

א יללה האט דורכגעציטערט די לופט:

—א מחנה איז אונז באפאלן, רויבער, מערדער פון דער ווילדעניש זיינען אנגעלאפן און רויבן אפּ אונזער ברויט אין מיטן העלן טאג!—האט די דיקע פרוי פון לייב שוסטער געיאמערט, שרייענדיק—לייב, לאמיר אנטלויפן!

## 15-טער קאפיטל

# „ניט לויפן פאר די כלי זמר"

אייניגע טעג זיינען אזוי פאריבער, די געלע אַרמעע האט זיך אויסגערוט, איבערגעכאפט דעם הונגער האבן זיי זיך באלד אַ נעם געטאן צו זייער נאטור מיסיאן—אפשטעקן זייער זריעה... דאס הייסט, לייגען אייער, פארזארגן א קומענדיקן דור... אויף די וועגן, אויף די שטעגן, וואו ערגעץ א סולעפקע, א סטעזשקעלע, נעבען די אפגעפרעסענע לאנקעס ווייץ און קוקורוזע האבן זיי לעכלאך אין דער ערד אויסגעבויערט און דארט די זריעה, אייער אין דער פארמע פון אנ'אונץ—א קערנדעל ווייץ — אריינגעשטעקט, אלע וועגן זיינען צולעכערט געווען און אנגעשטאפט מיט די מיליאנען אייער, פון וועלכע עס האט געדארפט ארויסקומען די צוקונפטיקע גענעראציאן; די קינדער זייערע וועלכע מען רופט סאלטאנא (שפרינגערס) און וואס זיי ערשט זיינען די אמת'ע מחבלים, דער עקעלהאפטער „פריה ורביה" פראצעס האט זיך געענדיקט. די אלטע פראדוצירער ווי נאר זיי האבן זייער נאטירליכע שליחות דערפילט, האבן איבערגעלאזט א „זרע של קימא", זיינען זיי זיך אוועקגעשטארבן, טאקע דארט אין די קברים וואס זיי האבן געגראבן צו באהאלטן זייער צוקונפטיקען דור, זייערע שטעלפארטרעטער, זיינען זיי טויט ליגן געבליבן.

מיר האבען זיך ארומגעקוקט, די שפעט פארזייטע ווייצן וואס דאס איז דער רוב געווען, זיינען אפגעפרעסן געווארן ביזן גרונד. די גערטנער, דאס מאאיס, אלע יונגע פלאנצן, די שיינע צארטע פרוכט בוימער אלץ איז פארלוירן געגאנגען; די קליינע צאל פרי-פארזייטע ווייצן, וואס די ציין פונ'ם היישעריק האט זיי ניט געקענט קייען, זיינען זיי געווען ארומגעשיילט אויסגעפאטשקעטע אינ'ם קויט „היישעריק צואה" אז מען האט זיי געמוזט באלד אראפשניידן פון וואָרצל, קיין גרין גרעזל אדער בלעטל האבן די אלטע אורחים פון דער ווילדער טשאקא אונז ניט איבערגעלאזט.

אבער ווי געזאגט: ס'איז געווען מיט רחמנות... א חסד; ווייל גאר שווארץ האבן זיי אונז ניט געלאזט... די קארע פון די עלטערע בוימער האבן זיי ניט אנגערירט, נאר די בלעטער אפגעפרעסן און די גאר יונגעטשקע איידעלע בוימלאך, וועלכע זייערע אלטע מיילכלאך האבן איינבייסן געקענט... אבער די איבעריקע זיינען פארבליבן.

מיר האבן באלד אויסגערייניגקט די ברונים׳ס, באגאָסן מיט פריש וואסער די עלטערע בוימער און אזוי דערמונטערט אונזער סעדל, וואס האט אונז אזוי פיל מי געקאסט. די ארבעט האט זיך כלומרשט צוריק איר נארמאלן גאנג אנגענומען.

אבער ס׳איז נאר לפנים געווען ווייל אינווענינק אין הארצן האט א שווערע אפאטיע זיך ארייננגעקליבן, דער שווארצער יאוש האט געדריקט די נשמה, אין דער שטיל האבן מאן און ווייב גערעדט צווישן זיך:

—אנטלויפן מוז מען, פון דעם איז אפגערעדט... נאר לאמיר ניט זיין די ערשטע... די אדונים וועלן דאך היינט אדער מארגן איינזען אז ניט דא איז דער פלאץ פאר דער גע׳חלום׳טער קאלאניזאציאן... און וועלן אונז אריבערפירן פון דאנען—לאמיר ליידן, ניט לויפן פאר די כלי זמר...

כמעט יעדער פון אונז האט דאסזעלבע געטראכט ביי זיך, זיך געווארגן מיט די רייד... לפנים געארבעט און געשוויגן... ס׳איז אזוי אוועק ביז צום 14 יאנואר 1898

## 16-טער קאפיטל

# „דער סאלטאנא"

דעם 14 יאנואר איז דער „סאלטאנא' די פארפלוכטע קינדער פון אלטן היישעריק ארויסגעקראכן פון דער ערד, א, טייוול! מיט זיי איז ניט צו שפאסן געווען! ווען דער אלטער היישעריק איז נאך עטוואס מיט רחמנות, איז אלט און מיד און די ציין דינען אים שוואכלאך... איז אבער דער יונגער אן אמת'ער מזיק... א גיהנום וואס ברענט, שרפה'ט, פארניכטעט און פארדארבט אלץ אן דערבארימונג; קליין נישטיק און שוואך קריכן ארויס פון דער ערד פיצינ-קעלאך ברוינע פליגעלאך, קוים באמערקבארע, דינינקע, לענגליכע, מילי-מיליאסען לעבעדיקע ברואים'לאך טולען זיך איינע צו די אנדערע און פרייען זיך קעגען די שטראלן פון דער הייסער יאנואר זון.

אין א פאר טעג צייט בייטן זיי שוין אי זייער פארם, אי דעם קאליר; און מיט נאך עטלאכע טעג שפעטער, א! אשטראם, א פלוס, א לעבעדיקער טייך ציט זיך פאר די אויגן לענגליכע געל-גרינלאכע ווערים פארפלייצן די ערד; דער לעבעדיקער טייך צוגיסט זיך אויף די וועגן, קומט זיך צו נויף מיט פארשידענע קלענערע און גרעסערע שטראמען, וואס וואקסן ארויס פון די ארומיקע סטעפעס און גערטנער; פון אלע עקן פון דער ערד: פון צפון און דרום, מזרח און מעריב שווימען ארויס לעבעדיקע פלוסן, מישן זיך צוזאמען אין איין גרויסן קריכענדיקן ים... פאר די אויגן זען זיך גרינע כוואליעס ווי זיי ברויזען, באוועגן זיך קריכענדיק איינס אויפן אנדער'ן און ערטער'ווייז זיינען זיי די טיף אויף א האלבן מעטר פון דער ערד פלעכע.

אלע וועגן ווערן פארנומען מיט דעם לעבעדיקן שטראם, אלע גריבער ווערן פול; פארנדיק מיט א פערד, זינקט ער איין ביז אין די קענעכל אין א געדיכטער קלעפיקער מאסע פון פלייש און אזוי א בלוטיקע שטינקענדיקע בוימאייל פעטקייט.

ווי א פלאם פייער ברענט דא אונטער דעם יונגן שפרינגענדיקן היל, אלץ ווערט קויל שווארץ אונטער זייערע פיסלאך; וויסט און לער קוקט גיך ארויס דער גאנצער שטח ערד ווי דער „סאלטאנא' איז דורך געשפרונגען אזוי ווי די ריזיקע שלאנגען ציען זיי זיך אויף די העכסטע בוימער ארויף, פרעסן אויף די קארע, שיילן זיי אפ, ממש נאקעטע טוען זיי די בוימער אויס; ווייסע מתים בלייבן זיי

נעבאך שטיין, קוקן אראפ ווי די טויטע אויף דער נאקעטער שווארצער ערד. וואו מען קוקט זיך ארום, איז הושך שווארץ, א זשום, א רעש, און א געוויש איז אין מוח; איבערן קאפ רוישן מחנות פויגל, וואס זיינען אנגעפלויגן פון ערגעץ און שלינגען מיט אפעטיט דעם ווייכן „סאלטאנא", פרעסן זיך איבער, מייקענען אויס און פאלן ווי שטרוי.

קיין איי, קיין עוף, קען מען ניט עסן. קלאפט מע אויף איין איי, איז עס פול מיט בלוט, אפילו קיין טרונק וואסער קען מען ניט טאן; אלץ טראגט אנ׳עקלהאפטן גערוך, אלץ איז פעט און שמוציק. מען ווערט אזוי בארויבט פון אלץ, עס העלפט קיין גוואלד געשריי, מען איז מאכטלאז קעגן אָט דעם קליינעם נישטיקן רויבער פון דעם מדבר און מען קען אים גארנישט טאן, ער איז זער פיל ווי דאס זאמד פונ׳ם ים.

אזוי ווי א צרה קומט קיין מאל ניט אליין, שטענדיק שלעפט זי מיט זיך מיט א חבר׳טע, א קאמפאניערקע, וועלכע איז נאך פיל ערגער פון איר, אזוי איז אויך איצט מיט דעם פארפ/וכטן „סא/טאנא". א גרעסערן שונא ברייגען זיי מיט זיך מיט, עס קומט אויס, אז וואס דער אלטער היישעריק האט איבערגעלאזט, האט פארניכטעט דער „סאלטאנא", און וואס דער דאזיקער האט פארניכטן ניט געקענט, ענדיקט זיין חבר, וואס מען רופט אים מיטן נאמען „דעפענסא אנריקאלא".

17-טער קאפּיטל

# דעפֿענסא אגריקאַלאַ

די דאזיקע צרה וואס טראגט אט דעם שיינעם קלינגענדיקן נאמען, „אגריקולטור שוץ" איז א פּיל ערגערע און פרעסע-רענדיקע היה פון דעם „סאלטאנא"—ווייל בעת דער קליינער קריכענדיקער רויבער פרעסט גראז, תבואות, בוימער און איז בלויז א וועגעטעריאנער, ער ערנערט זיך פון גרינצייג, איז אבער זיין חבר שוין א „קארניבערא" א פלייש פרעסער אויך... ער פארדייט פלייש, בלוט און זאגאר די שטארקסטע ביינער ווערן צומאלן אונטער זיינע שטאלענע ציין.

אפילו פון קאניבאלסטווא זאגט ער זיך אויך ניט אפּ...

וואס איר שמייכלט? איר וואונדערט זיך, וואס הייסט גאר עסן מענשן פלייש? ווארט-זשע א ווייל, לאמיר אייך דערציילן ווער ער איז.

איך האב דאך אייך שוין געזאגט, ער הייסט מיט דעם פריינדליכן קלינגענדיקן נאמען „דעפענסא אגריקאלא" דאס איז אזא מין היה וואס ווערט דאמאלסט באשאפן, ווען עס ווייזט זיך די פארשאלטענע מכה „ארבה"...

עס קומט די מלוכה, די ארגאניזירער פון דער געזעל-שאפט, וועלכע זארגן שטענדיק און שטענדיק פאר דעם ארימען ארבעטער, בפרט פאר דעם פויער פראדוצירער פון תבואה. זיי קומען און באשטימען א קאמיסיאן פון די פראמינענסטע מענשן אלס פארזארגער, אז זיי זאלן זען מיט אלערליי מיטלען באקעמפן דעם מזיק, דעם „סאלטאנא".

די מלוכה גיט ארויס אזעלכע בלעכן מיט א פאר-גיפטעטע פליסיקייט, עס ווערן געגראבן לאנגע און טיפע גריבער און מען יאגט אריין אהינצו דעם "סאלטאנא", מען באשפריצט אים דאן מיט דער גיפטיגער פליסיקייט, מען שארט אים צוזאמען אין זעק, און מען פירט אים צונויף צו א באשטימטן פלאץ, וואו ער ווערט דורך גיפט אין פייער פארניכטעט אין די מיליאנען.

כדי אכטונג צו געבן אז די ארבעט זאל פונקטליך און פלייסיק געמאכט ווערן, און איבערהויפט כדי צו זען אז דער אגריקולטור, דער ווירט פונ'ם לאנד, זאל זיך ניט אונטערפוילן, נאר ער זאל ארבעטן, גראבן גריבער, אנ-שארן זעק מיט דעם היישעריק אדער בעסער געזאגט, אז ער זאל צאלן „מולטעס"—שטראף געלט - ווערן ארויס-געשיקט א מחנה באאמטע.

נאטשאלניקעס פון דער „דעפענסא אגריקאלא״ — א דעפארטאמענט, וואס דינט אלס אפטיילונג ביים נאציאנאלן אגריקולטור מיניסטער,—קאפאטאסן מיט צו 200 פעזאס א מאנאט געהאלט, אינספעקטארן מיט צו 500 פעזאס מאנאטלאך, און קאמיסארן מיט מי יודע וויפיל געהאלט.

די אלע אויפזעער ווערן גענומען פון די ליידיקגייער אדער הונגעריקע—„מוירטאַ דע האמברע״—ווי דער היזיקער רופט זיי, וועלכע דרייען זיך ארום נעבען די רעגירונגס געביידעס אין יעדער לאנד. די דאזיקע מענשעלאך, וואס טראגן אין טאש זייער יחוס אבות און א גרויסן צוזויגענעם מאָגן—יואס קען ארייננעמען א גאנצע וועלט, געפינט זיך ביי זיי אין בויך, אין הארצן טראגן זיי א פוסטן שטאלץ און א הייסע ליבע צו אלע אלקאהאלישע ליקארן אויף דער וועלט... אויך א שטארקן חשק צו א קערטל און אויף צו עפּעס נאך...

די דאזיקע נאבעלע הערן ווערן אלס אויפזעערס אדער באאמטע פון דער „דעפענסא״ ארויסגעשיקט אויפן לאנד.

אזוי ווי די שדים לויפן זיי אום רייטענדיק אויף די פערד, מיטן בייטשל אין האנט, אראפגערוקט דעם גרויסן ראַנד פון דער שליאפע איבער די אויגן, וואקסט ער אויס ביים שטוב, צי אין פעלד, און גיבן ארויס באפעלן... און אפט ווייזן זיי מיטן „רעווענקע״ ווי מען דארף רעספעקטירן נאטשאלסטווא...

די עפידעמיע „דעפאנסא״ צושפרייט זיך אין אלע ווינ-קעלאך, שרייבט „מולטעס״ און שטראפירט אויף וואס די וועלט שטייט. יעדער אינספעקטאר האט דאס רעכט צו שטרא-פירן פון 200 ביז 1000 פעזאס פאר ניט נאכקומען די אינסטרוקציעס פון דער האכגעערטער „דעפענסא אגריקאלא״ —א העלפט פון דער „מולטע״ געהערט צו דעם שטראפירער, צום קאפאטאס אדער אינספעקטאר—און די צווייטע העלפט געהערט צו דער מלוכה וועלכע פארזארגט מיט דער דאזי-קער שמירה...

מען קען פארשטיין וואס מיר האבן געפילט ווען די עפידעמיע איז אונז באפאלן. — און וויסן דארפט איר אז דאס איז געווען צוריק מיט א פאר צענדליק יארן, די נאט-שאלסטווא איז נאך דאמאלסט שטארק הונגעריק געווען... מ׳האט זיך א נעם געטאן צו אונז מיט א זעער גרויסן אפעטיט, מען האט אונז ניט געקארגט קיין קלעפּ און שמיץ מיט דער פולער האנט,—היינט די זלזולים האבן זיך ניט אויפגעהערט צו שיטן אויף אונז, זייערע מיילער האבן געקאכט ווי די גהנים קעסלען.

40 זעק מיט דעם לעבעדיקן עיפוש האט א יעדער קאלאניסט געמוזט צושטעלן אין דער „דעפענסא״, מען האט גריבער געגראבן, געארבעט אונטער דער „רעווענקא״ פונם קאפאטאס און שרעקלאך געגיטן.

—ערגער ווי קאטארגע! — האבן די קאלאניסטן זיך באקלאגט — דער פריץ איז נאך פיל ערגער פון אונזער אוראדניק...—וואלטן מיר כאטש עפעס געהאט אים צו געבן אין יד ארייז...

געהאט האבן מיר דאמאלסט ניט מער ווי א ווייטאג אין הארץ און א גרויסע חרטה אויף דער גאנצער אומגע-לומפערטער קאלאניזאציע מיט אלע אירע פורעניות'ן...

18-טער קאפיטל

# רעפאזשע (קרויט) ברויכט מען היטן

דער לאנגער בלאנדער אדמיניסטראטאר הער באב לויפט אן רייטענדיק אויף זיין נידריק פערדל, אויפן „פעטיסא״, און די פיס זיינע שלעפן זיך אים נאך אויף דער ערד.

—נו ווי גייט׳ס, וואס מאכן די בוימער? קאפוט, הא? פרעגט ער—דאנער וועטער! פארפלוכטעס ארגענטינע!

ער שפאנט זיך אראפ פונ׳ם „פעטיסא״ באטראכט די אפגעשיילטע נאקעטע שטאמען, טשמאטשקעט מיט די גראבע ליפן און הויבט אָן שילטן ווי א דייטש ווען ער ווערט בייז: פארדאמט! פארדאמט!.. ער דערזעט די קרויט פון וועלכער ס׳איז נאר דער הארטער נאקעטער קאטשען גע- בליבן. דא ווערט ער גאר אויפגערעגט — פארפלוכטער סאלטאנא! דיזעס האבען זיי אויך ניט געשווינט, שאדע! —זאגט ער געריזט—שאדע! ווארום האבען זי אמוועניקסטען דיזעס נויטיקעס פראדוקט ניט אפגעהיט?—ווענדעט ער זיך צו מיר—איך האב אין מיין כארדין די קאהל מיט בלעכענע „באלדעס״ איבערגעדעקט און ער איז גאנץ געבליבן, זא א נארהאפטעס שפייז ווי „רעפאזשא״ ברויכט מען אפהיטן.

איך האב ניט ווילנדיק א שמייכל געטאן: וואס א נארישער דייטש האט ליב, און נאך וואס עס טוט אים אַם-מערסטן באנג... ער האט א פנים דאס באמערקט און מיט זיין גאנצער נאאיוויטעט זאגט ער זיך ווייטער:

ביי די קאלאניסטן איז דאס געמיזע גארניט פאררע- כענט אלס נויטיגעס שפייז ארטיקל. די דייטשע מוטער וועט ניט איין מיטאג צוגרייטען אהנע לעגומברעס, אהנע געמיזע. איך האב פון מיין „כארדין״ די הערשאפטען נאך בוענאס איירעס א שענעם הויפטעל קאהל געשיקט מיט איין פראיעקט געמיזע צו פלאנצען אין מאאוריציא. היר זען זי וואס מען שרייבט מיר:

ער כאפט ארויס א בריוו פון זיין קעשענע און ווייזט מיר:

אין מיינע זכרונות איז דאס קאפירט געווארן און ס׳איז כדאי אז מען זאל לייענען דעם בריוו, מיט וואס אונזערע פארזארגער האבן זיך—ביי אונזער גרעסטן אומגליק — אם- מערסטן אינטערעסירט...

בריוו נומער 40

דעם 28 יאנואר 1898

סעניאר באב, אדמיניסטראטאר פון מאאוריציא.

מיר דאנקען אייך זעער פאר דעם פראדוקט פון אדמי-ניסטראציאנס כארדין, דאס קעפל קרויט, וואס איר האט אונז דעם 28-טען דיזען מאנאט צוגעשיקט; מיר וועלן שטודירן אייער פראיעקט וועגען דאס געמיזע-פלאנצונג אין מאאוריציא.

קאזשאא 216 בוענאס איירעס.

דירעקטארען: הירש און קאזעס.

דעם בריוו האט ער מיר פארגעלייענט מיט גאוה, מיט א באוואוסטזיניקן שטאלץ, דאס ער, ערשט ער, וועט אויפ-לעזן די שווערע עקזיסטענץ פראבלעם פון מאאוריציא,— "לעגומברעס" וועט ער לאזען פלאנצן!

ער האט ווידער אריבערגעשפאנט דאס קליין געפלעקט פערדל און איז זיך אוועקגעריטן.

Ex bibl. univ. Tart.

19-טער קאפיטל

## „טשע רוסא!"

איך האב דעם יק'א אדון נאכגעקוקט און שווערע זיפצן האבן זיך פון מיין הארץ ארויסגעריסן:—מיין גאט! וואס וועט פארט זיין פון אונז? אלע מאל נייע מושלים, נייע אדונים מיט נייע אידעען; זיינען מיר אויף אנ'אמת נאר אויף עקספערימענטן באשטימט? האט אויף אונז די היסטאריע איר גורל געווארפן, מיר זאלן א וועג פאר אונזער וואנדער פאלק אויסטרעטן, א כפרה זיין פאר כלל ישראל, פאר די אידעלאך אין די גלות שטעטלאך וועלכע גייען אום לויידיק און ווארטן אויף גוטע ידיעות פון ארגענטינע... און וואס וועט זיין אונזער שכר? א, מענשהייט! איך קען דיך, איך וויים דעם שכר וואס מען גיט די אלע פיאנערן... „אין דעם מדבר וועלן אוועקפאלן אלע אייערע פגרים", דערמיט האט די געשיכטע די ערשטע פרייהייט'ס קעמפער, די יוצאי מצרים באלוינט... אויך דא נאך א 40 יאר צייט, ווען מיר וועלן די אלע ברייטע פעלדער שון באארבעטן, דעם היישעריק פארטרייבן, די לאגארטעס (יאשטשערקעס אין דער פארם פון קליינע קראקאדילן) די שלענג, די שעדליכע אינזעקטן, די ווילדע ברואים פארניכטן, די „צרה" פון דער תוכחה, די בייסענדע „טאבאנא" אדער דאס פערדן פליג, וואס זויגט איצט אויס אונזער בלוט, וועלן מיר אין די מדבריות אריין פאריאגן, ווען מיר וועלן מיט אונזער בלוט און מארך, מיט אונזערע לעבענס פון דעם פוסטן געגענט בליענדע קאלאניעס שאפן—דאן וועלן אנלויפן די ליידיקגייער פון די שטעטלאך און אונז ירש'נען... געפינען הסרונות אויף די ערשטע, שפאטן און לאכן און טראמפלען אויף אונזערע קברים און מיט זייער אנגענומענעם רויב סיסטעם,—דעם קאמערץ וועלן זיי אונזערע קינדער פון זייערע נחלאות נאך פארטרייבן און אונזערע ביינער פון אונזערע מיט שווייס אויסגעוועיקטער ערד ארויסווארפן...

ניט ווילנדיק האבן זיך מיר דאמאלסט ביי די גע-דאנקען די טרערן געגאסן... איך האב דאס ניט באמערקט, איך האב ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט; די טאבאנאס האבן זיך אויף מיין פנים געשטעלט, מיך געשמאק געביסן... דאס בלוט האט גערונען... און איך האב ניט געפילט...

פלוצים איך הער א קול:

—טשע רוסא!—איך קוק זיך ארום, פאר מיר שטייט א לאנגער שייגעץ מיט א „רעווענקא‟ אין האנט—דער אינס-פעקטאר פון דער דעפענסא,—פארקע זשארעס?—פרעגט ער מיך אין שפאניש, איך האב זיך געשעמט אים צו זאגן וואס איך וויין... און אחוץ דעם, גיי דערצייל א גוי, וואס א איד א בעל תכלית טראכט? אז ער טראכט און באדויערט דאס וואס עס וועט זיין שפעטער מיט 30 צי מיט 40 יאר... געוויס האב איך געשוויגן.

דער שייגעץ האט מיך אבער ניט אפגעלאזט, ער איז גערירט געווען פון מיין צרה׳דיקן אויסזען און פרעגט מיך נאך א מאל אין זעער א מילדן טאן:

—זאג מיר וואס וויינסטו?

איז דיר טאקע אזוי שווער בײ דער „לאנגאסטא״ צו ארבעטן?

—בטבע איז ער, דער ארגענטינער, זעער א גוטער מענש. האט א ווייכע נשמה נו, האב איך אים, ווי אזוי איך האב דאמאלסט פלאפלען געקענט אין שפאניש, דער-ציילט, אז ס׳איז אונז זעער ניט גוט, די „לאנגאסטא״ האט אלץ אויפגעפרעסן, מיר האבן ניט פון וואס צו לעבן און דא צווינגט איר אונז נאך אזוי צו ארבעטן, גראבן גריבער, שלעפן די זעק מיטן „סאלטאנא״.

ער האט זיך צולאכט:

—רוסאָ סאנסא!—זאגט ער צו מיר—איר מיינט אויף אנ׳אמת, אז מיר ווילן אייך שלעכטס טאן...—לייג אוועק די ארבעט, מען דארף שוין ניט מער! כאַ! כאַ! כאַ!

די „דעפענסא״ האט שוין אייך אלע קאלאניסטן צו 50 פעזאס יעדן איינעם מולטירט; דעם „איגנאצי שטרוק״ פון אַליסע 200 פעזאס שטראפירט, און אייער געזעלשאפט די פאטראנעס פונ׳ם קאמפ, האט מען אין 1000 פעזאס מולטירט... זיי זיינען שטארק רייך די פאטראנעס אייערע, זיי וועלן פאר אייך באצאלן די מולטעס אין 24 שעה צייט, —פארענדיקט ער די רייד, און שמייכלט צו מיט דעם בא-וואוסטן היפאקריטישן טשינאוניק-שמייכעלע: אַדיאָס אַמיגא! דו דארפסט שוין מער ניט ארבעטן! און אזוי פארט ער זיך אוועק.

## 20-טער קאפיטל

# מיר פארלאזן מאאוריציא, „אביסקעס" אין די הייזער

אזוי איז עס טאקע געשען. באב האט דער ביורא איבער דער מולטע טעלעגראפירט, די אדונים האבן געענט-פערט אז זיי קענען גארניט העלפן, ווייל די געריכטס-הייזער זיינען איצט געשלאסן, עס איז איצט די וואקאנץ צייט. מ'האט די גאנצע שטראף געלט היפשע טויזנטער געמוזט דערוויל דעפאזיטירן אויפן באפעל פון ריכטער, און דערנאך האט די ביורא א פראצעס מיט דער „דעפענסא" פארפירט... וועלכען זי האט געוויס פארשפילט. ווייל פון בית המשפט קערט מען קיין מזומנים ניט אום אין קיין שום לאנד אויף דער וועלט...

עס זיינען אוועק א פאר מאנאט נאכן חודש פעברואר, ווען דער „סאלטאנא" האט זיך זיינע געהעריקע פליגלען באקומען, און האט זיך געפילט געגוג שטארק פאר דער ווייטער רייזע, איז ער זיך אוועק געפלויגן אהין אין זיין ארץ האבות, צו דער טראפישער טשאקא.

מיר זיינען געבליבן מיט א נאקעטער שווארצער ערד, אן ברויט און אן האפנונג אויף ווייטער.

—איך וועל דא באמערקן: פיר מאל האבן מיר אין די 30 יאר דעם היישעריק צו גאסט געהאט אין מאאוריציא, אבער אין קיין יאר איז ער אזוי שטארק און אזוי פיל ניט געווען ווי דאמאלסט אין באב'ס צייטן. די אידן פון פאלעס-טינע אין אלטערטום האבן פארצייכנט „יואל'ס היישעריק" און מיר „מאדערנע" פון מאאוריציא „באב'ס היישעריק".

די קאלאניע האט דאמאלסט געהאלטן ביים צוזאמענ-ברעכן, יעדער קאלאניסט איז ווי געזעסן אויף דער פור...

—נאך וואס ארבעטן? אז אלע מאל קומט א נייע פורעניות! איין גוטן טאג האבן מיר נאך ניט געהאט, די ערד טויג ניט פאר אגריקולטור! באב האט דאס אויך בא-שטעטיקט, און ווען די ערד גיט שוין אמאל ארויס עטוואס, קומט דער וועטער און פארדארבט דאס! דער קלימאט איז ניט צוגעפאסט פאר דער אייראפעאישער קולטור, וואס זשע האבן מיר דא צו טאן? — אזוי האט מען פון אלע זייטן געטענהט.

מען האט פאררופן אן'אסיפה פון אלע קאלאניסטן, פייער האט געברענט אין יעדענס מויל, אלע האבן מיט הארץ גערעדט: מען האט דעבאטירט. זיך באראטן א גאנצן

טאג... די קאלאניסטן זיינען הייזעריק געווארן שרייענדיק, און מען איז זיך צוגאנגען מיט גארנישט... אויפן צווייטן טאג איז מען זיך נאך אמאל אויף א פארזאמלונג צוזאמען געקומען; מ׳האט געבעטן באבן, ער זאל אויך בייזיין די אסיפה; ער איז געקומען, די קאמיסיאן האט אים פארן גאנצען עולם געפרעגט, צי-ס׳איז אמת וואס מען זאגט, אז די דירעקטארן פון דער ביורא, אויף זיין ביטע אז מען זאל זען אונטערשטיצן די קאלאניסטן וואס הונגערן, האבן אים שריפטליך געענטפערט, אז מען דארף ניט איבעריק גלויבן די קאלאניסטן וואס קלאגן, אז זיי האבן גאר ניט... זיי האבן מעגלאך געקענט באהאלטן כדי צו העלפן א קאלא-ניסט, מוז מען זיך צוערשט גוט איבערצייגן, אויב ס׳איז נאר מעגלאך, זאל מען אן׳אונטערזוכונג מאכן ביי אים אין הויז. אנדערש קען מען זיי ניט גלויבן.

—איז דאס אמת, הער באב?

דער נאאיווער יונגערמאן, וואס האט קיין ליגן נעבאך ניט געקענט זאגן, איז תחילת רויט געווארן, ווי א מאָן-בלום, און האט אנגעהויבן זיי פארענטפערן.

—יא! זיי האבן... יא, די הערשאפטן—האט ער גע-זאגט—זיינען געווים שלעכט געשטימט געווען, זיי האבן זיך אביסל שארף אויסגעדריקט, אבער איך האב זיי איבער דעם א לאנגן אויספירליכן באריכט געשיקט און זיי די אמת׳ע סיטואציע פון קאלאניע געשריבן...

נאך די רייד פון הער באב איז דער גאנצער עולם נאך מער אנגעצונדן געווארן:

א, די פראנצויזן, זיי גלויבן אונז ניט! „אביסקעס״ ווילן זיי מאכן? און שפעט אין דער נאכט, נאכדעם ווי מען האט אלץ איבערגעקלערט, איז די אסיפה צו א הסכם געקומען, אז מען זאל זען מיט אלע מעגליכקייטן פטור ווערן פון דער צרה, דאס הייסט אלע ביז איינעם זאלן פארלאזן מאאוריציא, די אומגעלומפערטע ערד, וואס טויג לחלוטין צו גארנישט... און מען זאל בעטן ביי די אדונים, אז זיי זאלן אלעמען אריבערפירן אויף א בעסערן פלאץ—קיין ארץ ישראל, האט באב ניט געלאזט אריינשטעלן אין דער ביטע,—נאר א פלאץ וואו מען זאל קענען לעבן פון דער עבודת האדמה... פון אונזער אייגענער ערד ארבעט.

מען האט די ביטע אנגעשריבן און אלע קאלאניסטן האבן געחתמעט, די ביטע איז געווען אן אולטימאטום, א מין אהער אדער אהין...—ווי באלד זיי האבן ערגעץ א בעסערע ערד, וואס איז פאסענד פאר אגריקולטור, וועט מען גיין מיט דעם זעלבן רעמינענט אַהין, און אויב ניט, זאלן זיי זען טראכטן אן׳עצה וואס צו טאן מיט אונז, ווייל דא האבן מיר גארניט וואס צו טאן, דאס האט אונז די פראקטיק פון די זיבן יאר געלערנט, מאאוריציא טויג ניט...

מען האט די ביטע אדער דעם אולטימאטום אפגעשיקט אין דער ביורא קיין בוענאס איירעס.

עס זיינען פאראיבער א צען טאג זינט מ׳האט די ביטע אפגעשיקט, אבער קיין ענטפער איז ניט געקומען. נאר עפעס א יונגער דייטש אן אינזשעניער, הער גייער, איז אנגעקומען מיטן אויפטראג פון די דירעקטארן צו שטודירן די לאגע פון מאאוריציא, אונטערצוזוכן דעם באדן, זען ארבעט שאפן פאר די הונגעריקע קאלאניסטן, כדי זיי זאלן פארדינען אויף היונה.

דער באדן, האט ער אויך באשטעטיקט, איז ניט צו־געפאסט פאר אגריקולטור. און מען מוז עפעס טראכטן, וואס צו טאן מיט אונז, מען דארף נאך א פאר עקספרימענטן מאכן... נאר פארלויפיק, כדי צו שאפן ארבעט, מיטלען צום פארדינען, האט ער אויסגעמאסטן די גרויסע לאגונע פונם אינזל, און האט פראיעקטירט א בריק איבער דעם זומפ צו ציען, וועט שוין זיין גענוג ארבעט און פארדינסט פאר אלע הונגעריקע קאלאניסטן... און זיי וועלן ניט דארפן אנקומען ווידער צו נעמען סובסידיע, שטיצע...

21-טער קאפיטל

# דער אינזל

דער איזשעניער וויל בויען א בריק צום אינזל.

איך מוז דא ברייגנען א פאר ווערטער איבער דעם אינזל, וועלכער איז ער און וואו ליגט ער.

אין ווינקל פון מאאוריציא, צפונית-מערבית, ליגט א שטיק ערד פון א דריי טויזנט העקטאר אין דער פארם פון א טריאנגעל, וואס מען רופט „אינזל", רעכטס און לינקס צאמען אים אפ די פרעמדע דראטן פון די שכנישע לענדער און אנטקעגן, דאס הייסט ביי זיין מזרח, וואס קוקט צו מאאוריציא, איז ער אפגעטיילט פון דער קאלאניע מיט א זומפ, א באוואקסענע באוועגלאכע בלאטע מיט א הויכן טשעראַט, וואו עס שווימען שטענדיק ארום אין די טויזנטער אלערליי וואסער-פויגלאך.

דארט טרעפט מען דעם שיינעם גאלד-פארביקן פלא-מענקא, בושעל, דעם שיינעם שוואן אדער ליעבעד מיטן לאנגן שווארצן האלז; אויך די שניי וואסע גאנז און די רויטע ענטלאך: און אנדערע אלע מינים ווילדע וואסער-עופות, די טויזנטער „נוטריאס" (א היה׳לע פון דעמזעלבן מין ווי דער ביבער)—ביי די ברעגן פירן זיך דארט אומגעשטערט זייער פאמיליען לעבען פון ששת ימי בראשית אָן.

אין א רעגן צייט ווערט דער גאנצער זומפ אנגעפילט מיט וואסער אזוי, אז די 10 קאלאניסטישע-פאמיליעס, וואס וואוינען דארט אויף יענער ערד, ווערן אינגאנצן אפגעשניטן פון מאאוריציא.

דארט, איבער יענעם זומפ, האט דער אינזשעניער גייער א בריק אדער א גרעבלע פון 1200 מעטר די לענג געדענקט צו בויען כדי צו פאראייניקן דעם אינזל מיט דער קאלאניע, און טאקע אגב אורחא פארשאפן ארבעט די קא-לאניסטן.

דער געדאנק איז געווען א גוטער, און די גרעבלע וואלט אויך נויטיק און נוצלאך געווען; אבער ווען עס איז צום חשבון געקומען, איז די גאנצע אונטערנעמונג מיטן פלאן בטל געווארן. די ביורא האט געענטפערט: „אז די ארבעט פון א בריק איז זעער א לאנגדויערענדע אונטערנעמונג, דער צו וועט דאס זעער טייער קאסטן און וועט מוזן באשעפטיקן אלע ארבעטס הענט פון מאאוריציא, און וואס וועט געשען

דאן מיט די פעלדער? ווער וועט באארבעטן די ערד? אפ-שטעלן די אגריקולטור, הייסט טויטן די קאלאניזאציע און דאס וויל מען ניט אין פאריז. מען מוז נאך זעער פיל עקספערימענטן מאכן אין מאאוריציא און אויסגעפינען צו וואס די לאנד טויג".

אזא ענטפער איז אנגעקומען אויפן ראפארט פון הער גייער, וועלכער האט אבער דערביי געדינט אלס אוממיטל-בארער ענטפער אויף אונזער ביטע, אז מען זאל אונז אריבער-פירן פון דאנען, ווייל די ערד פון קאלאניע נוצט צו גאר נישט.

דער אינזשעניער איז אוועקגעפארן, און באלד איז הירש, דער דירעקטאר אליין, געקומען צו אונז...

## 22-טער קאפיטל

# הירש מיטן מצרים פלאַן

מען האט צוזאמען גערופן די דעלעגאטן-קאמיסיאן, כדי צו שפרעכען מיטן דירעקטאר...

א גרויסער עולם קאלאניסטן האבן גלייך באלאגערט די פענסטער פון דער אדמיניסטראציע; און אזוי ווי תמיד, ווען אן אדון איז געקומען האב איך נאכן וואונש פון די קאלא-ניסטן געמוזט בייזיין די אוידיענץ,—הגם איך האב קיין מאל קיין שטריימל ניט געטראגן.

—מיר ווילן זיך ניט פארלאזן אויף דער קאמיסיאן!— פלעגן די קאלאניסטן צו מיר טענה'ן, רעדט איר אליין מיטן דירעקטאר... איך בין אין דעם אָפּיס אדער קאנטאר פון קהל אריינגעגאנגען, די קאמיסיאן מיט באבן זיינען מיט הכנעה ארום דעם קליינינקן און קפדנישן הירש געזעסן, וועלכער האט א בליישטיפט אין האנט געהאלטן, און אלץ פארצייכנט די קאלאניסטישע הטאים, וואס, נאך דער מע-טאדע פון די אדונים און לויט זייער לאגיק, דארף קהל זיין די כפרה פאר זיי. ער האט קריטיקירט און סאטיריזירט...

האט פארגעווארפן, אז איניגע זיינען פשוטע שנארערס, אז זיי האבן געהאט פרי געזייטע ווייץ וועלכע דער היישעריק האט ניט קאליע געמאכט, און איצט שרייען זיי גלייך מיט אלע: הונגער! מיר הונגערן?..

די קאמיסיאן איז געזעסן דערשלאגן און מיט מורא פארן דירעקטארס כעס, עס האט געדויערט א לענגערע צייט, ביז עס האבן זיך פארענדיקט זיינע אנקלאגן מיט די אלע באשולדיקונגען.

מען איז קוים קוים ארויפגעקומען אויפן עיקר, דאס הייסט אז ס'איז שלעכט, און מ'דארף זען אונטערשטיצן די קאלאניע, און מען דארף ערשטנס, עסן, היונה, עס איז ניטא פון וואנען א טאג איבערצוקומען. און צווייטנס אויב פרובירן נאך אמאל ווייץ צו זייען, דארף מען האבן סעמיזשע.

וועגן דער ערשטער פראגע איז הירש ארוים מיט א גראנדיעזער אידעע, פון וועלכער ער איז אליין שטארק בא-גייסטערט געווארן.

לאנגזאם און באטעמ'ט האט ער אנגעהויבן אין דער שטיל און דערנאך העכער אויף א טאָן:

אזוי ווי—זאגט ער—מיר האבן א קאנטראקט געשלאסן מיטן „אלבאניעל" (מוליער) נאטאלי קאמעריאנא צו בויען

צוויי גאלפאנעס פאר דער אדמיניסטראציע, און די בנינים וועלן געווים פאדערן א מיליאן ציגל,—זאל מען די ציגל שאפן מיט די קאלאניסטישע הענט, דאס הייסט, אדער מיר זאלן צאלן די קאלאניסטן צוויי פּעזאס א טאג, און די אד-מיניסטראציע וועט אכטונג געבן אויף דער ארבעט און אלע וואך אויסצאלן דעם לוין אדער בעסער זאלן די קאלאניסטן ארבעטן „פער טאנטא״ פון טויזנט, לויט דעם מקח, וואס די קאמיסיאן וועט איצט מיט אונז מושוה ווערן.—אזוי פיל וועלן מיר צאלן פאר יעדער טויזנט ציגל, וואס א יעדער וועט אויסארבעטן.

און מיט א פילאנטראפּישן חסד, גיט ער נאך צו, ווערנדיק שטארק פארפלאמט ביי די דאזיגע רייד:

מיר וועלן מאכן ציגל פיל מער, אסך מער, ווי מיר דארפן אבי די קאלאניסטן זאלן פארדינען און ניט דארפן נעמען קיין סובסידיע, וואס דאס איז א חרפה פאר זיי.

ער האט געענדיקט ריידן און געווארט אויף אן ענטו-זיאסטישן דאנק מצד דער קאמיסיאן...

דער דאנק איז אבער ניט געקומען... נאָר א פּאָר טיפע שמערצליכע זיפצן האבן זיך ארויסגעריסן פון א דעלע-גאטן הארץ, אז ס׳האט אויפגעטרייסלט יעדן איינעם.

זייט איר ניט צופרידן מיט מיין פראיעקט?—גיט ער א פרעג מיט כעס.

די קאמיסיאן האט זיך איבערגעווארפן מיט די בליקן און געוואונקען צו מיר, איך זאל אים ענטפערן.

—מיר זענען ניט מסכים מיט אייער פראיעקט, הער דירעקטאר;—ענטפער איך אים.

ער הויבט אויף זיינע אויגן, קוקט מיך אָן און סאר-קאסטיש גיט ער זיך א פרעג:—האט איר א בעסערן פלאן די הונגער לאגע צו אנטשיידן, אדרבה זאגט?!

אונזער פלאן איז צו הונגערן מיט אונזערע ווייבער און קינדער און ניט נאכאמאל ליים קנעטן און ציגל מאכן.

ער האט אין אנהויב ניט באגריפן מיינע רייד, הגם איך האב שטארק באטאנט די צוויי ווערטער נאך א מאל.

—רעדט דייטליכער! זאגט ער שוין א ביסל ווייכער אבער אלץ ברוגזלאך, ווי זיין שטייגער איז געווען;—איך פארשטיי אייך ניט.

איך האב זיך געשטעלט און דרייסט אים געענטפערט—צוליב דעם כבוד פון גאט זעליגן באראן, וואס איז אונז אלעמען טייער דארפן מיר דעם פלאן פון „חומר ולבנים״ אינגאנצן פארווארפן, כדי מען זאל ניט זאגן, אז מיר זיינען אין א צווייטן מצרים...

דער בליישטיפט אין האנט ביי הירשן האט א ציטער געטאן, די ערליכע נשמה זיינע האט אויפגעפלאמט, ער האט מיך שטארק אנגעקוקט:

איר זיינט א רוסישער?—גיט ער מיך א פרעג, שוין מיט א שמייכל.

—סי סעניאר! פון דארט, אוואו די אידןליידן אם מערסטן...—ענטפער איך אים.

—גוט! גוט! איך וועל שוין דאס געדענקען...

ער נעמט ווידער דעם בליישטיפט און מעקט אפ פון פאפיר די אלע נאטיצן אויסגעשטראכט דעם גאנצן מצרישן פלאן

## 23-טער קאפּיטל

# א קהלה׳שער רייסטער און די „קאמונע״

הירש האט מיט באבן עפּעס אין פראנצויזיש גערעדט און דערנאך מיט אונז אנגעהויבן צו באקלערן, וואס און אויף וואס פאר אן אופן מען זאל העלפן מאאוריציא.

נאך א שקלא וטריא א באראטונג פון אַנדערהאלבן שעה צייט, איז געבליבן, אז די אדמיניסטראציע, זאל זען די שלעכטע בלאטיקע וועגן אין דער קאלאניע צורעכטמאכן כדי אזוי ארום ארבעט פאר די גרויסע פאמיליעס צו שאפן. די הוצאות דערוף זאלן פאלן אויף דער גאנצער „קאמונע״ דאס הייסט, דאס געלט וואס מען וועט אויסצאלן די ארבעטער און אויך די קאפּאטאסן די אויפזעער און נוגשים, וואס וועלן אכטונג געבן אויף דער ארבעט, אט דאס גאנצע געלט זאל פאלן אויפן רעכענונג פון דער גאנצער קאלאניע...

(אין די חשבונות פון די אלטע קאלאניסטן קען מען טרעפן שיינע עטלאכע הונדערטער, באצייכענט מיטן ווארט „קאמון״, פון וועלכע מיר צאלן נאך „נשך ותרבות״ ביז היינ- טיקן טאג).

די קלענערע פאמיליעס וואס האבן ניט גענוג ארבעטס הענט אי פאר פעלד ארבעט, אי אויף צו גיין פארדינען ביים וועג גראבן, די אלע וועט די דירעקציע ארויסגעבן הלוואות אחוץ דער סעמיזשע, וואס דאס וועט א יעדער באקומען, וועט מען זיי נאך אויסבארגן א ביסל געלט.

אבער! באמערקט דער הער הירש—מיר ווילן ניט, אז די הלוואה זאל גיין דירעקט פון דער אדמיניסטראציע צו די קא- לאניסטן, ווייל באטאנט ער—זיי וועלן דענקען, אז דאס גע׳ט איז א סובסידיע, און דאס ווילן מיר ניט...

אויך זיינען פאראן דא אסך וואס האבן באהאלטן א ביסל ווייץ און פארלייקענען דאס און דעריבער טאקע זעצט ער פאר — וועלן מיר מאכן אזוי: אז די קאמיסיאן זאל אונטערזוכן די לאגע פון יעדן קאלאניסט און באשטימען, צו מען דארף אים עטוואס אויסבארגן און וויפל ער דארף... און איר זאלט ביי אים א וועקסל נעמען אויף דער אויסגע- ליענער סומע געלט.

מיר פון דער דירעקציע וועלן אייך שוין א פארטיקע „פלאניזשע״ (פארמולאר) ארויסשיקן, און לויט אונזער אינ-

סטרוקציע זאלט איר מיטן אדמיניסטראטאר, וועלכער וועט די קאסע האלטן, די גאנצע אפעראציע פון די אויסלייאונגען מאכן.

די אודיענץ האט זיך, הייסט דאס, גינסטיק געענדיקט איצט האט זיך אנגעהויבן די קהלה'שע ארבעט... א רייסטער צו מאכן, ווען יאָ אויסבארגן און וועמען ניט...

די דעלעגאטן קאמיסיאן האט דאמאלסט נעבאך איבער גענוג געשוויצט.

## 24-טער קאפּיטל

# די דעלעגאטן קאמיסיאן. (אנשי חיל...)

פיל מאל האב איך שוין זייער נאמען דערמאנט און האב נאך ניט געזאגט, ווער זיי זיינען געוועזן און אין וואס פאר א פורם זיי זיינען אויסגעגאסן געווארן, ווי אזוי האט מען זיי אויסגעוויילט און וואס איז זייער ממשלה געוועזן? עס גלוסט זיך זעער ניט א „מחטט באשפה" צו זיין —ווי דער העברעער זאגט—ווער שמועסט אופּריען אן אלטן קהלה'שן מיסט קאסטן, וואס איז שוין אלט א דריטל מאה יארן.

איך האב גערעכנט דעם גאנצן ענין איבער די ראשים פון דער קאלאניזאציע וועלכע זיינען כמעט איינע און די זעלבע אין יעדער קאלאניע פון דער „יקא" אין ארגענטינע, צו פארשווייגן... איבער פיל טעמים... ערשטנס, זיינען שוין גאר די ערשטע, די ריכטיקע „קעפּ" אויפן עולם האמת, און די וואס לעבן נאך—זאלן זיי לאנג לעבן—זיינען שוין אלט און נוצלאז אפילו פאר חרטה; און צווייטנס קען גאר מעגלאך זיין, אז חרטה דארף איך גאר האבן און ניט זיי...

א פארשאלטענע נאטור איז ביי מיר, קיין שום ממשלה קען איך גיט דולדן; דיסציפּלין האס איך ווי די פעסט... א מושל, פונם ערשטן וועלכער זיצט אויף א קיסר-טראן ביז צום לעצטן—ביז צום פּריווילעגירטן ארעסטאנט אין אסטראג, וועלכער הערשט איבער זיינע חברים—אלע האב איך זיי פיינד!

דארפט איר מער: א צדקה גבאי, ווען איך זע אים זיצנדיק בהרחבה אויף זיין מיטליידס שטול, און פארטיילט דאס צוזאמען-געשארטע רחמנות-געלד; צי אפילו א ליבער טאטע, ווען ער ווייזט ארויס זיין רעכט און זיין מאכט קעגן זיינע אייגענע קינדער שפּיר איך א גוואלדיקן עקל צו זיי... איך ווייס ניט פארוואס... אזא שוואכקייט איז דאס ביי מיר; איך האב פיינט יעדער ארט ממשלה, איך פארשטיי ניט, ווי קען איין מענש געוועלטיקן איבערן צווייטן. ניט איין מאל ווער איך אויף זיך אליין אין כעס, איך זידל זיך אליין: גולם, טראכט איך, וואס דו ביסט, קען די וועלט זיך פירן אן א רעגירער?! צי קען דען זיין א קהילה אן א פארשטייערשאפט? עס מוז דאך זיין אָרדנונג, געזעץ, און אָט די ביידע זאכן פאדערן דאך שטארקייט און מאכט... און דארט; וואו עס איז פאראן מאכט, מוז דאך שוין זיין אביסל געוואלד, און עס מוז שוין אויך פאקן א טרער...: —קומט אבער מיין איינגעבוירענע משוגעת און פראטעסטירט, זי

שרייט—נײן! עס קען זיין א וועלט, א קהלה אן מושלים, און במילא שוין אויך אן טרערן... לאמיר נאר ניט וועקן אנשארן, אנזאמלען און באהאלטן, וואלט געסטייעט, וואלט גענוג געווען פאר יעדן...

אזוי בין איך שוין, אן אומגליקליכע נאטור, ארץ זע איך שווארץ, פויל, און מיר דאכט, אז עס דארף ניט זיין אזוי...

דעריבער האב איך געדענקט איבערצוהיפן די גאנצע עקל'האפטע קאמיסיאנס-רעגירונג פון יענער צייט...

איז אבער א צרה מיט מיין ביכעלע—„זכרונות מאאוריציא״: דארט איז פארצייכנט אין אזעלכע שארפע שטריכן, וואס זיי לאזן זיך ניט איבערהיפן און ניט פארבויגן: און אויסער דעם גייו נעם די אלע קהלס-לייט, וואס האבן געדינט און דינען נאך היינט אויך אין די אלע יק״א קאלאניעס, און מאך זיי אוועק כלאחר יד! מען טאר ניט מקפה זיין דעם שכר פון קיין שום מענשן, און בפרט נאך פון די ראשי בני ישראל בהמושבות...

וואס איז, סוועט זיין א שאנדע? כלעבן, אז ניין! און אין יתרו׳ס צייטן האט דען משה רבנו געפונען „שונאי בצע״? ער האט געפונען נור „אנשי חיל״, און בריות ווי אנשי חיל זיינען דאך אונזערע אויך...

אט איז למשל אין מיין ביכעלע פארצייכנט, וואס איך האב געזען סוף מערץ פון יאר 1898

25-טער קאפּיטל

# דער ריח פֿון דער קהלשער שיסל

דער פּרעזידענט פון אונזער קאמיסיאן קומט מיט א בשורה פון קהל שטיבל ארויס, ער דערציילט פאר קהל אז:

די דירעקציאן האט „אוטוועדעט אונזער דעלעגאטסטווע״ אזוי ווי מיר האבן געוואונשן, אָן דער הסכמה פון דער אדמיניסטראציע האבן זיי קיין ווערט און קיין מאכט ניט געהאט, מען האט שטענדיק געמוזט אויסקלויבען אזעלכע, וואס איר איז געפעלן, אלע קהלשע בנינים, דאס הייסט, די באד, דעם אלמאסען, די מאנאפּאל פון פליישׁ, אויך דעם שפּיטאל און די אפּטייק גיט זי איבער אין אונזערע הענט. מיר וועלן שוין קענען פּאָרדינגען די מאנאפּאל, די טאקסע, די קלייט, פאר וויפיל מיר ווילן און צו וועמען מיר ווילן... און נעמען פאר א רעצעפּט וויפיל מיר וועלן באשטימען. אמת—גיט ער צו—זיי, די דירעקטארן ווילן דערפאר ניט וויסן מער פון קיין דאקטאר און מעדיקאמענטן, מיר וועלן דארפן אליין פון אונזער געמיינדע-קאסע אלץ באצאלן...

אבער!—גיט ער זיך א שעלמישן שמייכל — דאס מאכט ניט... בעלי בתים געפונען שוין געלט...

— א פאר סענט מער אויף דער קילא פליישׁ!—כאפּט אונטער א רויטער אידל, אַ סבארשטשיק פון דער היים...

און דער צווייטער, געוויס אזעלכער ווי דער ערשטער, שרייט אויס:

—און 10 אדער 15 סענט אויף א רעצעפּט איז שוין גארניט!—עס וועט שוין זיין געלט!—האבן נאך אייניגע, וואס האבן גלייך דערשפּירט דעם ריח פון דער קהלשער שיסל... צוגעשטימט פריילאך.. — דער נאאיוועד פּשוטער עולם האט נאכגעזאגט באָם... א פאר האבן אפילו זיך א קרים געטאן און אַ וואָרטשע געגעבן:

—מיר וועלן שוין בלייבן ברוך השם אָן א דאקטאר אויך...

דער אומצופרידענער—אזעלכער איז פאראן אין יעדער געמיינדע—האט אויך א געשריי געטאן:

דערפאר וועלן מיר אבער אנשטאט א דאקטאר זיין פארזארגט מיט „אַ קאראבאָטשני סבאר״... און מיט א קהל-שטיבל אזוי ווי אין דער אלטער היים...

דער פּרעזידענט האט א זייטיקן קוק געווארפן אויף די אומצופרידענע, די אייביקע מתאוננים, און דער המון האט א געשריי געגעבן:

—לאז זיין שטיל!..

דער פרעזידענט האט פונם בוזים א פאפיר מיטן אדמי-ניסטראציאנס זיגל ארויסגענומען און פארגעלייענט די באַ-שטעטיגונג, אויך די סטאטוטן פון דער קאמיסיאן, וועלכע האבן געלויטעט:

„אויסגעוויילט פון דעם רוב פון די קאלאניסטן אויף א יאר צייט; אלע קהלשע בנינים, אויך די סכסוכים, וואס קומען פאר צווישן די קאלאניסטן פאלן אונטער דער קאמיסיאן, זי האט דאס רעכט צו פסקענען, אויך באשטראפן פון 5 ביז 50 פעזאס אין מזומן יעדן איינעם, וואס פאלגט ניט איר באשלוס... די אלע געלטער, ווי פארשוסן אדער „אדע-לאנטאָס" וואס די יק"א בארגט אויס א קאלאניסט, דארף דאס דורכגיין דורך קהלס האנט, דער אדמיניסטראטאר דארף נאר קאנטראלירן די ביכער, רעווידירן די קאסע".

דער פרעזידענט האט געלייענט „גראמקע" מיט א רוסישן אקצענט, געשוויצט און באטאָנט יעדעס ווארט... און קהל—דאס הייסט — די אלע ראשים, די אקטיווע און אויך די צוקונפטיקע וואס פילן און גלויבן, אז זיי וועלן מיטן אויבערשטנס הילף אויך א מאל ארויף אויפן בענקל, ביי זיי האט די סלונע געדונען פון מויל... זיי האבן געקוואלן פון גדולה, די שכינה האט אין זייער פנים געפלאמט...

דאמאלסט איז באשטעטיקט געווארן דער קהל.

## 26-טער קאפּיטל

# פּעסי די „סוטה״ און איר משפּט

אלע דאנערשטיק איז דאס קהל-שטיבל אפן געווען, און ווער פון די קאלאניסטן האבן צווישן זיך עפּעס א סכסוך, א לאדעניש געהאט, איז דער משפּט פאר דער דעלעגאטן קאמיסיאן געבראכט געווארן, זיי האבן די טענות פון די צדדים אויסגעהערט און אלץ אין אַ פּראטאקאל-בוך אריין געטראגן, נאכדעם געהייסן די בעלי דינים ארויסגיין, און שפּעטער א געשריבענעם פּסק דין ארויס געגעבן און אויף דער רויטער וואנט פון אדמיניסטראציע האט מען שוין די אורטיקן געליינט:

די פּראטאקאלן זיינען געפירט געווארן אין דער רוסישער שפּראך, שפּעטער אין אידיש, און לעצטענס, אין חצי גויאיש „שפּאניש״ און חצי אידיש.

נשקשה, דער שפּעטערדיקער היסטאריקער וועט געפונג שיינע פּערל פון די פּראטאקאל-ביכער ארויסשארן... פאר מיינע הענט זיינען זיי צו ווייך די דאזיקע פּערל, זיי וועלן שמירן...

מילא „דיני ממונות״ ווי אזוי זיי האבן געפּסק׳נט בין איך זיי מוחל... נור אין הלכות איש ואשה? אזעלכע משפּטים, מיין גאט!..

איך בין א בעלן צו פארצייכענען אט אַ דעם קליינעם עפּיזאד פון אַ מין „סוטה—משפּט״, וואס איז דאן פאר אונזערע ריכטער פארגעקומען, אויך זייער קלוגן פּסק, וואס די אַלטע פּיאנערן, ווען זיי דערמאנען זיך נאך איצט אָן אים, קומט זיי דאס שפּייעכץ אין מויל אריין און...

איך מעגט עס הערן:

שלום ביק האט פארמאגט א קלייניטשקע ווייבל, זעער א שענע, זיין שכן חיים פּריילאך איז א עסטעטישער מענש געווען און האט זעער ליב געהאט אלץ, וואס ס׳איז שען...

—די נעמען פון די פּערזאנען זיינען עטוואס ניט ריכטיק ארטאגראפיש.—

די אימיגראנטן, וואס האבן זעער לאנגע צינגער האבן גערעדט... דער קאלאניסט סעניאר ביק האט פארווערט זיין שכן חיים אריבערצוטרעטן זיין שוועל... בייזע שכנים האבן א ספּלעטנע צו דעם ערשטן צוגעטראגן, אז,—אין זיין אפּוועזנהייט—איז דער צווייטער, דער עסטעטיקער, עובר אויף דעם פארבאט זיינעם... און זיי האבן שוין אזוי געמאכט, אז דער „ביק״ זאל זיך איבערצייגן אינגם אמת פון זייערע רייד...

נא, האט ער זיין שכן, פריילאך, צו דער קאמיסיאן „בית דין״ ארויסגערופן... און האט נעבאך געהאלטן אין איין טענהן אז: זיין „פעסי״ איז אַ „סוטה״ און געפאדערט פון די ריכטער:—אז אויב קיין „מים-המאררים״ אויף אנצוטרינקען די „סוטה״ האבן זיי ניט... זאלן זיי מיט בלויז זייער חכמה אליין אויסגעפינען, צו זי איז א כשרה?.. פעסי האט ניט געטענהט, זי האט נאר געוויינט און געשאלטן די עדות... אונזערע שופטים האבן שלמהס חכמה דאַן באוויזן, נאכן פראטאקאלירן און דאפראשעווען די האנאראבלע עדות,— לאזט מיך זייערע נעמען פארבויגן, האבן זיי אַט אַ דעם שארפזיניקן פסק אויפן מצרים וואנט צו געקלאפט:

דער חשד פון פעסי, שלום ביקס פרוי, מיטן סעניאר חיים פריילאך... איז ניט ריכטיק דערוויזן געווארן... די עדות האבן געפלאנטערט מיטן צונג...

א „מולטא״ פון 20 פעזאס דארף דער קאלאניסט פריילאך באצאלן.

און דער סעניאר ביק נאר פינף פעזאס
און פעסי איז אויסער דעם חשד...

קאברירן זאל מען די מולטעס פון די „אַדעלאנטעס״-געלט אויף דעם פסק דין איז געשטעמפלט געווען דער געמיינדע זיגל, מיט די התימות פון פרעזידענט און סעקרעטאר.

ביידע בעלי דינים זיינען שפעטער אוועק פון דער קאלאניע, פעסי מיט איר ביק זיינען אוועק אין דער ארץ הקדושה, אַוואו זי איז געווים מיט די נשים צדקניות זיך משתטח אויף קברי אבות...

און רבי חיים איז א שיינער קהל׳סמאן אין אונזער מעטראפאל בוענאס איירעס.

דער בית המשפט איז אויך באלד בטל געווארן, „קלוידיא אַגילאר״ דער אלקאלדא, א טויבער גוי ווי א שטיק האלץ, וואס האט זיך בארימט, אז ער שטאמט פון די שפאנישע אנוסים און האט געוויזן א פאר קליינינקע תפלין וואס זיי גייען בירושה אין זייער פאמיליע פון דור צו דור, דער איז אונזער דיין און רעגירונגס ריכטער אין קאלאניע פארבליבן.

## 27-טער קאפיטל

# די וואלן

דאס אויסקלייבן די דעלעגאטן איז צוגעגאנגען ביי אונז—און אויך אין יעדער אנדער קאלאניע—אויף דעם אלטן געוויינליכן שטייגער...

דער איין און איינציקער קרעמער, וועלכער האט מאָנאפאליזירט דעם אלמאַסען, צוזאמען מיט דעם קצב וואס האט די טאקסע געהאלטן אין דער קאלאניע, צוויי אויס גערוויכערטע ליולקעס,—זיי האבן די גאנצע וואַל—דיפלאמאטיש געפירט; זיי האבן נאך פון דער היים געוואוסט, אז דער קהלסמאן האט ניט פיינט קיין פעטע האָלבע גאנז, א שטארקע גלאז וויין און א מטבע... זי זאל נאר זיין א שטילע, א גלאטע... א כשרה?.. נו מילא!..

ווען עס איז געקומען די צייט צום קלויבן א קאמיסיאן, האבן די אויבענדערמאנטע צוויי... שוין געזען אָנפירן די פאליטיק, אז אויפן בענקל זאלן ארויף אזעלכע ראשים, וואס ווייסן אַ דין אין אדמיניסטראציע... און אויך אין הלכות בלאַט..

און אבי די ראשים, די שומרים פון דער עדה, זיינען געווען בלאַט... זיינען זיי שוין במילא געווארן שטום און בלינד... און די צוויי באנדיטן האבן שוין געמאכט מיט די שעפסן, וואס זיי האבן אליין געוואלט...

אוי, האט מען געשונדן די לעמער!

דער מאנאפאליסט האט גענומען פרייזן און געמאכט חשבונות... נאך די סדרות פון לוח...און דער בעל טאקסע האט גענומען גאר אן א חשבון.

א פשוטער גנב איז ער געווען... ביי יעדן קאלאניסט האבן א פאר שטיקלאך בהמות יעדן מאנאט געמוזט פעלן... אין אלע קאלאניעס פון יק״א איז דער מנהג אזוי געווען, ער פלעגט זיי שעכטן כדת, און נאך א טובה טאן דעם קאלאניסט, אים אויסגעבארגט כשר פלייש אויף א מאנאט און אפט נאך אויף מער צייט... די בעלי טאקסעס זיינען שפעטער די פרעזידענטן אין די תלמוד תורות געווארן... גאר שיינע אידן.

א שיינע געשיכטע האט דאן פאסירט מיט אונזער שוחט יצחק קרעל, וואס איז אויך א קאלאניסט געווען.

אַ פופצן אייגענע שטיקלאך פי האט דער שוחט דאמאלסט פארמאגט, און נאך דער ליטווישער מאדע האט א יעדער בהמה׳לע א נאמען ביי אים געהאט, „אניוטקע״, „מאנקע״, „פאנקע״, ער האט זיך געשפיגלט אין זיי...

דער בעל טאקסע, ווען ער פלעגט אלע שבת ארויס-פארן מיט זיינע „פארטרויערטע גאאוטשעס״ אויף די פעלדער זוכן זיין פארלוירענעם סקאט...—אזוי האט דאס כלומרשט געהייסן...—ווייל קיין אלאמבריירטע אדער ארומגע-צאמטע פאטרעראס איז נאך דאמאלסט ניט געווען, איז ער איינמאל פארביי דעם שוחט׳ס סקאט געקומען, און על פי טעות מיטגענומען א שטיקל. אזוי ארום זיינען אין א דריי מאנאט צייט ביים שוחט זעקס שטיקלאך פארפאלן געווארן... ער פלעגט זיי נעבאך אליין אויסשעכטן און האט דערפון ניט געוואוסט.

טרעפט זיך אמאל אין א זונטיק גאנץ פרי, ווען דער שו״ב קרעל איז מיטן חלף אין האנט צוגעלאפן קוילענען א ווייסע פעטע טעלעצע, וועלכע דער ענקאסאדאר האט אויף דער לאַסע געכאפט. ווי ער האט נאר א ברכה געמאכט און אויסגעשטרעקט די האנט איז ער פלוצים מיטן חלף איבערן האלז שטיין געבליבן און ניט געשניטן...

—קרעל! גיט דער בעל טאקסע א געשריי, וואס קוילעט איר ניט?

דער שוחט אבער גיט זיינע לאנגע האריקע ברעמען א הויב אויף אים און זאגט זיך געלאסן:

—טאטעלע, ביסט א גנב! ס׳איז דאך מיין „אניוטקע״, איך האב זי דערקענט!..

דער קצב ווערט אין כעס:

—ליטוואק! אפיקורס! האסט געמאכט א ברכה לבטלה.

דער שוחט גיט אים א שפיי אין פנים.

—א רוח אין דיין טאטן, ממזר!..

און ער באהאלט דעם ח׳ף אין שיידל...

שפעטער האט שוין אזעלכעס פיל מאל פאסירט; קא-לאניסטן האבן אונטערן חלף זייערע שטיקלאך דערקענט... אבער אונזער קאמיסיאן האט ניט דערלאזט, אז דאס זאל חלילה אנקומען צווישן גוים... א קליינינקייט! א חלול השם... זיי פלעגן בשתיקה די זאך רעגולירן...

## 28-טער קאפּיטל

# „פּדיון שבוים", „א בעזגראַמאַטנע קאָמיסיאָן", „קהלשע שרצים"

דער בעל טאַקסע האָט זיין כשר געשעפט א צייט גע־טריבן און איז טאַקע ברוך השם שטאַרק רייך געוואָרן; ער האָט אַסך „טובות" די קאָלאָניסטן געטאָן; נו האָט זיך אים פאַרגלוסט - אין באַבס צייטן - דעם אַדמיניסטראַציאָנס סקאַט אויך צו שלעפּן אַזוי, ווי ער איז פון תמיד געוויינט געווען... דער באַב, כאָטש ער איז א דייטש, האָט ער אָבער דעם מין דייטש ניט געקענט... קיין חלק ניט געוואָלט... האָט ער נעבאַך אונזער בעל טובה'ניק געפּאַקט, אַנגעטאָן קייטן כדבעי, און אים משלח געווען אין תפיסה אַריין...

דער שופט צדק פונם דאַמאַלסדיקן בית המשפט אין „נעוועדע חוליאַ" סעניאָר .K איז אָבער א גרויסער מענש געווען... ער האָט פאַרמאָגט די מידה פון „רבי'ן" מכבד צו זיין עשירים... האָט ער נאָר „על פי סוד" דעם בעל טאַקסע אַרויס גענומען, האָט מיט אים יהוד געהאַט... בלויז צוואַנציק התימות האָט ער, דער שופט, דערנאָך פאַרלאַנגט פון די קאָלאָניסטן, כלומרשט אַלס באַשטעטיקונג, אַז דער בעל דבר איז אַן אָרנטלאַכער מענש... מילא אַ שוגג!.. ס'מאַכט זיך...

אונזער קאָמיסיאָן האָט געמאַכט די מצוה „פדיון שבוים", אַנשטאָט 20 האָט זי דרייסיק התימות אים געגעבן און יענער איז אַרויס „פריי" פון שולד און פון שטראָף-אָדער „ליברע דע קולפּאַ אי פּענאַ" ווי ס'האָט אין שפּאַניש געהייסן.

די דירעקטאָרן האָבן פאַר פאַרדרוס געקריצט מיט די ציין, זיי האָבן פאַראָרדנט, אַז מען זאָל אים מער די טאַקסע ניט פאַרדינגען; אָבער די „ראשים" פון קהל האָבן דערביי גלייך א רוסישע חכמה באַנוצט, אויף א פרעמדן נאָמען איז די טאַקסע איבער געגעבן...

אַט אַזוי האָבן זיך ביי אונז אין קאָלאָניע אַלע קהל'שע אינסטיטוציעס אָרענטלאַך און פיין, בעלי-בתיש געפירט... עס האָט זיך פאַמעלאַך אויפ'ן קהל'שן הויף אַנגעזאַמעלט א היפּש ביסל מיסט, און אין דעם מיסט זיינען מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אַזעלכע עפּושדיקע שרצים, אַז, „רחמנא יצילנו". נאָר דער רב"שע זאָל אונז פון זיי שיצן און באַשירמען...

די ארענטלאכע תמימותדיקע קאלאניסטן האבן זיך-
געדענק איך-איין מאל ארום געקוקט, אז אט אט באלד
וועלן זיי פארטרונקען ווערן אין קהל׳שען שמוץ, האבן זיי
רעוואלטירט, האבן מערער ניט געוואלט אויספאלגן ניט דעם
מאנאפאליסט און ניט דעם קארניסערא-דעם העקער... נאר
בלויז דער אדמיניסטראציע, איר מוז מען דאך פאלגן...
פון אונזערע פראסטע קאלאניסטן וועלן מיר א קאמי-
סיאן אויסוויילן... בעזגראמאטנע זאלן זיי די אלע פינף
דעלעגאטן זיין!—האבן זיי געשריען.
אזוי האבן זיי עס טאקע געטאן... נאר איינעם א אינ-
טעליגענט פון דער רוסישער קליקע מיט לאנגע האלעוועס
האבן זיי צווישן די פינף דעלעגאטן אויסגעקליבן, ער זאל
קענען איבערלייענען א „יקא״ אוקאז און אונטערשרייבן...
און די איבעריקע פיר זיינען בעזגראמאטנע געווען... דער
אדמיניסטראטאר איז פון די פראסט-פשוטע וואלן צופרידן
געווען, פון ביורא אין בוענאס איירעס איז אויף גיך די בא-
שטימונג אנגעקומען מיטן שטענדיקן נוסח: Tomamos
buena nota—„מיר נעמען דאס אָן פֿאַר א גינסטיקע פאר-
צייכענונג׳.—האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזן דער דורכ-
פאל „פראקאסע״ פון די וואלן.
די דאזיקע גולמ׳ס, האבן נאר דעם זיגל פון קהל גע-
האלטן אין האנט, און די קאמאנדע האבן טאקע די צוויי
באנדיטן, דער בעל טאקסע מיטן קלייטניק מיטן „פיסאר״
אין די האלעוועס און די פאר פיסיפאקעס געפירט, און נאך
מיט מער אומפארשעמקייט געטריבן זייערע „געשעפטן״ און
נאך מער שמוץ אנגעזאמלט...
מען האט געמוזט אין מיטן יאר אן אסיפה רופן און
קלייבן א נייע קאמיסיאן.
מיר האבן א צייט לאנג מיט דער רוסישער „סבאר-
שטשינע״ געקעמפט און א פאר יאר האבן מיר טאקע ארענט-
לאכע פארשטייער געהאט—הגם אויך ניט קיין גאנצע—...
נאר וואס האב איך זיך פאררעט? (אמיר אייך דערציילן,
וואס ס׳איז דאמאלסט פארגעקומען אין דער צייט, ווען די קא-
מיסיאן האט אנגעהויבן איר קהל׳שע טעטיקייט.

29-טער קאפיטל

# קהל מאכט א רייסטער די ערשטע פינף טויזנט פעז.

אין מיין זכרון איז דאס ווי מיט פייער אויסגעברענט, עס שטייט מיר ווי לעבעדיק פאר די אויגן.

דאס איז געשען אין די ערשטע טעג פון אפריל אין יאר 1898, נאך דעם היישעריק; דער דירעקטאר הירש איז נאר וואס אוועק געפארן פון דער קאלאניע מיט דער הבטחה אונז צושיקן א סומע געלט אויף הלואות מיט א צעטל אדער „פלאנישזע", וואס דארף אדורכגיין דורך דער קאמיסיאנס האנט, ווי ס'איז אויבן שוין דערמאנט געווען.

אין א שיינעם טאג קום איך אראפ אין אלגאראבא, איך זע א גרויסע מאסע קאלאניסטן זיינען פארזאמלט גע-ווען ביים דראט, קוקנדיק דורך די שפארונעס אין דעלעגאטן שטוב אריין און שלונגענדיק דערביי די סלונע, ריידן זיי צווישן זיך:

—פינף טויזנטער זיינען שוין אנגעקומען מיט א פלא-ניזשע! אונזערע פארשטייער מאכן שוין דעם רייסטער... ס'וועט שוין אנקומען נאך געלט!

פון שטיבל קומט ארויס דער דאמאלסדיקער פרעזי-דענט, א פארשוויצטער, א פארמאטערטער, נעבעך שווער געארבעט איבער דער ליסטע פון קהל...

איך האב אים דאן געננוי באטראכט: א דיקער מענש מיט א פליכעוואטן קאפ, טראגט סאלדאטסקע שטיוול מיט לאקירטע כאלעוועס, האלט זיך בייזלאך, אנגעבלאזן אויפן רו-סישען ביוראקראטישן שטייגער... פילט אן אלע מאל זיינע באקען און בלאזט זיי אויס, ווען א קאלאניסט הויבט אן ריידן צו אים...

אין גרונד גענומען איז ער ניט קיין שלעכטער מענש געווען און אין איינעגע פרטים, קען מען זאגן, אן ארענטלא-כער מענש, ווייל די פיסיפאקסטווע חולאת, נעמען שוחד... האט ער געהאסט ווי די פעסט; ער האט געהאט גאר א ווייטן קוק... געזוכט צו האלטן די לייצעס פונם וואגן. ווי דאס הייסט אויף קאלאניסטישער שפראך, זיין הערשענדע נשמה האט געלעכצט נאך דער לאנגער בייטש...

פינף און צוואנציק יאר כסדר האט ער נעבאך גע-טרוימט צו ווערן...—אין אלע קאלאניעס איז כמעט דער-זעלבער פרעזידענט—און אט טאקע דורך דעם געדאנק

אליין האט ער שוין געפאדערט פון די קאלאניסטן א מין הכנעה׳דיקן רעספעקט... וואס זאל אויסגעמישט זיין מיט מורא...

מיט אלע מינים טיטלען האט איר אים געקענט אנרופן: מאסיע, דאָן, העד, גאספאדין, אפילו פשוט סעניאר,... נאר באהיט אייך גאט, ווען חלילה איר האט זיך ארויסגעכאפט אויף אידיש רב רחמיאל. א טייוול! דאן זייט איר שוין מיט א געטרייען שונא געווארן פארזארגט אויף אייביק!..

די דעלעגאטסטווע האט ער געפירט מעשה פריץ... און דער היטל האט מען געמוזט אין דעלעגאטן-שטיבל שטיין... און איבערפרעגן, למשל, פאר וואס? האט מען באלד „פאר-שיוועי איד געהייסן... און אפט אויך נאך א רוסישע ברכה באקומען...

אט זע איך אים, ווי ער קומט פונם שטיבל ארויס...

—וואס? איר ווילט וויסן ווער? צי אפשר אייך זאגן, וואס און ווער עס זיינען די איבעריקע פיר דעלעגאטן געוועזן?

—זאגט מיר, איך בעט אייך, בין איך דען א מחויב אייך אויסצורעכנען יעדען באזונדער? צי טאר איך דען ניט עפעס פארשווייגן?... צי זייט איר דען אין אמתן אזוי נאאיוו, ניט צו פארשטיין פונם ראש, ווער די אברים זיינען?

אט קוקט אייך צו, ווי איך מאל פאר אייך די קאפ פון דער קאמיסיאן, אט איז זי ארויס געקומען פון קהל שטיבל אפצועטעמען פון דער שווערער קהל׳שער ארבעט:

א אידל א דערשלאגענער גייט צו צום פרעזידענט, ער טענה׳ט עפעס; איך זע פון ווייטן ווי דער אידל ווייזט מיטן האנט נידעריקער און העכער, א פנים ער רעכנט אים אויס זיינע קינדער די פיקערס, וויפל גאליעטן זיי דארפן יעדן טאג צום עסן...

דער פרעזידענט ענטפערט אים הויך אויפן קול:

—איר האט אכט שטיקלאך סקאט אייגענע... פאר-קויפט א פאר דעם קצב, וועט איר שוין האבן אויף מעל...

דער אידל הויבט זיך אן צו שווערן אז ער האט ניט קיין אייגענעם סקאט, דער שכן האט אים אומזיסט געמסר׳ט... דער פרעזידענט שאקלט נערוועז מיטן קאפ.

דער אידל דרייט זיך ווי א ווארים ווען מע טרעט אויף אים ארויף... און זאגט עפעס אין דער שטיל.

פלוצים הערט זיך דעם פרעזידענטס בייזע שטימע:

—איר זייט א נאכאלנער איד! גייט אייך קטשארטו! און ער שטויסט אים אפ פון זיך...

א גוואלדיקער עקל האט מיך אנגעגריפן און איך האב דאן געזאגט צו משה זילבער וואס איז גראד געשטאנען נעבן מיר און אויך צוגעקוקט די אפשויליכע סצענע.

—וואס זאגט איר, סעניאר זילבער, צו אונזערע ראשים? ארימע קאלאניסטן!

—איר האט מיטלייד צו זיי? זאגט ער זיך גלייכגילטיק און קוקט זיך אזוי אראפּ אין זיין ברייט צוקעמטער באָרד.

—נו, און איר באדויערט זיי גארניט?—זאג איך אים שוין אויפגערעגט אביסל.

—איר זייט נאך צו יונג... איר קענט ניט דעם המון... ער האט דאס ליב.

—וואס האט ער ליב, סעניאר? קלעפּ? זאגט!

—יא! קלעפּ, זלזולים! דער רוסישער איד איז געבוירן אין ערצויגן אויפן קנוט און האט בעצם ניט פיינט... דער פּעבל —באטאנט ער מיט זיין באס-שטימע.--איז א „דעשאָוועק״, מען שלאגט אים, מע רייסט אים ביי די האר, מע טרעט אים מיט די פיס, און ער מאכט צום שלעגער באלד הן'דלאך. קוקט!--ווייזט ער אהין, זעט ווי דער אידל מאכט אים חניפה'לאך, איר הערט?...

א גאסן פרוי דארף מען שלאגן!...

עס האט מיר פארקלעמט ביים הארצן.

גיי זאג ר׳ משהן, אז א געזונקענע דארף מען אויך ניט שלאגן... זי איז אויך ניט מער ווי דער פּראָדוקט פון אונזער ארנטלאכער קהל'שער אָרדנונג...

ס'איז מיר אנגעלאפן א פול מויל מיט גאל... איך האב אויסגעשפּיגן, און בין מיר אוועק אין דער צווייטער זייט „אלאמברע״, וואו ס'זיינען געשטאנען א פּאר קאסארע-סער קרעמער מיט אונזער מאנאפאליסט אין דער שפּיץ, אפּוואַרטנדיק די קאלאניסטן וואס קומען ארויס פון קהל-שטיבל מיט די מזומנים, כדי אויפצומאנען ביי זיי א חוב...

30-טער קאפּיטל.

# מיין טארדיזשא א הכם עתיק „א חשבון צדק“.

ס'איז ניט פאַר מיין פעדער אפצומאלן די זויערע גרי-מאסע וואס האט זיך צוגאסן אויפן ברוינעם פנים פון קא-לאניסט, ווען ער האט דערזען די קרעמער ביי זיין ארויס-קומען פון קהל שטיבל...

בארעכנט אט איז דער חשבון, א וועקסל א פארמאל-נער אויף צוויי הונדערטער האט דער ארימער דארט אין שטיבל אונטערגעשריבן. די קאמיסיאן האט צוערשט צען פעז אויף קהל ארופגענומען; אויפן דאקטאר—צען; אפטייק —פינף; שוחטים — דריי פעז; אויפן ניי געקויפטן קעסל פון באד — איין פעז; אויפן וויזשעלאנט—צוויי... ארויסגעגעבן האט מען מזומן, לויט דער אינסטרוקציאן פון ביורא און דער מיינונג פון קהל... נאר א העלפט פון די צוויי הונדערט, אין די צווייטע הונדערט וועט מען ערשט געבן שפעטער מיט א דריי פיר חדשים, כדי מען זאל חלילה ניט פארשווענדן מיט א מאל די גאנצע געלט.—איז דעם קאלאניסט לפי החשבון פארבליבן ביים שוועל פון קהל-שטיבל 69 פעז, נו טרעפט ער דא שטיין די קרעמער... און ווי אזוי צאלט מען ניט? זיי האבן דאך אים א קילא „זשערכא“ געבארגט, און דעם אלטן ליסען ווי אזוי באצאלט מען אים ניט פארן זעקל מעל? און דעם מאנאפאליסט, אים מוז מען דאך אודאי און אודאי צאלן, ער איז דאך אינגאנצן די קאמיסיאן... ער נעמט אזוי די עטלאכע פעז, און צוטיילט, האט זיך איבער געלאזט אויף א פעקל טאבאק, און א פאר סענט מזומן פאר די קליינע קינדער כדי צוקויפן פאר זיי צוקערקעס, און רויט ווערנדיק פון הכנעה'דיקער בושה רייסט ער אוים ביי די בעלי-טובות דריי פעז צוריק—אויף דער פרוים א חוב וואס ער מוז דעקן...

—דעם בעדער טבילה געלט פאר א גאנצן האלבן יאר...

—ליידיק ווי ער איז געקומען אזוי פארט ער אהיים...

—זעט נאר! גיט א זאג דער מאנאפאליסט צום אלטן פון קאסארעס, ווי דער מוזשיק קראצט זיך אביסל אין פא-טיליצע... ס'קומט ביי אים אוים ריכטיק ווי מיטן פויער, וואס פארמשכנט דעם פעלץ:

—קיין פעלץ איז ניטא, קיין געלט אויך ניטא, און דער זשיד איז פארט גערעכט...—

—יאָ! ענטפערט דער אַלטער, שאַקלנדיק מיטן קאָפּ—
אַ גוטע קאָמיסיאָן... מען קאַברירט כאַטש דורך זיי אַ טאַ-
לער...

דער ערשטער גיט אַ פינטל שעלמיש מיטן אויג.

—אָבער וואָס קאָסטן זיי?...

ס׳האָט מיך אַ ברען געטאָן ביי דער נשמה, איך האָב
מער שוין ניט געקענט איבערטראָגן—קרעמער, גנבים! גיב
איך אַ געשריי. בייז,—נאָר וואָס זייט איר דאָך אליין קאָלאָ-
ניסטן געווען און שוין נעמט איר אויף חוזק דעם דאָזיקן,
מיט וועלכן איר האָט באַדאַרפט שטאָלצירן...

איך האָב נאָך אַ מאָל אַ שפּיי געטאָן און בין אַוועק
פון זיי. דער אַלטער ליסען האָט מיר נאָך געשריען ווי זיין
שטייגער איז געווען:

—משוגענער! משוגענער! וועך טשעפּעט דיך?

איך געדענק דאָס ווי אַ פאַרביטערטער און אויפגערעגטער
בין איך מיר צוגעגאַנגען צו מיין „טאַרדיזשאַ״ וואָס איז גע-
שטאַנען אין זאַטל אונטער אַ בוים, די לאַנגע ווייסע קאָפּ
זיינע האָט ער געהאַלטן אין דער נידער, די הינטערשטע ליפּ
אַראָפּ געלאָזט און אַ פעדערשטע פוס האָט ער געהאַלטן אויס-
געצויגן אין דער זייט צום קהל-שטיבל צו...

אַ געדאַנק האָט מיר דורכגעדרונגען, צי באַמערקט ניט
דער שימל מיינער די גאַנצע מיאוסקייט פון אונזער מיזע-
ראַבלען קהל? צי פאַרדריסט אים אויך ניט די הוצפה פון
די קרעמער... וואָס דען האָט ער אַזוי אַראָפּ געלאָזט די ליפּ?
און וואָס האָט ער זיך אַזוי פאַרטראַכט? און אַז ער איז אַ
פערד, איז וואָס? טראָגט ער דען ניט אויף זיין פעל דיזעלבע
חתימה, די זעלבע בראַנד-מאַרקע גלייך מיט מיר? האָבן מיר
דען ניט ביידע אויף זיך דעם שטעמפּל .I. C. A ?

אָנגעפילט מיט יאוש בין איך געוואָרן... אַ וויי אַ
גרויסער און אַ טיפער שמערץ האָט מיך דורכגענומען און
כ׳האָב געפילט ווי אַלע אברים ציטערן מיר... איך האָב אָנ-
געשפּאַרט די קאָפּ אויפן זאַטל פון מיין ווייסינקן פערד און
געקוקט צו דער טיר פון שטיבל... וואו אַפּט שטעקט אַרויס
אַ קאָפּ פון אַ דעלעגאַט, מאַכט צייכנס צו זיין אָפּגעבלאָזטן
קרעמער... ווי איינער זאָגט; —„גיב אַכטונג, מיר שערן
איצט דיינע אַ לעמל״.

## 31-טער קאפיטל.

# די „פּלאַניזשאַ".

דער אדמיניסטראטאר באב גייט דורך צולאזט זיינע לאנגע הענט, און שילט אויף דייטש דעם ארגענטינער קאט-שערא... דערווייל באמערקט ער מיך.

—ווארום שטעהן זי זא בעטריעבט? האבען זי אויך דיס-גוסטא מיט דער קאמיסיאן וועגען דער פלאניזשא? מיין גאט! וואס פיר לייטע זי זענען? פיעלע קאלאניסטן זענען אונצו-פרידען, ווארום דען האבען זיי זאלכע פארשטעהער אויס-געוועהלט?

—קען איך אפשר זען די פלאניזשא מיט דער אינ-סטרוקציע פון דער ביורא, הער באב?

—אָ, יא! קומען זי אין מיין אפיסינא!

איך בין מיט אים געגאנגען, ער נעמט ארויס די קא-רעספאנדענץ פון די דירעקטארן און ווייזט מיר.

אין מיינע זכרונות איז עס פארצייכנט.

בריוו נומער 188.

דעם 24 מארסא פון יאר 1898, קאזשאא 216,

בוענאס איירעס.

סעניאר אדמיניסטראטאר פון קאלאניע מאאוריציא.

די פינף טויזנט פעז וואס מיר גיבן איצט ארויס די קאלאניסטן, דארפן רעאליזירט ווערן לויט דער „עהעמפלא" וואס מיר שיקן אייך דא.

קאלאנא בעריש פינקעלשטיין: ער האט דעם יאר געהאט פארזייט 40 העקטאר מיט ווייץ, אויסגעדראשן האט ער לויט דער ליסטע פון דעם קאפאטאס פון דער אדמיני-סטראציע 63 פאנעגא. (א וואזשנע גערעטעניש, וואס זאגט איר?) אונז, דאס הייסט פאר דער אדמיניסטראציע דארף צוערשט אראפ גענומען ווערן די זריעה, א קערנדל פאר א קערנדל, די סעמיזשע וואס מיר האבן אים געגעבן צו 80 קילא אויפן העקטאר, דאס מאכט אוים 32 פאנעגא, בלייבט אים נאך איבער 31 פאנעגא ווייץ, וועלכע האבן היינט דעם ווערט צו 7 פעז פאר יעדער 100 קילא, מאכט דאס אוים א סך הכל פון 217 פעז. פון דער סומע דארף מען ווידער אראפנעמען אונזערע שפייזן, דהיינו:

—פאדים צו בינדן די סנאפעס, זעק און „טריזשא"-צו צוויי פעז פאר יעדער פאנעגא, דאס באטרעפט 126 פעז פאר די 63 פאנעגא.

בלייבט דעם „קאלאנא״ פינקעלשטיין נעטא 91 פעז. איצט וועלן מיר אויסרעכענען וואס ער דארף אויף היונה, לויט דער פריערדיקער שטיצע סיסטעם!..

אכט פעז אויף א דערוואקסענעם און פיר אויף יעדער קינד—די פאמיליע פינקעלשטיין באשטייט פון פינף דער-וואקסענע און פיר קליינע... דאס מאכט א מאנאט 56 פעז, איז פון אפריל ביז דעצעמבער, דאס הייסט גאנצע 9 מאנאטן ביז צו דער נייער קאסעטשע, רונד 500 פעז. — ווייל וואו וועט מען צוטשעפען די פיר פעז?

—אזוי שטייט אין דעם בריוו אין שפאניש, וועלכער געפינט זיך אין דער אדמיניסטראציע.—

איצט פון דער סומע 500 פעז אראפנעמען די 91 אדער ניט, לויט ווי דאס וועט אורטיילן די קאמיסיאן, זאל מען אים ארויסגעבן אויף א וועקסל-אין צוויי מאל צי אין דריי מאל...

לויט דעם ביישפיל וואס מיר ברייגנען דא פון דעם פינקעלשטיין זאלט איר יעדן קאלאניסט גוט בארעכנען און ארויסגעבן די הלוואות״.

אונטערגעשריבן: הירש און קאזעס.

ענדיקנדיק לייענען דעם דאזיקן פילאנטראפישן בריוו, זאגט צו מיר באב:

—נו איצט וויסן זיי שאָן די „פלאניזשא״ פון די הער-שאפטן; צו הויזע זאלען זיי זיך אויסרעכנען ווי פיעל עס קומט איהנען, אום די קאמיסיאן זאלען זי ניט ערגערן און ניט באשווינדלען·

באטריבט און פול מיט פארדראס האב איך די אפי-סינא פארלאזן.

32-טער קאפיטל.

## איך פאל אריין אין א „וויזקאטשערא״ בלייב הלשות.

שיינע און לאגישע השבונות מאכט איר, זאטע גרויסע אדונים, אויף דעם הונגעריקן מאגן פון דעם „קאלאנא״... טראכט איך זיך, און מיט א גרויסן קאפ־ווייטאק פון דער גאנצער טאג הארץ־קלעמעניש גיי איך זיך ארופזעצן אויפן שימל כדי צו פארן א היים...

מיין „גלינקא״, דער געטרייער הונט, וואס איז א גאנצן טאג געלעגן נעבן פערד און אויך געהונגערט גלייך מיט אונז ביידן... איז אויפגעשפרונגען פונם פלאץ, ארייגעקוקט מיר אין די אויגן און מיך מיט געטרייער ליבשאפט און ווייכקייט דורכגעדרונגען... האט מיר גענומען לעקן די הענט, די פאט־לאטע קאפ זיינע האט ער איינגעניורעט אין מיינע קני און זיינע מילדע אויגן האבן ווי געראטן:—נעם מיך ארויף אויפן שימל, לאמיר בעסער פארן אהיים!—ער האט שוין דערקענט, מיין טייערער, ווען איך בין טרויעריק געווען...

ס׳איז שוין געווען נאכט ווען איך בין פארביי דעם בית עלמין דורכגעריטן—ס׳איז נאך דאמאלס קיין פארקן ניט געווען—איך האב א בליק געווארפן אויף די מצבות און א שמערצליכער געלעכטער האט זיך אויף מיינע ליפן געקייקלט:

—קהל׳ט מען זיך דארט ביי אייך אויך? איז פאראן ביי אייך דירעקטארן, אדמיניסטראטארן? האט מען דארט ביי אייך אויך קיין רו ניט?

קיין ענטפער איז ניט געקומען...

איך האב מיך אראפ געלאזט אין „לאגונא״, ביז אין בויך אין וואסער איז דער „שימל״ אריינגעקראכן, איך האב זיך פון פערד אראפגעבויגן; אפגעוואשן די קאפ, וואס האט מיר ווי פייער געברענט, דער שימל האט זיך זיין פאר־טריקנטן צונג באנעצט, „גלינקא״ האט זיך אויך אויסגעבאדן, מיר זענען אלע דריי דערפרישט געווארן, און אונטער דער שיין פון דער העלער לבנה וואס איז ארויס געשוואומען אויף דעם גלאטן בלויען הימל־ים האב איך זיך אין א דראבנעם גאלאפ אלכסונ׳דיק פארקערעוועט אהיים. עס האט שוין באדארפט זיין בלויז א פאר קילאמעטער פון מיין לאנד, ווען פלוצים איז מיין שימל מיט מיר אין א גרוב פון א „וויזקאטשא״ אריינגעפאלן, איך בין איבער זיין קאפ אריבער געווארפן געווארן, האב באקומען א שטארקן זעץ אין פאטיליצע, בין געבליבן אומבאוואוסטזיניק און האב זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד מאכטלאז...

וויפל איך בין אזוי געלעגן, ווייס איך ניט, ווען איך האב מיך אויפגעכאפט, איז מיין טרייער „גלינקא" געשטאַנען איבער מיר, און דער שימל איז געשטאַנען ברוגזלאַך א פּאר מעטר ווייטער, ווי די געוואוינהייט פון היזקן פערד איז, ווען זיין רייטער פאלט פון אים אראפ, שטייט ער און וואַרט. פריילאך איז מיין „גלינקא" צוגעשפּרונגען, ווען ער האט דערזען, אז איך הויב זיך אויף פון דער ערד, ער האט זיך אויפגעשטעלט, מיך ארומגענומען מיט זיינע פעדערשטע פיסלאך, מיך געקושט און געלעקט... האט מיך נאכדעם אפּגעלאזן און איז רונד ארום מיר ארומגעלאפן און איז צוריק געקומען, מיך ווייטער געלאשצעט, געלעקט און זיך מיט ליבע געטוליעט צו מיר.

אך, וואס פאר א טרייע ליבע נשמה דאס איז געוועזן! —אויב ס'איז נאר ערלויבט אויף א הונט זיך אויסצודריקן.— נאך וואס פאר א נשמה! א נאבעלע א ריינע, פיל מער זוי- בערער ווי,... נאר לאמיר בעסער שווייגן...

איך האב אפּגעטרייסלט די מאַרדע פון מיין אריזמן הונגעריקן שימל, האב אונטערגעצויגן די „סינטע" אדער פּאַס פונם זאטל, זיך ארופגעזעצט אויפן פערד, און אסור אויב איך האב געוואוסט וואוהין צו פארן... דאס גאנצע פעלד ליגט שטיל באגאסן מיט לבנה שיין, מיליאַרדן שטערנדלאך בלישטשען ווי בריליאנטן, קרייצן זיך אפּטמאל איבער דעם וועג, איך ווייס ניט אין וועלכן זייט דארף איך זיך נעמען כדי צו קומען אהיים... איך האב זיך דערמאנט וואס דער היזיקר טוט אין אזא פאל, ווען ער פארלירט זיך אין פעלד, איך האב די לייצעס גאר אפּגעלאזט, און א טורקע געטאן דעם שימל, ער האט זיך מיט מיר א דריי געגעבן צוריק, זיך פארנומען לינקס, גלינקא פאַרויס, און אין א פערטל שעה ארום, האב איך דערהערט דאס קרייען פון מיין באטאראסע-האן וואס האט אנגעזאגט די צווייטע אשמורה פון דער נאכט...

די טיר פון מיין שטוב איז געשטאַנען אָפן—ביז צום אקצידענט פון פופצענטל, זיינען אלע קאָלאניסטן מיט אפענע טירן געשלאפן, איך בין שטיל אריין אין שטוב... מיין פרוי זאגט צו מיר ברוגז:—אזוי שפּעט? געווים זיך געקהלט, און געקומען מיט א קאפּ ווייטאק... איך האב געהאלטן דעם טשייניק אויפן פייער ביז ניט לאנג, ער דארף נאך זיין הייס, נעם דיר א מאטע מיט א גאַליעט „דאס איז דיין וועטשערע"— באמערקט זי מיר,--נאר מאך ניט קיין גערודער, די קינדער זיינען ערשט אנשלאפן געוואָרן...

דו וועסט האבן א „פּאדיאַקע" פון די קאלאניסטן, טאג און נאכט זיך ארומרייסן מיט קהל, מיט דער אדמיניסטראַציע פאר זיי, נאר וואס זאל איך טענה'ן? אז ער הערט מיך ניט! פארענדיקט זי שוין האלב וויינענדיק און ווערט אנשוויגן.

איך האב אויסגעטרונקען א פּאר מאטעס און זיך געלייגט שלאפן.

33-טער קאפיטל.

# עס ווערט ליכטיקער אין קאלאניע.

ווען די אויבנדערמאנטע „פרעסטאמאס״ זיינען אין אנגסט און אין צרות פארטיילט געווארן, האט דער יונגער דייטש הער באב זיך ענערגיש גענומען צו דער קאלאניע; אויסער דער „סעמיזשע״ פון ווייץ וואס ער האט געגעבן וויפל איינער האט פארלאנגט, האט ער נאך א נייס אויפגעטאן: ער האט אונז געגעבן אלפאלפא - זוימען, כדי צו פארזייען די „קינטאס״, דאן אויך צו 800 מעטר דראט, 40 ניאנדוביי סלופעס אדער פאסטן, ווי מען זאגט דא, און צו 200 אייזערנע שטענגלאך „וואַרישזאס״ כדי צו פארצאמען די מיט לוצערן פארזייטע „קינטאס״, און איך וועל אייך א סוד דערציילן, הגם ס׳איז ניט קיין גרויסער כבוד פאר אונז... פיל קאלאניסטן האבן העלפט פון דער אלפאלפא סעמיזשע, וואס איז זעער טייער דאמאלסט געווען, צו 140 פעז פאר הונדערט קילא — די איטאליענער נעבן קאסארעס פארקויפט און ניט טייער גענומען פון 50 סענט א קילא... פאלקאן, אנ׳אייגענטימער פון א פאר טשאקרעס אין שכנות פון מאאוריציא, האט זיינע פעלדער מיט די געגנב׳טע לוצערן-זוימען דאמאלסט פארזייט...

ס׳איז אפשר קיין גרויסער וואונדער ניט וואס מען האט דאס געטאן, פשוט דאס גלויבן צו בויען א שטענדיקע היים אין מאאוריציא איז פולשטענדיק פארשוואונדן, ס׳האט געפעלט די אמונה א קלייניקייט זיבן יאר כסדר האט אלץ פראקאסירט! געווים וועט ווידער אמאל קומען עפעס א פורעניות... וואס זשע טויג אונז פארזייען די לוצערן וואס וואקסט מיט איין מאל זריעה, יארן און יארן? פאר וועמען? בעסער אראפגנב׳ענען און פארקויפן... אפנארן די אדמיניסטראציע... אפילו די שטארקסטע קאלאניסטן וואס האבן די גאנצע זריעה אלפאלפא פארזייט און האבן אויך א גרויסן פאסיעוו פון ווייץ, קארן און א ביסל ליאן פאר ארבעט, האבן אויך אין הארצן געטראכט אז עס איז אומזיסט... ניט איין מאל פלעגט זיך א טרער ארויסקייקלען פון אויג, און צוזאמען מיטן גראן-ווייץ וואס מ׳האט געזייט איינגעשלונגען צו ווערן אין דער רעליי... מיר זיינען אמת׳ע „הזורעים בדמעה״ געווען.

דער נאאיווער באב האט געטרייסט, האט גערעדט צום הארצן:

ס׳וועט שוין ניט קומען קיין היישעריק, האט קיין פורכט, ארבייטן זיי פלייסיג!—איך האב איין אירטהום געהאט אין דעם באדן פון מאאוריציא, ער איז אויסגעצייכנט פיר אגריקולטור און פיר לעגומברעס!--האט ער געטענה׳ט--·

די ריינע שטימע זיינע וואס איז געקומען פון זיין תמימות׳דיקן הארצן האט ביסלאכווייז געווירקט, זיינע רייד האבן אנגעהויבן אריינדרינגען אין הארצן, און ווען ער האט געמאלדן אין די גרופעס אז ער האט געבראכט פון ,פעליפא הערמאנאס׳ 120 פארשידענע קאסטענס מיט סעמיזשעס פון אלערליי גארטענוואַרג, כדי עקספערימענטן צו מאכן אין קא׳אניע--און האט געזאגט:--איך בעט די קאלאניסטן זיי זאלן קומען נעמען די זוימען צום פארזייען זייערע גערטנער,--איז כמעט קיין קאלאניסט ניט אויסן געבליבן אין דער היים, אלע זיינען געקומען נעמען די בהנם׳דיקע סעמיזשעס; מען האט גענומען פאקעטלאך פון רעטאך, מערן, ריבן ביז צו די געשטרייפטע קערנער פין די ריצינאויל-בוימער. וואס ער האט געגעבן איז אלץ רעכט געווען, מער פון אלץ האבן די קאלאניסטן גענומען נאהוט צום זייען, איינעגע האבן פארזייט גאנצע העקטארן מיט גרינע און געלע ארבעס; און אזוי ווי די קאנקורענץ ליגט דאך אין אונזער נאטור, האט זיך ביי די גארטנס פלאנצען אויך אנטוויקלט א קאנקורענץ.. איין קאלאניסטקע האט געוואלט אריבערשטייגן דער צווייטער מיט איר שיינעם גארטן... אזוי אז אין סוף סעפטעמבר די קאלאניע שוין א ליכטיקע און א פריילאכע געווען. שיינע, גרינע לאנען ווייץ און ליאן האבן זיך געווארפן מיט זייער טונקל גרינקייט אין אויג. די אויפגעקומענע גערטנער, מיט די פארשיעדענע מינים זוימען, וואס מען האט אליין ניט געוואוסט וואס פאר א מין געמיזע דאס איז; די בייט-׳אך מיט די פארזייטע בלומען, דאס אלץ האט געווירקט אויפן אויג און געצויגען די אויפמערקזאמקייט,...

דער פרילינג איז אויך א שיינער, א ליכטיקער אנגעקומען, אנ׳אמת׳ער גאלדענער מאי, און באלד איז זי געקומען...—אט די צארטע האפענונג—אט די קאמיסיאניכטן פון לעבן, זי, מיט איר מעקלער שמייכעלע און מיט אירע צויבער-ליפעלאך האט זי אוועק געבלאזן די אש פון די אנגעברענטע ליידן, זי האט זיך לאנגזאם צו געגנב׳ט צו דער אנגעווייטאגטער הארץ, אוועק געטריבן דעם יאוש און פארנומען זיין פלאץ און אויף איר גאלדענער הארפע אונז ווידער אמאל א שיינע ליכטיקע הללויה אויסגעשפילט.

34-טער קאפּיטל.

# די אויסשטעלונג.

איך ווייס ניט צי איז ער אזוי געשייט געווען אט דער דאזיקער דייטשער יונקער און האט ניט געקענט דעם כא-ראקטער פון אונזער פאלק—דערפאר האט ער די אויסשטע-לונג געשאפן—צי פּשוט ווייל ער האט נאאיוו און ערנסט אלץ געמיינט, און דער אמת אליין האט אים געוויזן דעם וועג... סיי ווי סיי א שיינער און פּראקטישער אויפטו איז די עקספּאזיציאן דאמאלסט געווען.

ער האט געמאלדן אין אלע גרופּעס אז אין דעצעמבער, איידער מען וועט זיך נעמען שניידן דעם ווייץ, ווערן איינ-געלאדן אלע קאלאניסטן וואס האבן שיינע גרינצייג אויף זייערע קינטעס, צו ברייננגען פון זייער בעסטן פּראדוקט אין דער אדמיניסטראציע אויף דער אויסשטעלונג וואס וועט זיין דארטן, און פאר די שענסטע פּראדוקטן וועלן פּרעמיעס פון 10 ביז 50 פּעז אין מזומן אויסגעטיילט ווערן, דאן וועט די פּייאיקסטע גארטן-ציכטערן בעקומען אלס פּרעמיע א רייט פערדל אויסער א דיפּלאם אלס ערשטע און בעסטע לאנד-ווירטשאפטערין פון מאאוריציא.

ס׳איז א רעש צווישן די קאלאניסטקעס געווארן, מען האט זיך מיט אנ׳אויסערגעוויינליכן חשק צו די גערטנער גע-נומען.

די סעניאריטעס האבן די בלומען-בייטן שטארק אויפ-געפּאסט; די בעלי-בית׳טעס דאס קרויט אונטערגעגאסן, די קארטאפל געשארעוועט; אוגערקעס, מערן צו דער צייט אויס געפּאלעט... איינע האט די אנדערע אין פלייסיקייט אריבער געשטיגן...

דער ליכטיקער טאג!

ס׳איז ענדלאך אנגעקומען דער 25-טער דעצעמבער, זונטיק ר״ח טבת און מאנטיק זאת הנוכה איז די אויסשטע-לונג געעפנט געווען.

א יום טוב איז געווען אין דער קאלאניע, די קינדער פון די שולעס וואס זיינען דאמאלסט פריי אין וואקאנץ, זיי-נען מיט זייערע לערער פון באגינען אן שוין געווען ביי דער אדמיניסטראציע. לאנגע טישן איבער געצויגענע מיט א דאך פון לייוונט זיינען ביי דעם היסטארישן דראט אויסגעשטעלט געווארן, און עס האבן זיך אנגעהויבן ציען שורות מיט וועגן באזעצט מיט קאלאניסטן, מיט אויסגעוואשענע צוקעמטע

בערד, פירנדיק ביי דער זייט זיין צופלאמטע אשת חיל מיט איר גארטן-פראדוקט, וועלכע איז געפארן מיטן געדאנק אויף זיכער ארויסצובאקומען די ערשטע פרעמיע...

א קאמיסיאן פון פראמינענטע פלייסיקע קאלאניסטן מיטן הער באב אלם פרעזידענט פון דער אויסשטעלונג און אויך א געזאנדטער פון דער ביורא, מאסיע פראנציסקא גראס, וואס איז בכיון ארויסגעשיקט געווארן פון די דירעקטארן בייצוזיין די אויסשטעלונג, זיי האבן די געבראכטע גרינצייג צוגענומען ביי די קאלאניסטקעס, תיכף דערצו צוגעשפילעט א ווייסן פאפירל מיטן נאמען פון דער פראדוצירערין, און אוועק געשטעלט אין דער רייע אויפן טיש.

ס'איז געווען א מהיה צו קוקן ווי עס קומט צו די קא-לאניסטקע מיט איר אפגעברענטן און אפגעשיילטן פנים, ווי זי ווערט רויט און טראגט צו דער קאמיסיאן א גרויסן גע-פלעקטן קעפל קרויט מיט א פאר שיינע ווייסע ריבן, קיילעכ-דיקע און גלאנציקע...

אנ'אנדערע ברענגט א בינטל גרינע נאהוט-שויטען און ביי דער זייט א פאר רויטע שיינע בוריקעס, אוגערקעס גרינע מיט דער פרישער סמעטע פון אויבן, ווידער א צווייטע טראגט צו רויטע פלאמענדע פאמעדארן (טאמאטן) מיט א בינטל מערן און אלס צוגאב א בינטל גארטשיצע נאך מיט דער געלער בליאונג... איינציגע יונגע מיידלאך ברענגען בו-קעטן ב׳ומען, און די שמחה צוגיסט זיך זיי אויף די ראזע באקן. די טישן זיינען פארפולט געווארן פון עק צו עק.

איניקע שלימזל'ניצעס נעבאך, וועלכע האבן ניט בא-וויזן אויף זייער אייגענעם גארטן עטוואס שיינעס פאר דער אויסשטעלונג צו שאפן, האבן בגנבה פון די קריסטליכע שכנ'ישע גערטנער געקויפט גרינצייג, אבי אויך אנטייל צו נעמען אין דער אויסשטעלונג.

אזוי האט די ארימע פרוי שרייבער צוויי אימגעהויער גרויסע שווארצע רעטאך מיט א בינטל פראזש ביים איטא-ליענישן קינטערא געקויפט, און אויך איר נאמען געזען צו-געשפילעט אויף די טישן פון דער עקספאזיציאן.

אך, ווי שיין דאס האט אויסגעזען! אלע קאלאניסט-קעס יום טובדיק געקליידעט מיט די קינדער און זייערע מאנען דרייען זיך ארום די טישן, מען לאכט, מען וויצלט זיך, און אויך א היבש ביסל סאטירע פול מיט קנאה האט זיך נעבן די טישן געשאטן, און געפאלן אויף דער אפגעשיילטער הויט פון אונזערע שעמעוודיקע קאלא-ניסטקעס...

## 35-טער קאפיטל.

# דאס גרויסע געווינס „פרעמיע".

די סעניארא פריידע מגטז, אויך שיינדל ליידערמאן האבן די ערשטע פרעמיעס באקומען, די מאדאם בראוועד־מאן האט דאס שווארצע סאמעטענע רייט פערדל „ווינאהאדי' אלס אויסנאם פאר אן אויסצייכנונג באקומען... די פרעמיעס פון געלט און אויך דער דיפלאם—אויף א שיינעם קארטאן פאפיר אויסגעשריבן געווען און געזיגלט געווארן מיטן י״קא הותם—זיינען די פרויען „די פרעמיעס ערווערבערינס' אהיים געשיקט געווארן אלס אנדענק פאר זייער פלייס און פאר־שריט אין לאנדווירשאפט.

נאך איצט ווען איך קוק איבער די אלטע פאפירן טוט מיר הנאה, ווען דער אלטער באגילטער דאקומענט „מיין פרוי'ס פרעמיע' פון 15 פעז קומט מיר אין האנט, ווען איך דערזע באב'ס האנטשריפט מיט דעם אלטן יק'א זיגל מישט דאס מיר אויף א ווארלד ערינערונגען פון יענער צייט.

איך געדענק ווי דאס לעבן האט זיך דאמאלסט פלוצים אויפגעכאפט ווי פון א לעטארגישן שלאף, אראפגעטרייסלט דעם עבר אינגאנצן זיין ביטערן פעסימיזם, אנולירט די אלע ביטערע פראגעס פון „טאמער", „טאמער א פראקאסע"? און גענומען די ליכטיקע געגענווארט מיט די שיינע גארטנס און באלד—רייפע פעלדער מיט תבואה אין אזא שיינער פרייער מדינה און געמאכט דאס לעבן פאר א ודאי... א זאך וואס איז דא, און עקזיסטירט...

דער גרעסטער פעסימיסט וואס לאכט שטענדיק פון דער האפנונג, דער וואס פלעגט זאגן, די חניפהניצע האט אונז שוין 7 מאל גענארט און מעגליך אז איצט אויך, זיינען די פורעניות שוין אויפן שוועל... דער אומגלויביקער האט אויך אין יענער צייט פון דער אויסשטעלונג אויף ערנסט אנגע־נומען זיין אויפגאבע, באמערקנדיק:

—אמווייניקסטן וועלן מיר קענען פון זיך אראפווארפן די שולד; זאל קומען די „פראקאסא' דער היישעריק, פראסט, טרוקעניש. זאל קומען דער מבול, מיר וועלן קענען שטאלץ אין דער הויך האלטן די קאפ... מיר וועלן קענען זאגן— מיר זיינען קאלאניסטן! אויסגעפראבירטע, ווען נאר די צייט און די אומשטענדן זיינען גינסטיק דערצו. און מיט דעם דאזיקן געדאנק האט מען געארבעט יענעם יאר צו 30 און 40 העקטאר יעדער קאלאניסט!

אט דער יאר איז דער פּרובשטיין פון דער קאלאני-זאציע! — האבן די קליינע בעלי־אמונה׳ניקעס געזאגט. — אהער אדער אהין... און די תלמודיסטן וואס האבן אנגע-נומען פון תמיד אן ארגענטינא פארן צווייטן בבל, פאר א פּרוזדור פון ארץ האבות, יענע האבן מיט בטחון געזאגט אז: — זיבן מאל פאלט דער איד און אויפן אכטן מאל שטייט ער אויף!, — און זיי האבן נביאות געזאגט אויף א גוטן יאר.

איינינע טעג נאך דער אויסשטעלונג איז דער דירעק-טאר קאזעס געקומען אין קאלאניע.

כיצד שלם? — פרעגט ער מיך ווי זיין שטייגער איז תמיד געווען.

— ביז איצט שפּילט אונז דער מזל גוט, אבער — זאג איך — וועט דען ניט קומען עפּעס א פּראקאסע?

ער לייגט אריין איין האנט אין דער צווייטער, ווי זיין טבע איז געווען, און מיט דער ספרדישער פרומער תמימות ציט ער צוזאמען דעם שטערן און ענטפערט מיר:

— אם השם לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו... — און זיינע גרויסע ליכטיקע אויגן ווערן אים אנגעגאסן מיט טרערן און ער זעצט פאר „אלץ אין דער העברעאישער שפּראך".

מיר האבן געטאן אלץ וואס ס׳איז אין אונזער קראפט, און איר קאלאניסטן האט אויך געטאן וואס ס׳איז אין אייער מאכט...

ווען איך האב אים ארויסגעזאגט אז ס׳איז ביי אונז א הסכם אפּצואווארטן נאך דעם יאר, און אויב הלילה א פּרא-קאסע?...

האט ער מיך ניט געלאזט ענדיקן די רייד...

— אל תאמר כן! האט ער ענערגיש ארויסגערעדט — עוד שנתיים... פּאריז, זאגט ער און מיר האבן באשטימט נאך צוויי יאר, ביז 1900 וועלן מירווארטן... און, אל תפתח פה לשטן... באם ניט...

ענדיקן האט ער ניט געוואלט. — אויף מיין באמערקונג אז מאאוריצער פעלדער נוצן ניט פאר אגריקולטור, האט ער געשמייכלט:

די היזיקע גרעסטע ערד מבינים זאגן דעם היפוך. מיר און איר קאלאניסטן מיט אונזערע אגראנאמען פון אייראפּע ווייסן גאר ניט... מיר האבן די האפנונג ניט פארלוירן, מא-אוריציא זאגט ער, וועט בליען.

## 36-טער קאפיטל.

# ערב קאסעטשע פון 1898-99. מיר ווערן פרום געשטימט.

אזי ווי איך האב אויבן געזאגט, דער פאסיעוו איז גע-קומען אומגעהויער שיין.

די עלטערע אידן האבן געראטן אז מען זאל שבת ניט גיין שפאצירן צווישן די פארזייטע פעלדער--אזוי. ווי דער מנהג איז שטענדיק געווען--באמערקנדיק אז עס קען שולט זיין א „עין הרע", און מיינט איר אז מען האט ניט געפאלגט? יא, טאקע געפאלגט! יעדערער האט עפעס אזוי געציטערט איבער דער קאסעטשע, גלייך ווי ער וואלט געהאלטן א טייערע גלעזערנע כלי אין האנט, און אין דער כלי געפינט זיך דאס לעבן פון זיינע ליבסטע, און אט פאלט זי די כלי ארויס פין האנט, ווערט צובראכן און אויס מיט אלעמען...

מען האט אנגעהויבן גאט בעטן פאר דער קאסעטשע; אלע אפיקורסים זיינען פרום געווארן, א פויערישע רעליגיעזע פרומקייט האט איינגעהילט די גאנצע קאלאניע, אין די גאנ-צע 30 יאר געדענק איך ניט אזא פרומע גאט׳ספארכטיקע שטימונג ווי דאמאלסדיקע פאר קאסעטשע צייט.

ווי מיד איך בין פון דעם טאג ארבעט געווען, האט זיך מיר אפטמאל געמאכט, ווען איך האב אויפן געלעגער אין אוונט איינגעדרעמלט, אז מיין סעניארא זאל מיך אויפ-וועקן:

—שטיי אויף! האסט פארגעסן מעריב דאוונען... איך האב איר געפאלגט, און ווי האב איך ביי דער שמונה עשרה באטאנט דעם:--ברוך עלינו את השנה הזאת—בענטש אונז שוין גאטעניו, מיט א גוטן יאר... ממש טאקע מיט הארץ געבעטן, ווי מען בעט זיך ביי א גזלן... געוויס, איר שטא-טיקע וועט לאכן ווען איר וועט אט די שורות ליינען, ווייל אין אמתן וואס דארפט איר בעטן, איר דארפט עפעס האבן צו אים?...

א שיינקער, א קרעמער, א מלוה, אפילו א מעקלער האט שטענדיק זיין סחורה בעין... — באצאלט, מעסט איך דיר אפ א מעטר סחורה, צי א ליטר שנאפס, צי איך מעקלער דיר אויס דעם געשעפט... שרייבסט אונטער א וועקסל, גיסט א משכון, באצאלסט פראצענט, איז געמאכט... און אז ניט, איז „אינה מקודשת" האב איך מיר מיין סחורה ביד... מיט דער נאטור צי מיט גאט האט דאס גאר ניט צו טאן...

ניט אזוי איז אבער מיט אונז, מיטן פויער אין פעלד... אלץ געטרויען מיר אים... אט א דעם געהיימן, אט א דעם יושב סתר... די לעצטע קו פארקויפן מיר אויף זריעה, פאר-זייען דאס פעלד, טאג און טאג ארבעט מען, און מען הויבט די אויגן צום הימל, אט איז ווינציק רעגן, אט איז פיל רעגן...
און ווי פלאטערט דאס הארץ ווען מען דערהערט דעם ווינט...

די תבואה איז פארטיק. מארגן דארף מען ארויסגיין שניידן, קומט דער „פאמפערא" לייגט אוועק צו דער ערד די פארטיקע זאנגען, צובושעוועט, צוקנוילט, פארדרייט די זאנגען, און זיי הויבן זיך מער ניט אויף... פאר די אויגן ליגן פארטיקע דיקע זאנגען ווערן, פארפאלן אויפן פיען, די אויגן קוקן, די קראס, די מחיה פון א יאר איז קאפוט, און וואס קען מען מאכן?

—וויפל האט אונז אזעלכעס געטראפן?
אדער גאר אויף אן איידעלן פאעטישן אופן:

א ליכטיקער זונען שטראל קומט מיט זיין גראציעזן שטאלץ, באגילט דאס שוואנגערע פעלד, די טראפן וואסער פון נעכטיקן זומער רעגענדל, בלישצען ווי בריליאנטן אויף די שפיצן פון די פולע זאנגען און ציען זיך ארויף אהין, צו דעם ליכטיקן זונען-שטראל, א קוים באמערקבארער. א דורכ-זיכטיקער נעבל שפרייט זיך אויס פארן אויג, ציט זיך ארויף פון נאסן פעלד און ווערט פארשלונגען אין אלוועלטלאכן אן-סוף... מען ווערט באגייסטערט, מען דענקט אז די ליכטיקע זון, זי בענטשט איצט די ערענטע, זי שיקט דורך איר שיין בחן'טע שטראל די הימלישע ברכה, די מעל-זאנפט אין די זאנגען אריין... און צום סוף...

א קללה! א מארה! ביים דרעשן ווייזט זיך ארויס, אז דער גראציעזער זונען שטראל האט ניט קיין לעבן, זאנפט, חיות אין די זאגגען געבראכט דאמאלסט... נאר טויט און פאר-ניכטונג... דער זאנג וואס האט דאמאלסט אין יענעם מארגן דעם שטראל באגריסט, אין די אויגן אריין געקוקט, איז נע-באך דאן דורכגעברענט געווארן און קארבאניזירט... קיין מעל-ברויט איז ניט געקומען, נאר קארבאן, שווארצע קויל און ניט מער... ס'האט אונז ניט איין מאל אזא סצענע אויך געטראפן, נו! איז עפעס א וואונדער וואס דער פויער איז שטענדיק רע/יגיעז געשטימט?... אודאי האט מען געבעטן גאט אז די קאסעטשע זאל אפגיין גוט, און אין איינוועגס אים טאקע געסטראשעט, אז אויב א פראקאסע? איז אויס!... נעמען מיר זיך צוריק צום וואג און מאס... אנטלויפן פון דער נאטור מיט אירע קאפריזן און ניט זיין אונטערגע-ווארפן דער געטלאכער השגחה...

איך ווייס ניט אקוראט צי האט זיך טאקע דער בורא דערשראקן פאר דער קאלאניסטישער רעזאלוציע, צי אפשר איז די נאטור מיד געווארן אונז צו טעראריזירן... אדער פשוט ס'איז פול געווארן אונזער טרערן-כוס... סיי ווי סיי די קאסעטשע איז א גוטע געקומען, אלץ איז אפגעגאנגען מיט גליק.

## 37-טער קאפיטל.

# מיר געזעגענען זיך מיט די אקסן.

מען האט איבערגעפוצט די מאשינעס ,וואלטער אי וואד׳, מ׳האט פון דער אדמיניסטראציע באקומען פאדעם אויף צו בינדן די סנאפעס, אנגעגרייט ליידיקע זעק צום דרעשן, איינינגע האבן זיך מאדערניזירט מיט דער ארבעט, דאס הייסט זיי האבן אוועקגעווארפן די אקסן ארבעט, אויספארקויפט די אלע מארקירטע אקסן פון דער אדמיניסטראציע, און זיך איינגעקויפט פערד מולאס, אייזלען, זיך איינגעארדנט אויף דעם אייגענעם אויפן...

דער הערלאכער הער באב האט געלייגט דעם יק׳א הותם אויף די געקויפטע פערד און האט פריי געלאזט די מידע אקסן-זקנים...

מיר האבן אין דעם טויש אין צווייען פארדינט,... ווייל פון די ,חליפין״ איז נאך א פאר פעז אין קעשענע גע-בליבן, און די ארבעט מיט די פערד איז אויך שנע׳ער און פרייליכער ווי פריער מיט ,אקסן׳ צוגעגאנגען...

די עלטערע אידן האבן זיך מיט זייערע זקנים די ערשטע ,בּאראנס׳ אקסן ניט געוואלט צושיידן, משה ׳יכטמאן, און ישעיה שאפירא האבן געדרונגען א בפירושן פסוק ,רב תבואות בכח שור׳-מיטן קראפט פונם אקס קומט דאס ברויט...

הירש גיטעלמאן און אהרן לערנער האבן געזאגט, אז ס׳איז ניט מענשלאך און ניט אידעשלאך אוועקצוגעבן אויף דער שחיטה דעם ,נעגרא מיטן פאלאמא׳—די טרייע אקסן וואס האבן זיי געלערנט און פאר קאלאניסטן געמאכט...

—אכצן יאר כסדר האבן זיי מיט זייערע ליבלינגע, אלטע אקסן געארבעט און זיך ניט געוואלט מאדערניזירן...

אבער די גאנצע קאלאניע האט זיך צוגעגרייט צו דער קאסעטשע, מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם האט מען ארויס געקוקט אויף דער מינוט, אנצוהויבן אראפכאפן דאס ברויט.

38-טער קאפּיטל.

## דער קאַלאַניסטן-בונט.

א רייטער מיט א צעטל אין האנט איז אנגעלאָפן און אויסגעשריען: „אן אסיפה!... דעלעגאַטן רופן!"...

דאס צעטל מיטן שטעמפּל פון דער קאמיסיאַן האט אין קורצן געלויטעט: אין גרופּע 49, ביי אלטער ראַזענצווייג אין שטוב, וועט זיין היינט אין אוונט א זעער וויכטיקע אסיפה וועגן דער קאסעטשע, ווער ס'וועט ניט קומען וועט חרטה האבן... אונטערגעשריבן: „דער פּרעזידענט".

מען מוז פאָרן, זאג איך צו מיינע שכנים, עס שמעקט מיט טעראָר, א קליינינקייט קהל!...

אוונט צייט זאטל איך אָן מיין שימל און מיר פאָרן...

אריינפאָרנדיק אין גרופּע 49 האט זיך באלד דער-הערט דער קלאנג פון די קאַלאַניסטישע שטימען, אויסגע-מישט מיטן הירזשען פון די זייגענדיקע קליאַטשעס וואס זייערע לאַשעקלאך זיינען איבערגעלאזן געוואָרן אין דער היים. דאס בילן פון די הינט וואס האבן זייערע בעלי-בתים אויף דער אסיפה באגלייט און וואס האבן זיך דערוויי צווישן זיך צושלאגן, מן הסתם איבער א ביין אדער אפשר צוליב אן אנדער ניט אנשטענדיקע אנגעלעגנהייט... דאס שטאַרקע קלאפּן מיט די פיס פון די אומגעדולדיקע יונגע „פּאַטרעס", וואס זיינען געשטאנען אין זאטל און געברענט די ערד אונ-טער זיך, אט דער גאנצער ווירוואר און גערויש האט גע-וויזן אז זעער א גרויסער עולם איז פארזאמלט און מען קהלט זיך שוין זעער געשמאק.

דורך די קליינע אפענע פויערשע פענסטערלאך פון רא-זענצווייגס „ראנטשאָ" האט געזעצט א רויך ווי פון א קוימען, געפּאקט איז געווען די שטוב, אויך די קיך, דער שלאָף צי-מער, מען האט געליאַרמט, געדויכערט, געשפּיגן און ג ע-פ י נ ע ט; רעדלאך קאַלאַניסטן זיינען אויך אין דרויסן גע-שטאנען, געטענה'ט, זיך געהיצט און געמאכט מיט די הענט, אלע מאל זיינען נייע רייטער צוגעקומען, מען איז אין דרויסן אין דער פינסטער געשטאנען...

איך פרעג דעם קאַלאַניסט לייזער זעלצער א רויטער איד א בלינדער אויף אן אויג,—וואס איז עפּעס די אסיפה? ער ציט אריין די תמעוואטע קאפּ אין די אקסלען און ענט-פערט מיר:

—איך זאל אזוי וויסן פון בייז! גיט מיר א שטיקל פּאפּיראָס פּאפּיר, איר ווייסט דאך, איך מיש זיך ניט אין

קהל... ער בעט א שוועבעלע, פארראויכערט, ציט אריין די קאפ אין די אקסלען און גייט זיך אוועק אין דער פינסטער אן א זייט.

איך דערקען אין דער פינסטער לייזער ווילדער, א על-טערער איד און גראד ניט קיין תם.

וואס איז עפעס די אסיפה, סעניאר ווילדער, וואס וויל מען? פרעג איך אים.

ער הויבט אן, ווי זיין שטייגער איז, אויסדערציילן, זאל זיין פון דער התחלה, און דוקא באריכות, און ווען ער זעט אז מען ווערט אומגעדולדיק; זאגט ער—„פאמעלאך, כאפט זשע ניט!" און ער דערציילט מיר:

פארשטייט איר, די אדונים אין קאזשאא 216 נייען זיך גרויסע בייטלען אויף אונזער איין מאל אין זיבן יאריקער געראטענער קאסעטשע,—זיי האבן געמאלדן דער קאמיסיאן, מיר זאלן היי יאר באצאלן דעם גאנצן „אנואלידאד", אויך דאס געליענע געלט... וואס איז? דער קאנטראקט אונזע-רער איז פארשמאכט... נאך גאר ניט געצאלט... זיי ווילן שוין ציילן דעם „נשך", דעם שמוציקן פראצענט...

נו וואס זשע וויל מען?

כאפט זשע ניט!—זאגט ער וויטער—

ווער ווייסט, וויפיל ער וואלט מיך געוווען אפגענודעט מיט זיין „כאפט זשע ניט", ווען פון דער שטוב וואלט זיך ניט געוווען פלוצלים ארויסגעשאטן דער עולם פארשוויצט ווי פון א באד, און אונזערע פני אלע באשיינט מיטן ליכט פון דער קהל'שער שכינה...

מען האט ארויסגעטראגן א טיש און עטליכע בייינקלאך פאר די זקנים, דער גאנצער עולם האט זיך רונד ארום דעם טיש ארומגעשטעלט, וואו די אויפגעקומענע לבנה האט בא-גאסן מיט איר זילבער ליכט אונזער קאמיסיאן, די פאר ווייסע בערד; א בלאק פאפיר, א טינטער טינט וואס איז געשטא-מען נעבן דער זייט פון זיידל גירסטיל, דער שטענדיקער פארצייכענער אויף יעדער אסיפה, מען האט באלד ארויסגע-בראכט צוויי פון באראנס לעמפלאך, און אוועקגעשטעלט זיי אויף ביידע זייטן פון טיש...

## 39-טער קאפיטל.

# דער אלטער מענדל.

די אלע הכנות האבן באוויזן אז עפעס גרויסעס און וויכטיקעס ווערט דא באהאנדלט; ווער שמועסט ווען מ׳האט דערזען אז אויבען אן ביים טיש זיצט דער אלטער מענדל...

א הערליכער אויסזען, א ציכטיקע שיינקייט האט זיך געגאסן נעבן יעדן טיש וואו דער נאבעלער איד ר׳ מענדל הערשענהארן—אדער פשוט ווי די קאלאניסטן האבן אים גערופן: דער אלטער מענדל—איז געזעסן... דאס איז געווען א איד א בקי אין ספרי וספרא, א גרויסער פילאזאף, געקענט כמעט בעל פה דעם ,מורה׳, דעם ,כוזרי׳, דעם ,עקדה׳, און דערצו א גרויסער חכם.— ער האט אנגע-געשריבן א ספר מיטן נאמען: ,מגיד לישראל׳; ווען ער פלעגט וועלן א קאלאניסט געבן צו פארשטיין אריסטאטעלס א מאמר, פלעגט ער אים איינוויקלען אין א שיינעם קאלאניס-טישן משל פון א ,קליאטשע מיט א לאשאקל׳... דער פשוטער קאלאניסט האט שטארק הנאה געהאט דערפון, מיט א יראת הכבוד פלעגן די קאלאניסטן שטיין פאר אים.

מיט רעספעקט האבן זיי איצט געקוקט אויף דעם טיש און מ׳האט געשוויגן.

דער אלטער האט א זאג געטאן מען זאל אויסזוכן איינעם מיט א שטארקער שטימע וואס זאל זיך שטעלן אויפן טיש, און באקאנט מאכן דעם עולם דעם אינטערעס פון דער אסיפה און אויך די רעזאלוציע וואס מען דארף אננעמען.

א רויטער ברייטביינענדיקער איד, יודל שיינמאן, וועל-כער איז שפעטער אוועק קיין ארץ ישראל און באלד צוריק געקומען בארוועס מיט א מרגלים צונג... איז אויפן טיש אויסגעוואקסן און מיט אן אייזערנער שטימע ערקלערט, אז די אסיפה האט באשלאסן:—אז קיין קאלאניסט זאל זיך ניט צורירן צו דער קאסעטשע, ניט שפאנען קיין אקס, קיין פערד אין דער שנייד מאשין, ביז די אדמיניסטראציע וועט ניט ארויסגעבן שריפטלאך אז מיר זיינען פטור דעם יאר צוצאלן דעם ,אנואלידאד׳... בעסער זאל פארלוירן גיין אלץ אויפן פעלד איידער זיי אוועקצוגעבן אינגאנצן און דער-נאך אנקומען צו זייער יושר... מיט זייערע ,פלאניזשאס׳ מיט זייער קצבה אויסטיילן... מיר מוזן קומען עטוואס צו די כוחות,—שרייט ער אויף א קול—מיר מוזן ארויסטרייבן אביסל דעם דלות, די קאסעטשע ווייזט זיך גוט, לאמיר אליין הנאה האבן פון איר, די אדונים די פראצענטניקעס מעגןווארטן.

א פרייד אויסגעשריי האט זיך געהערט פון דער מאסע:

—מיר פאלגן! דער שטרייק איז איינשטימיק אנגענו-מען געווארן—יעדערער האט זיך אונטערגעשריבן און מען איז זיך צופארן אהיים.

אויף מארגן ווען באב האט זיך דערוואוסט פון דער קאלאניסטישער רעזאלוציע, האט ער טעלעגראפירט צו די דירעקטארן:—„די קאסעטשע איז אין געפאר, דער ווייץ איז רייף, און די קאלאניסטן שטרייקן, די ארבעט איז אפגע-שטעלט... מען מוז זען עטוואס טאן״.

די ארענטלאכע מלמדים הירש און קאזעס, האבן זיך אפנים דערשראקן, און באלד איז אנגעקומען א מאניפעסט, אז דער קאלאניסט וואס וועט ארויסבאקומען ווינציקער פון 800 קילא ווייץ פון א העקטאר איז פטור היי-יאר פון דער צאלונג פאר דער אדמיניסטראציע.

א צעטל מיט דעם זעלבן נוסח איז יעדן קאלאניסט צוגעשיקט געווארן מיט דער חתימה פון דעם דירעקטאר הירש.

א שמחה איז געווארן אין קאלאניע.

—מיר זיינען שוין פטור היי-יאר פון „אנואלידאד״, האבן די קאלאניסטן צווישן זיך געטענהט—ווער וועט עס האבן מער ווי 8 פאנעגאס פון העקטאר?

פריילאך האבן די מאשינעס געקלאפט, גיכער און לייכטער איז דאס שניידן צוגעגאנגען.

צו אכט פערד אין אן „אטאדארא״ האט מען געש-פאנט און מיט פרייד און געזאנג האט מען די תבואה גע-שניטן א אמת׳ע „ברינה יקצורו״.

—די צייט אויך דער קלימאט האבן הערלאך צוגעדינט, קיין אפהאלט, קיין שטערונג איז ניט געווען; שיינע ווא-רימע ליכטיקע טעג און אויך אן ווינטן, וואס דאס איז א זעלטנהייט ביי אונז.

מען האט געענדיקט דאס שניידן און זיך גלייך גענו-מען „פארבירן״. אזוי ווי שוואוימען אויפן פעלד, אזוי האבן די סטערטעס געוואקסן אויף די קאמפן; דאס פעלד איז בא-דעקט געווארן מיט הונדערטער קיילעכדיקע און פירקאנטיקע פארבעס ווייץ און קארן, אז ס׳האט ממש געפרייט דאס הארץ.

## 40-טער קאפיטל.

# ס'רעגנט מיט מזל, מער פון 20 פון העקטאר.

מ'האט אנגעהויבן דרעשן, און צו אונזער אלעמענס פרייד האט ניט נאר אכט פאנעגאס פון העקטאר געגעבן נאר ביי אייניגע האט פראדוצירט אפילו צו 15 און 20,—גע-ווינטלאך די אדמיניסטראציע האט פון אזוי פיל ניט געוואוסט —ווייל פאר א פאר פעטע הינער און א גוטן ענדיק דער מאנשאפט פון דרעש מאשין, איז דער השבון פון דער פרא-דוקציע א קלענערער געווען...

די אדמיניסטראציע האט אומעטום עטוואס ווינציקער פון אכט פאנעגאס ארויסבעקומען, נאר גאר ביי די רייכע, דארט וואו עס האט ארויס געגעבן 18 און 20, ווי ביי מאיר סווערדליק און זיין ברודער שלמה, און ביי בוזי שאר-גראדסקי וואס האט דורכשניטלאך 22½ ארויסבאקומען, האט די אדמינסטראציע דעם גאנצן אמת אויך ניט געוואוסט, אבער פון 15, 16 פון העקטאר האבן די קאפאטאסן יא אנגע-געבן... ס'איז אפגעפאלן די אגראנאמישע טעאריע, אז מא-אוריצער ערד טויג ניט, אז זי קען ניט פראדוצירן אן אנ-שטענדיקע ערנטע, זי טויג שוין יא.

—מיר האבן א רייכן פרוכטבארן באדן—האבן די קא-לאניסטן זיך געפרייט,—אויס שלעכטס, מיר האבן שוין איבערגעפאקט, געמאזלט, שארליך און דיפטעריט אויך גע-האט... אלע קרענקען איבערגעקומען און איצט זיינען מיר געזונטע קאלאניסטן און נאך אין אזא פרייער לאנד...

די שמחה אין קאלאניע איז געווען אין לשער, די אד-מיניסטראציע ביי אזא גערעטעניש האט אויך ניט שטארק נאכגעקוקט דעם קאלאניסט, וואס ער מאכט מיט זיין ווייץ, זי האט ניט שטארק מקפיד געווען מיטן מארקירן די זעק און אויך פריי געלאזט פון גאלפאן פון דער אדמיניסטראציע. פילע רייען זעק ווייץ זיינען געלעגן אן דעם הותם פון דער יקא" און זענען אויך פריי אפגעפירט געווארן צו דער צוויי-טער סטאנציע „גואנאקא", וואס איז נאענט פון אליסער דיסטריקט.

אונזער אדמיניסטראטאר הער באב, האט געוואקסן אין דער לענג פאר גדולה...

און כדי צו מאכן א סורפריז די קאלאניסטן איז ער אוועק קיין בוענאס איירעס, האט אויסגעזוכט זיינעם א לאנדסמאן א מעכאניק און פארריכט אונזער צובראכענע



י. ק. א. - דירעקטאר דוד קאזיס

דאמף - מיל. א קאלאניסט שמואל ראבינאוויטש האט תיכף געדונגען די מיל און אנגעהויבן ארבעטן, און מיר האבן ווי-דער פון אונזערע פעלדער אונזער אייגן ברויט געגעסן.

דער מאאיס אויף די פעלדער איז אויך געקומען שיין א פראכט, א רייטער אויפן פערד האט מען באלד שוין ניט ארויסגעזען פון זיי, אזוי הויך האבן זיי געוואקסן און צו פיר פינף „ספיגעס" קאטשענעס אויף א קוקורוזע שטעקל. ווער איז אימשטאנד אפצומאלן די פרייד פון די יעגיגע, וואס האבן פריער געציטערט בא דעם געדאנק „אט ווערט מא-אוריציא פארקויפט", אט דארף מען נעמען די וואנדער טארבע זיך ערגעץ אוועקשלעפן, אדער גיי עפן א צירולנע, א שיינקל, ביי א פארוואַרפן ווילדער סטאנציע, אדער גיי אין דער הויפט שטאט עפענען א „קאמבאלאטש" א כלומרשט אלטווארג-קלייט, און קויף אויף גנבות.—גלייך מיט אלע עקס קאלאניסטן און ווער פאטאגראפירט אין דער פאליציי, שטעל ארייַן דיין צורה אין אלבאם צווישן אלע גנבים.

אך מיין גאט! ווי דער געדאנק האט אונז געשראקן, וויפיל נעכט זיינען מיר דורכדעם ניט געשלאפן... וויפיל צער און יסורים האבן מיר אויסגעליטן... און איצט א פרייד, מיר האבן אן ערלאכע און זיכערע פרנסה; דער געדאנק פון אנטלויפן איז דאן אפגעשטארבן ביי יעדן איינעם, מען האט אים ארויסגעיאגט פון מוח.

ס'איז נאך אבער א פנים ניט פול געווען אונזער מאס, דער שיקזאל האט נאך עפעס איבערגעלאזט, אדער פשוט אפשר ניט פארגונען אזוי פיל תענוג דעם אימיגראנט...

15) א שרעקלאכער איבערפאל האט אין פינפצענטל ראנטשעס) געטראפן, וואס האט אויפגעשוידערט און ערשי-טערט די גאנצע קאלאניע.

41-טער קאפיטעל.

## דער איבערפֿאַל אין "די קינסא ראנטשאס".

אין מאנאט מערץ, אין סאמע "וואזעוויצע" ווען די ארבעט האט גענזאדן, מען האט צוזאמען געפירט די איינמאל אין זיבן יארעדיקע ברכה, דאן איז דאס געשען: עס האט געדרעשט אין קאלאניע, פיר "טריזשאדארעס" האבן געדראשן דעם גאט געבענטשטן פאסיען; אזוי ווי גלאטע און גרויסע ארבעס, אזוי האבן זיך די קערנער ווייץ געשאטן אין די זעק, הויכע פילאס פון צו הונדערטער זעק האבן געבליאס-קעט אויפן קאמפ, זיינען געלעגן און געווארט אויף די בעלי עגלות, וועלכע האבן ניט באוויזן אזועקפירן זיי אויף די באן סטאנציעס.

אויף אלע וועגן וואס פירן צו די באנען האט מען אידישע טשומאקעס און גאנצע קאראוואנעס געטראפן, וועגן געשפאנט מיט פערד, "מולאס" אדער "אקסן" ציען זיך אין א לאנגער שורה, אנגעלאדן מיט צו 30, 35 זעק ברויט, זיי גייען לאנגזאם, קנאקן פריילין אוים מיט די בייטשן, איינער זינגט ירוחם׳ס א "נעריצך" אדער פרוג׳ס א "ליד" און זיין יונג ווייבל, וואס פארט מיט איינקויפן צוריק צו וועגס אין "גוא-נאקא" אין קלייט, זיצט זיך אויבן אויף די זעק ווי א מלכה אויפן טראן און האלט אים אונטער דעם "זמר" מיט איר שיינער סאפראן שטימע.

נעבן פאסטערא פון דריזדאלע פונקט אין מיטן וועג קיין גואנאקא, וואו עס וואקסן די דריי צווייגענדיקע אקא-ציעס בוימער, שטעלט מען זיך אפ "אויסדוכען" די פערד.

—מיר האבן א גוטן גאט, א "נותן להם לכל בשר"—זאגט דאן איינער א פרומער קאלאניסט פון אליסע.

—וואס דען?—ענטפערט א צווייטער—אוועקגעטריבן זיינע קינדער אין די וויסטע סטעפעס פון ארגענטינע און הפקר גאר! פארגעסן אן זיי, א, ניין! ער פארגעסט ניט דער אבינו שבשמים!...

דער אלטער רייכעלסאן וואס זיצט אויפן וואגן ביי זיין זון מאקסל שרייט אראפ פון די זעק:—מיר דארפן אבער אן אים אויך ניט פארגעסן!...

—וואס איז שייך פארגעסן, רבי?—אזוי פלעגן אים די קאלאניסטן רופן.

—אט גייט פורים—זאגט אויף א קול דער שטענדיק לוסטיקער דוד שפירא,—וועלן מיר אים ניט זשאלעווען די האלז...

—נו, די האלז און ניט מער?

—וואס דען ווילט איר, רבי? מתנות לאביונים קענען מיר דאך דא ניט אויספירן, מיר זיינען דאך איצט אלע גבי-רים, גלייכע מיוחסים...

אזוי פלעגט מען זיך וויצלען, אויסלאכן זיך, נאכקרי-מען דעם לאנגן אדמיניסטראטאר כאב, אדער מאקסן, האט נאכגעקרימט טאטש אויף טאטש דעם קפדן הירש, אז מ'האט זיך געהאלטן אן די זייטן...

מען איז אזוי ארייגעפארן אין „גואנאקא" דארט אין דער גרויסער קלייט פון די ברידער לואיס אי וויקטאר סקאלא, האט מען די „רוסן"—מיט דעם נאמען פלעגט מען אונז רופן, —א גרויסן צוטרוי און קרעדיט געעפנט. קאלאניסטן קויפן: צוערשט א פאטשיילע פאר די אש קאלירנע פערד, ווען מען די פליגן „טאבאנאס" בייסן ביז אין בלוט, נאך ערגער פון די „קאמארן"; א פיזשאלע צום בייטש און אויך א פאר שטיוול; די ווייבער קויפן שטאפן פון אזא קאליר, אז עס זאל זיין גוט פאר העמדער, קליידלאך, אי פאר איינשיטלאך אויף די קישעלאך וואס ליגן ברודיק, קויטיק, געלאטעט, אז ס'איז ניט ניכר דער קאליר וואס זיי האבן געהאט דארטן אין דער היים...

דער קאלאניסט מארקוס גליק, א ליטוואק, וואס קאכט זיך אין פערד, וויל אז די לעצטע זאלן אויך הנאה האבן פון געדעטעניש, ער קויפט לעדערנע קעפלאך, כאמוטן, צירט אויס די פערד מיט בראנזענע שפראנזשינקעס, ווארפט אראפ פון זיי די טראנטעס, די שלייעס פון זעק, און פארט ארויס דער ערשטער אין קאלאניע מיט א שיינעם שפאן...

עס דערקענט זיך די שמחה, די צופרידענקייט איז צו לייענען אויף די שטעגן, אויף די וועגן, אויף די מענטשן, אויף די פערד, אויף אלץ שיינט דאס גליק...

אבער ניט לאנג האט דאס גליק געלויכטן, א פינסטע-רע כמארע האט זיך אנגערוקט אויף אונזער קאפ. א מורא, אן אימה, א שרעק האבן די איניגע בלוטיקע פאסירונגען פונם פינפצענטל. 3-טעל, און 8-טעל אנגעיאגט אויף אונז, אז עס האט אויפגעטרייסלט ביי יעדן די נשמה... און שיר, שיר ניט צושמעטערט אונזער בנין, אונזער היים מיט דער שיינער ערלאכער זיכערער פרנסה.

דער מענש, די „חיה רעה" וואס ליגט אין אים און וויל זיך מעסטן מיטן „צלם אלהים", דאס איז געקומען מיט דער גאנצער ברוטאליטעט און האט געפרובט ארייינשטעקן די שארפע ציין אין אונזער יונגער ציטערנדיקער היים, אין הארץ, אין צענטר פון דער קאָלאָניע, און האט איר שרעק-לאך פארוואונדעט; אזוי טיף און שטארק איז די וואונד גע-ווען, אז זי איז שיר ניט אוועק געגאנגען פון דער וועלט...

## 42-טער קאפיטל.

# „לאַ פלאַטא אַ לאַ ווידא".

פאַר פורים איז דאָס געווען אין אַ ליכטיקער שיינער נאַכט.

דער קאַלאַניסט שלמה רויזענוואַסער אין גרופּע 67 פון די „קאַסע ראַנטשאָס" איז פון „גואַנאַקאַ" מיד פון אַ רייזע אין אוונט אַהיים געקומען, דעם טאָג האָט ער די לעצטע זעקלאַך פון זיין פעלד אַוועקגעפירט צו די ברידער סקאַלאַ, האָט זיך צו׳חשבון׳ט און אָפּגענומען עטלאַכע הונדערטער אין מזומן.

פונם שלאָף האָט ער דערהערט, ווי מען קראַצט ביי אים הינטערן פענסטער, ער עפנט די אויגן און זעט אַ נפש פאַרוויקלט דאָס פנים אין אַ שוואַרצער טיכל, האַלט אַ לאַנגן מעסער אין האַנט און שנייט אַרום די ליים פון פענסטערל...

ער לאָזט אים אַרבעטן, קריכט אַראָפּ פון „קאַטרע", זוכט אויס אַ שטיקל „פּיקאַנע" אַ שווערע און אַ שטאַרקע פון אַ מעטער די לענג, און ווען דער איינברעכער איז פאַר-טיק געוואָרן און האָט די קאָפּ זיינע אַריינגעשטעקט אין פענסטער-לאָך, דערלאַנגט ער אים מיט דער פּיקאַנע איבערן קאָפּ. דער איינברעכער פאַלט צוריק, און דער קאָלאָניסט וויל ווייזן אַ העלדישקייט—דעם מערדער איינער אַליין צו כאַפּן—שפּרינגט ער אַרויס צו אים און הויבט זיך אָן מיט אים צו ראַנגלען... ס׳איז אַנשטאַנען צווישן זיי אַ מלחמה אויף לעבן און טויט; שטיל אָן געוויש, אַזוי ווי די טבע פון הייזיקן איז, האָבן זיי זיך געפּעקט איינער אויף איינעם, דער גאַאוטשאַ האָט נאָר זיין לאַנגן „פאַקאָן" געוואָלט אַריינ-שטעכן דעם אידן אין ברוסט, און דער דאָזיקער האָט מיט זיין שטיקל „פּיקאַנע" אַליץ אָפּגעשלאָגן דעם מעסער און אים געקלאַפּט וואו נאָר ער האָט געטראָפן.

—לאַ פלאַטאַ אַ לאַ ווידא, דאָס געלט אָדער דאָס לעבן—האָט דער מערדער שטיל און הייזעריק געבורטשעט.

דער איד האָט אָן אומגעלונגענע באַוועגונג געמאַכט און די פּיקאַנע אַרויס געלאָזט פון האַנט; וועלנדיק אויפ-הויבן דעם שטעקן, האָט דער מערדער דערווייל דעם מאָמענט אויסגענוצט און מיט זיין מעסער דעם אידן דערלאַנגט אין קאָפּ.

דער איד האָט אָבער גלייך די פּיקאַנע צוריק נעהאַלטן אין האַנט און ניט קוקנדיק און ניט פילנדיק דעם שטראָם

בלוט, וואס האט אים דאס געזיכט געוואשן, האט ער אלץ מיט דעם מערדער געקעמפט. דאס גליק איז געווען וואס זיין פרוי מיט די קינדער האבן דערהערט און געמאכט א גוואלד...

גארפינקלס און גירסטלס קינדער זיינען געשלאפן דא-מאלסט אין דרויסן, האבן זיי געכאפט זייערע רעוואלווערן, צוגעלאפן, אויסגעשאסן, און דער מערדער איז נעלם געווארן...

זיין געזאטעלטן פערד האט מען געטראפן ניט ווייט ביי דער אלאמברע און פון אים אליין איז קיין שפור ניט געווען...

אונזער דאקטאר האט דעם שניט אויף רויזענוואסערס קאפ צוזאמען גענייט, האט אים אויסגעקורירט, אבער דער שניט אין האַרץ פון דער קאלאניע האט מען ניט געקענט אזוי גיך אויסהיילן...

אלס קאנסעקווענץ פון דעם איבערפאל איז א טיפע שרעקלאכע מורא אויף אונז אנגעפאלן.

באלד האט זיך אנגעהובן איין איבערפאל נאכן צווייטן. אין 3-טעל, א גרופע וואס איז געלעגן צווישן 9-טעל און 13-טעל, די גרופע איז טאקע דאמאלס אויפגעלעזט גע-ווארן און איז פארשוואונדן פון דער מאאוריצער מאפע, — דארט האט באלד אן אומגליק געטראפן...

די מענער פון די דארטיקע דריי פאמיליעס זיינען אלע מיט די וועגן אין וועג געווען; א גאאוטשא איז דאס הויז פון שלום קריינבערג באפאלן, האט די פרוי מיט זיין מע-סער צושטאכן, אלצדינג פון שטוב פארנומען, איז אוועק און פון דרויסן די טיר פארבונדן. אין דער צווייטער הויז איז נאך ערגער געשען... א גליק וואס איינער אן ענגלענ-דער פון דער עסטאבליסימענטא דריזדאלע איז גראד אנגע-קומען, האט אויסגעשאסן אויף דעם מערדער, וועלכער איז א פאוואונדעטער גלייך צווישן דעם הויכן מאאיס פארשוואונדן...

די קאלאניע האט אויפגעציטערט.

— מען וועט אונז אויסקוילן! — האבן די קאלאניסטן געקלאגט — ווען מיר זיינען ארים געווען, האבן זיי אונז ניט געטשעפעט, איצט וועלן זיי אנפאלן אויף אונז „פלאטא"-געלט זוכן זיי. ווען צען פופצן גאאוטשעס פאלן אן אויף די צוזאוארפענע גרופעס, שלאכטן זיי אונז אוים ווי די לעמער.

אייניגע, וואס האבן אויסגעדראשן און האבן א ביסל פעזעס פון דער קאסעטשע געמאכט און האבן טאקע נאר א געלעגנהייט געזוכט אוועקצוואווארפן די עבודת האדמה, האבן זיי זיך שוין צו דער פליטה צוגעגרייט; און אזוי ווי דער מנהג פון די נברחים איז, אויסטוישן די פי מיט דעם יקא' חותם אויף פגירות, דעם רעמענענט אויף שברי כלים און דערפאר נעמען אביסל מזומנים, — אזוי האבן די דאזיקע אויך געטאן.

און די גדולים וואס האבן זיך געקליבן קיין ארץ ישראל האבן מחילה אפילו די בלעכן פון די הייזער אראפ-גענומען און זיי פארקויפט די ארומיקע איטאליענער נעבען קאסארעס.

43-טער קאפיטל.

# מיין הלק ירושה.

—וואס טוט איר, סעניאר ביק, — פרעג איך איינעם איצי ביק פון די ארץ ישראל אידן —ס'איז דאך א פאר-ברעכן אראפנעמען די טירן מיט די לאדן פון שטוב און פארקויפן?

ער לאכט פון מיר און ענטפערט מיר אין א ערנסטן טאן.

—און וואו איז מיין פערטל?

—א! וואס פאר א פערטל מיינט איר, סעניאר?—פרעג איך אים.

—איך מיין מיין פערטל ירושה... האט דען דער באראן אין זיין טעסטאמענט ניט געשאנקען אונז, די ערשטע עמיגראנטן, 25 פראצענט פון די שולדן? האב איך דען ניט א הלק אין דעם רעמענענט, אין דער שטוב? וואס ווילט איר?—זאגט ער שוין אביסל ברוגזלאך, באמערקנדיק מיין שפאטישן שמייכל—אייך אפשר איבערלאזן מיין חלק ירושה, צי אפשר לאזן דאס פאר דער קרעציקער אדמיניסטראציע?

מיט אזעלכע כשר'ע היתורים האבן גאר די כשרה אידן געמאכט כשר געלט און זיינען זיך אוועק צום פעטער ישמעל עסן באקסער מיט פייגן. זיי זיינען שפעטער צוריק געקומען; אייניגע זיינען מקבלים געווארן, האבן דערציילט ארץ ישראל שקרים, געוועזן אויף אונזערע אלטע קברים, געבראכט שטיינדלאך פון רבי ישמעל כהן גדול'ס מקוה... אייניגע האבן געשאלטן... ניט געוואלט מערער זאגן "לשנה הבאה בירושלים"...—אט אזעלכע אידן זיינען דאמאלסט קיין ארץ ישראל געגאנגען...

אבער דער גרעסטער טייל קאלאניסטן האט זיך נאך ניט גערירט פון פלאץ... מען האט אנגעהויבן מער פאר-זיכטיק זיין, בעסער פארשליסן די טירן; די רייכערע, ד. ה. יענע וואס האבן געהאפט אויף א גרויסע פראדוקציע פון זייערע נאך ניט אויסגעדראשענע פארוועס, האבן אייזערנע גראטעס ביי די קליינע פענסטערלאך אין זייערע ראנטשאס ארייגעשטעלט; מען האט אויסגערייניקט די געווער און די יונגע לייט זיינען שוין קיין ד'אמות אן דעם מעסער און רעוואלווער ניט געגאנגען.

עס וואלט זיך שוין געוועזן אפשר איינגעשטילט, ווען עס וואלט נ י ט ט ר ע פ ן באלד דער דריטער און פערטער א י ב ע ר פ א ל.

44-טער קאפיטל.

## מען באַפאַלט גאַרפינקלס הויז.

אין א מיטן העלן טאג איז א גאַאוטשא ארײן אין הויז פון דעם אויבענדערמאנטן ברוך גאַרפינקל, האט געטראָפן זיין פרוי מיט די קלענערע קינדער,—די עלטערע קינדער און דער מאן זיינען ביי דער דרעש מאשין געווען, וועלכע האט געארבעט א פאר הונדערט מעטר פון שטוב—ער האט די פרוי מיטן רעוועוואָלווער צושלאגן, פאדרנדיק ביי איר „פלאטא", די קינדער אנגעשראָקן, גענומען דעם טלית פון קאמאד, צושפרייט און אין אים ארײנגענומען אלע הפצים, א ביסל געלט, קליידער און זיך געלאזט אוועק גיין. די פרוי וויסנדיק אז ניט ווייט זיינען פאראן מענשן, איז זי אים נאכגעלאפן און געמאכט א גוואלד; דער מערדער איז אין כעס געווארן, האט זיין מעסער באנוצט און דער פרוי אויף דער שוועל פון שטוב עטלאכע שטאך געגעבן... זי איז גלייך אנטשוויגן געווארן... ער האט איר אין די הויכע גראזן אוועק געשלעפט, אבער אין דעם זעלבן אויגענבליק איז אנגעלאפן דער וואסער פירער מיטן פעסל כדי וואסער נעמען צו דער מאשין, האט ער דערהערט דאס געשריי פון די קינדער און דערזען בלוט אויפן שוועל פון טיר, האט ער אנגעהויבן שרייען; דער מערדער האט דעם טלית מיט די הפצים שוין איבערגעלאזט, נאר איניגע ווערטפולע זאכן און דאס ביסל געלט אין מזומן האט ער גענומען, און איז נעלם געווארן. מען איז זיך צוזאמען געלאפן, די קינדער האבן געשריען: „דער שפאניער האט דערהרגעט דער מא-מען"! מען האט אנגעהויבן זוכן די פרוי און מען האט איר אזוי גיך ניט געפונען, איך בין מיט מיין פרוי גראד אין יענעם מאמענט אנגעפארן פון „גואנאקא" און מיר זיינען אויך געלאפן זוכן די פרוי. נאכן „סלעד", נאך די שפורן פון בלוט האבן מיר זי געפונען האלב טויט געהלש'ט אין א קאליוזשע בלוט נעבן איר.

מיר האבן איר ארײנגעטראגן אין שטוב און איר דער-מונטערט; דאס פנים איז ניט געווען צו דערקענען, עטלאכע לעבער אין קאפ, א פאר שטעך אין זייט און אויך איבער געבראכן דעם נאז.

מען האט דעם דאקטאר פון אלגאראבא געבראכט, ער האט אונטערזוכט די וואונדן, און האט פארזיכערט אז בא א גוטער מעדיצינישער פלעגע איז מעגלאך, אז זי זאל בלייבן לעבן...

מען קען פארשטיין וואס פאר א פאניק דער דאזיקער גרויל-טאט האט ארויסגערופן אין קאלאניע.

—מען קריכט אין די הייזער אין מיטן העכן טאג, מען איז מאנס, מען שטעכט אונז,—האבן די פרויען געיאמערט...

מיר האבן מורא אליין צו בלייבן אין שטוב.

## 45-טער קאפיטל.

# האברי רוסא!—„עפן די טיר, רוסא"

באלד האט נאך א גרעסערער שרעק זיך צושפרייט אין דער קאלאניע.

אין 8-טעל, גרופע 68 האט מען ביינאכט די הויז פון דעם אויבן דערמאנטן בוזי שארגראדסקי איבערגעפאלן, ניט אין דער שטי,—בגנבה זיינען די גאאוטשאס געקומען, נאר פשוט אָנגעקלאפט אין טיר—האברי רוסא!—

און ווען מען האט געוויינליך זיי ניט געעפנט די טיר, האבן זיי דורכן שליסל-לאך אריין געשאסן אין שטוב, די קוילן זיינען שטעקן געבליבן אנטקעגן דער וואנט, אלע קוילן האבן זיי אויסגעשאסן וויפל די רעוואלווערן האבן אין זיך געהאט, און צום גליק קיינעם ניט געטראפן... דער קא-לאניסט מיט זיין פרוי האבן גענומען דעם טיש און צוגע-שפארט די טיר, און מיט זייערע הענט צוגעהאלטן די ברעטער פון דער טיר וואס די מערדער האבן אנגעהויבן ברעכן,—די פענסטער איז שוין מיט אייזערנע גראטעס באווארנט געווען. דורך די שפאלטן פון טיר האבן זיי זייערע שארפע מעסערס אריין געשטאכן, אפגעשפאלטן אלע מאָל שטיקער האלץ פון די ברעטער און גרעסער געמאכט די לאך... די קליינע קינדער אין שטוב האבן זעער געוויינט און גע-שריען, און די פארצווייפלטע פאטער און מוטער זיינען געשטאנען פעסט ביים טיר און מיט אלע קרעפטן זי גע-שיצט. זייער איינציקע רעטונג איז די טיר געווען. די מעסערס וועלכע האבן דורך די שפאלטן געארבעט האבן זיי די הענט צושניטן, בלוט האט גערונען אבער זיי האבן די טיר ניט אפגעלאזט.

—מיר וועלן האלטן, אפשר וועלן די שכנים דערהערן, און מען וועט אָנלויפן ראטעווען אונז... די לעכער זיינען גרעסער און גרעסער געווארן אזוי, אז מען האט שון די שווארצע פנים׳ער פון די גאאוטשאס ארויסגעזען.

—פלאטא רוסא—האבן די מערדער דורך די שפאלטן געשריען,—גיב אונז ארויס דיין געלט, וואס דו האסט אפ-געלייזט פארן ווייץ, וועלן מיר זיך אוועקגיין.

—מיר זיינען פארלוירען, באבצע!--האט דער קאלאניסט געזאגט צו זיין פרוי,—זיי האבן שוין באלד אויסגעשנימן די טיר. די פרוי זעער א מוטיקע און א קלוגע, שרייט צו די מערדער: קומט צום פענסטער ביי דער צווייטער וואנט וועל איך אייך דורך די גראטעס ארויס געבען וואס איר

פארלאנגט.. און זי האט אנגעהויבן דורך די אייזערנע גראטעס ארויסצווארפן דאס אנטואכץ, די קליידער און אזוי די חפצים; די מערדער האבן אין די קעשענעס פון די ארויסגעווארפענע קליידער געזוכט געלט, און דערווייל האט דער קאלאניסט געוואונען צייט צו באפעסטיקן מערער די טיר.

די מערדער, ווען זיי האבן ניט געפונען דאס וואס זיי האבן געזוכט, זיינען זיי צוריק צום טיר צוגעקומען, און מיט מער מוט און כעס געגומען זי ברעכן... דריי מאל האט די בראווע פרוי אזוי די מערדער צום פענסטער גערופן. האט זיי אלע קליידער ארויסגעווארפן און צום סוף אז זיי האבן געזען אז אט אט איז די טיר קאפוט. איז די פרוי געפאלן אויף א געדאנק—האלט אליין די טיר פעסט,—זאגט זי צום מאן, און אליין נעמט זי א מעסער אין האנט, לויפט אריין אין צווייטן צימער, שניידט אויס אַ לאך אין דער וואנד פון דער ראנטשא ביי דער ערד, כאפט א אינגעלע אירס פון אַ יאר 8 און שטופט אים דורך דער לאך און זאגט צו אים:

—קאטשע זיך אין די גראזן אזוי ווי א שלאנג, נאר שטיל ביז צו ניסענבוים׳ס הויז און וועק זיי אויף.

דער אינגל האט זיך אויפן בויך געשארט ביז צו דער נאענסטער הויז, האט דארט אויפגעוועקט די שכנים — און יענע זיינען אין דעם דרינגענסטן אויגענבליק אנגעקומען, די טיר האט שוין געהאט געקראכט ווען עס האט זיך דערהערט דאס שיסן פון די רעוואלווערן... די מערדער זיינען אנטלאפן, און די איבערגעשראקענע זיינען אין אָנמאכט געפאלן. מען האט זיי קוים אפגעמונטערט און פארבונדן די צושניטענע הענט.

די יונגע לייט פון דער נאענסטער גרופע, די ׳קינסע ראנטשאס׳, האבן נאך באַנאכט די פערד אנגעזאטלט, מען איז געלאפן אויף די וועגן, מען האט די פאליציי געבראכט, מען האט אומעטום געזוכט אבער מען האט קיינעם ניט געפונען. א רעוואלווער אויסגעליידיקט אלע זעקס רערן און א צובראכענעם מעסער האט מען ביים טיר געפונען, אויך א שווארצע פאטשיילע און א שליאפע, וואס זיי האבן אין איילעניש איבערגעלאזן.

## 46-טער קאפּיטל.

# שומרים מיט פייפעלאך. פרויען פון זינען געווירט. פיר דערפער אנשטאט די גרופּעס.

ווען די קאלאניסטן האבן זיך פון דעם מערדערישן איבערפאל דערוואוסט, האט זיך א שווארצער וואלקן אויף זייער פנים צושפרייט, א שרעקליכער פחד, א מורא פארן טויט האט זיך ווי א ווינט ארומגעטראגן איבער די גרופּעס. א קעלט איז באפאלן די איבערגעשראקענע קאלא-ניסטקעס. אזש די ציינער אין מויל האבן זיך ביי יעדן ווי אין קדחת געטרייסלט.

אזוי ווי שאף, ווען זיי דערשמעקן א וואלף, טוליען זיך צוזאמען איינע צו די אנדערע, אזוי האבן די אנגעשראקענע זיך צוזאמען געשטופּט, אלע פיר פינף פאמיליעס פון דער גרופּע אין איין הויז אריין, און ווען ס'איז צוגעפאלן די נאכט און די שאטנס האבן איינגעהילט דאס פעלד האט א מורא זיך אריינגעכאפּט אין יעדנס הארצן און עס האט זיך גע-דוכט: אט פון יענער זייט וואַנט שטייט דער טויט... אָט קומען זיי אָן און קוילענען אונז אויס.

אלע האבן אין איין הויז געשלאפן, דאס הייסט: מ'האט די קינדער אלע צוזאמען אויף דער ערד אין דער ראנטשא אויסגעבעט, די מוטערס רונד ארום זיי, און די מענער איבער זיי געוואכט... אלע מאל אין דרויסן ארויס, א קוק געכאפּט צו די איבעריגע ראנטשעס, צוגעלייגט זיך צו דער ערד, איינגעהערט זיך צי גאלאפּירט ניט אימיצער, אויסגעשאסן אין דער לופטן און געוואַרט אויפן טאג...

מען האט אבער לאנג ניט געקאנט בלייבן אין דעם מצב, פחד! מורא! דאס זיינען די גרעסטע שמערצהאפטע ליידן, זיי רוּאינירן דעם קערפער צוזאמען מיט דער נשמה.

איינינע פרויען זיינען שטארק נערוועז געווארן, א פאר זיינען פון זינען געווירט געווארן מחמת שרעק, ביי יעדער שארך פון א מויז ביי נאכט אדער ווען א „לעטשוסא" (א סאווע, א נאכט פויגל) האט זיך גראד געשטעלט אויף דעם דאך, זיינען די דמים איינגעפאלן, מען האט ווי שטענדיק ביי אויסערגעוויינליכע פאסירונגען אן אכיפה פאררופן.

נאך א לאנגער בעראטונג איז געבליבן אז מען זאל די גרופּעס צוזאמען טראגן, פיר דערפער, צו 50 אדער 60 קאלאניסטן זאל מען פון מאאוריציא מאכן, מען דארף נאר האבן אן אינזשעניער איבערצומאכן דעם פּלאן פון דער

קאלאניע, איינטיילן די לענדער אנדערש ווי פריער, בכדי ס׳זאל ניט אויסקומען ביי איינציגע זייער וואוינונג גאר ווייט פון לאנד; דאס מוז מען בעטן ביי דער דירעקציע אין בו-ענאס איירעס. און די ראנטשאס מיט די קאראלען, די א׳אמבראדאס דאס וועלן מיר שוין אליין מאכן. מען האט אויסגעקליבן א קאמיסיאן צו פארן מיט דעם פראיעקט אין דער הויפט דירעקציע.

אברהם דאך, בערל ראבינאוויטש, בוזי שארגראדסקי —פון לעצטן איבערפאל, און איך אליין, — וואס נאך פאר לאפינען האב איך געראטן און פרעטענדירט צו מאכן פיר דערפער פון מאאוריציא—איך בין געווען דער פערטער פון דער דעלעגאציע, און ביז מיר וועלן פארן און קומען און עפעס פאזיטיוועס אויסווירקן, האט די אסיפה דאמאלסט באשלאסן אז א וואך פון 30 קאלאניסטן אויף די פערד זאל נאכט בא נאכט ארומפארן אין קאלאניע, די פאליציי האט אויך פיר וויזשילאנטן אונז געגעבן, און הער באב האט ני-קעלנע פייפעלאך אין אלע הייזער צוטיילט, אז אין פאל פון א נויט זאל מען מיטן פייפל קענען רופן די שוץ-וואך. די סטראזשע מיט די וויזשילאנטן זיינען אין פיר פארטיעס צוטיילט געווארן.

די שומרים האבן עקסטרע פייפלאך געהאט, גאר מיט אן אנדער קוויטש, ווי די וואס אין די הייזער... זיי, די שומרים זיינען ארומגעפארן, האבן זיך געלאזט הערן... און האבן עטוואס בארואיקט די אנגעשראקענע קאלאניע. אלע נאכט איז איינער פון א גרופע געווארן א שומר, די משפחות פיר פינף פון דער גרופע זיינען אלץ אלע אין איין הויז גע׳עגן.

די שומרים האבן די מורא פון הארצן ניט געקענט אינגאנצן ארויסיאגן. די נעכט האבן זיך געצויגן לאנג ווי דער ג׳ות, מען האט קוים דערלעבט טאג.

47-טער קאפיטל.

## ניטא קיין „אלדעאס״! זאגט פּאריז.

מיר זיינען געקומען אין ביורא, די דירעקטארן האבן אונז אמת שטארק באדויערט, באאויקעט און באקרעכצט אבער דעם פלאן אונזערן פון איבערבויען די קאלאניע פון די איינצעלנע גרופּעס דערפער צו מאכן, האבן זיי פאר קיין פאל ניט געוואלט אננעמען. מיר האבן זיי ערקלערט אז אסך און אפשר די בעסטע קאלאניסטן וועלן אוועקווארפן די קאלאניע פון מורא צו בלייבן אין די גרופּעס, האבן זיי געגעבן דעם באנאלן און מאנאטאנעם שטענדיקן ענטפער;

—פאריז!... פון דארט איז אזוי באשטימט; גרופּעס ניט קיין „אלדעאס״... ,ניטא קיין דערפער, קיין קיבוצים, קיין קהל׳כלאך—האט הירש ברוויגזלאך געטענה׳ט,—און זאלן די לייט מאכן וואס זיי ווילן...

מיר האבן אזש געוויינט פון פארדראס. מיר האבן ניט געוואוסט דעם טרויעריקן רעזולטאט, וואס דער ענטפער וועט ברייננגען, אבער וואס קען מען מאכן? צו וועמען רעדט מען? מיר האבן זיך דאמאלסט דורך דער „פאלקס שטימע״, וואס אברהם ווערמאנט האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן, באקלאגט. ער האט נעבאך געשריבן, געשאלטן, געזידלט, ווי זיין שטייגער איז געווען: „סדום, פאלשמינצער, קהל, בלינדע חיה, מירקע, שמוץ און דערווייל אריין געבראקט די יקא״ מיט די קאלאניסטן, פארפירט זיי אין א קאטויליש לאנד״...

אבער ווער האט אים געהערט?

מיר זיינען אהיים געקומען מיט גארנישט... און די גרויסע „פליטה״ האט דאן באַ אונז אין די גרופּעס אויסגעבראכן...—אנטלויפן!—האט די איבערגעשראקענע מאסע ווייבער ארויסגעיאמערט—מיר ווילן ניט געשענדעט און געשאכטן ווערן פון די שווארצע גזלנים, אנטלויפן וואוהין די אויגן וועלן אונז טראגן, זאל די פארפליכטע פילאנטראפיע זיך האלטן מיט אירע גרופּעס, זאלן זיי גוים קאלאניזירן...

מען האט נאר דעם ווייץ פארקויפט און ויברח!..

די איבערגעבליבענע זיינען אין טרויער און אין אומעט געבליבן, א בכיה איז אויף יעדן פנים געלעגן.

און דא האט זיך די נאטור אויך צוואויינט, עס האט זיך פאררעגנט, און אזוי שטארק און נאכאנאנד, אז די פארוזעס וואס זיינען נאך ניט געדראשן געווען—און אזעלכע זיינען היפשלאך געווען,—זיינען צוואויקט און אויסגעוואקסן געווארן, אזוי אז די ברכה פון דער גוטער קאסעטשע איז ביי אייניגע קאלאניסטן אין א קללה פארוואנדלט געווארן.

דער ווייץ איז ארויסגעקומען נאס צוואוואקסן, אז מער פון דריי ביז פיר פעז א פאנעגא האט מען ניט ארויס בא-קומען פאר אים, און דאס האט ניט אפגעצאלט די שפייזן פון די פאדים, זעק, דרעשן, וואס האבן דורך דער גערא-טענער קאסעטשע זעער געשטיגן אין פרייז. אייניגע בורח׳-ניקעס, וואס האבן אביסל מער קרעדיט ביי די געשעפט׳ס הייזער אויף דער קאסעטשע ארויסגענומען, האבן די פליטה ביי נאכט געמאכט... די מער אנשטענדיקע האבן זייערע בהמות פארקויפט און זייערע חובות אפגעצאלט און גענומען די נאקעטע בני בית מיט די עטלאכע קישעלאך און אויס געוועז די צייט...

אונזערע אמת׳ע אידעאליסטן האבן ניט געקענט רוען, זי האבן עפעס געוואלט טאן.—

„מוצאי שבועות פון תרנט׳, דינסטיק אין אוונט, זיינען פינף פון זיי: ניסענזאן, גארפינקל, ראבינאוויטש, דאך, און שארגראדסקי געקומען צורייטן צו מיר, און מיך מפציר געווען, איך זאל א ביטע אין העברעיש צום פרעזידענט פון יקא׳ אין פאריז אנשרייבן, און די קאמיסיאן, אויך אלע קאלאניסטן וועלן איר אונטער התמה׳נען.—זאל ער אמוויי-ניקסטן וויסן וואס עס קומט פאר מיט אונז—האבן זיי גע-טענה׳ט, מעגלאך אז די אדונים אין קאזשאא פארשוויגן גאר אלץ.

און הגם איך בין זעער קעגן געווען, האב איך זיי ניט געקענט אפזאגן און האב די ביטע, וואס איך פארצייכן דא, אנגעשריבן:

## בקשה

קאלאניע מאאוריציא ח׳סיון תרנט׳
דעם 27 מאי 1899

אל כבוד השר הנכבד יושב ראש החבורה הרוממה יקא׳ בפאריז, שלום!

!קול דמי אחיך צועקים אליך

אחרי הבקשות הרבות, אשר שלחנו להדירעקטורן היושבים בבוענאס איירעס, בתארנו לפניהם את מצבנו הנוכחי, ותקותינו השחורה לעתיד; מצאנו החובה עלינו לפנות בבקשתינו זאת אל כבוד השר, ולהודיעהו את מצב הצאן הרועים תחת ידו במדבר ארגענטינא. לא נדבר מהתלאות הנוראות אשר סבלנו במשך השנים העברו, ואף לא מהכוחות והכספים הרבים אשר הלכו לאבוד ללא הועיל; כי אם, מהשתי שנים האחרונות אשר בהם אבדנו כמעט גם כל תקותינו,-התקוה האחת—אשר אמצה והזקה ידינו עד עתה לשאת ולסבול את פגעי הזמן ואקלימה של הארץ הזאת. גם הסגולה האחת הזאת אבדנו. השנה העברה 1897-8, היתה שנת ארבה, חורב וציון ביחד: את יגיענו בשדה השחית הארבה, החורב הציון המית את רוב המקנה, כידוע לכבוד השר.

ובבוא הדירעקטור הירש בחודש אקטובר להמושבה וראה את החורבן הנורא אשר עשה הארבה, חמל עלינו

ונתן 15000 פעז להחיות בזה את נפשותינו עד עת הקציר, תבואות הקציר מעטים היו מסבות הארבה, ולא הספיקו... ובבוא מר קאזעס בחודש מאי וראה את החורבן כי נורא הוא חמל עלינו ונתן עוד 30000 פעז עבור מחית ביתינו, וסך 25 אלפים פ' לקנות חטים לזרוע שדותינו. אך ביוקר השער עלה מחיר החטים אשר קנינו על זריעת 5,690 העק-טאר שדה אשר זרענו בערך 60 אלפים פעז, מובן כי השלו-שים אלף פעז אשר היו לנו עבור מחית ביתינו, הכרחנו להוציא על הזריעה, והרעב הציק אותנו לקחת את מחיתנו בהקפה, בהחניות הגדו/ות, החושבים את המחיר פי שנים כמנהג ארגענטינא.

הקציר משנה זאת 1898—9 הגיעה, השדות הוציאו הרבה תבואות מאוד אשר כמוהו לא היה בארגענטינא זה שלשים שנה. (לפי דברת שכננו גרי הארץ) אשר עבור זה, עלה מחיר החטים האוגדים את האלומות והשקים פי שנים וארבע. החטים יצאו ממכונות הדישה להים מסבת רובי גשמים, ומחירם ירדו עד הדיוטא התחתונה, משלשה עד ארבעה פעז הפאנעגא, בעלי החניות הנושים בנו נפלו על תבואותנו כעיט על הפגרים... ואם כי היה לנו בערך 50 אלפים פאנעגא חטים, אך מסבת ירידת המחיר לא הספיקו לשלם החובות כלם. אחדים מאחינו האכרים הכרחו למכור את מעט המקנה אשר להם ולשלם חובותיהם, אחדים נאלצו לברות בלילה מחמת הנושים בם, ואחדים מהאכרים בראותם עבודתם בשדה כי לא תוכל כלכלם, קצתה נפשם בהתקוה הכוזבה, ומכרו את הכרים והכסתות אשר הביאו מאיירופא ויסעו אל אשר ישאו עיניהם...

מה אמולה לבתנו! בראותינו כי כל עבודתינו ותקותינו יעלו בתוהו ואפס תועלת, אחינו האמללים אשר סבלו ועמלו אתנו יחד זה שמונה שנים, יברחו ויעזבו אותנו. בנינו הגדולים העובדים בשדה נלאו נשוא את מצוקת הרעב, וערום ויחף יברחו לבוענאס איירעס, ומה תהיה שם אחריתם? ואחריתנו אנחנו הנשארים פה?

אל אלהים הוא היודע!

הננו אנחנו כאניה בלב ים בלי תורן ומשוט, במה להחיות את נפשותנו אָין, הכוחות והתקות יעזבו אותנו מעט מעט.

לפני כבוד השר העומד בראש החברה יקא' מפילים אנחנו את בקשתינו זאת: אנא, יתעוררו רחמיו על אחינו הגולים על מלאכת ידינו, היא עבודת האדמה אשר רכשנו לנו את ידיעתה על בוריה בכוחות ונסיונות רבים בל תלך לאבוד, בל נאבד את יתר שנותינו בלי כל תוחלת ובלי עזר ותועלת.

עבדיו המשתחוים מרחוק ביראת הכבוד.

(החותמים):

ב. ראבינאוויטש, א. דאך, י. ניורינבערג, מ. שמוטשיק, לייב פרענקל, א. וואגמייסטער, אהרן דאבשיץ, מאקס גער-

שינאוויטש, מאיר כהן, דוד ראדוצקי, אליעזר ניסענזאהן, בנימין לוסים, משה זילבער, יצחק קרעל, אלטער ראלענ־צוויג, מ. רייכעלסאן, משה לעדערמאן, שמואל גוטמאן, ש. שוכמאן, מ. בראווערמאן, ד. שפירא, ש. טעסלער, פ. וויינער, א. פרענקעל, ש. מיכאלאווסקי, מ. ראזעס, יעקב עדעלמאן, מ. האכרייך, זשארדאנאווסקי, מ. שפאק, אבא לארגער, מ. דאקטאראוויטש, אברהם קעסעלמאן, וואלף שרייבער, פ. כהן, ש. כץ, י. טשערשאנסקי, לייב ווילענסקי, פ. לאנדא, מרדכי דיניץ, ישראל דיניץ, מ. טאבאקמאן, י. טאקער, א. האכבערג, ל. קארמאן, נייבערג, ש. ראבינאוויץ, י. שילמאן, מ. זאנענבערג, י. וויינפעלד, וו. דאלבער, ב. פינקעלשטיין, מ. מאגטאז, ע. מוטשניק, ל, האכמאן, ש. בארוכאוויטש, וו. דימענטשטיין, מ. גירסטיל, ל. סעגאל, שארגראדסקי, י. מלמד, ש. קרענבערג, א. לעווין, ז. סעגאל, מאיר קווייטל, י. באלאטניקאוו, ל. רעזניק, ש. אבעלזאן, י. ברייטמאן, ז. פעלדמאן, י. האלצקאן, ש. שאפירא, מ. קצב, יוסל אהרעס, י. זילבער, א. ווינדערמאן, א׳ קצב, ה. פיאווסקי, ס. בעבטשיק, מ. בראנשטיין, ב. שיינבערג, מ. פיינגאלד, ה. יאקובאף, מ. דאקטאראוויטש, מ. שניידער, י. זאבלאצקי, א. טוכמאן, מ. גליק, מ. סווערדליק, ש. סוועידליק, ל. גירסטעל, מענדע/ הירשהארען, ש. ראזענ־וואסער, ב. פערדער, ל. ניסענבוים, מ. לעמבערסקי, ל. שוס־טער, ב. גארפינקל, מ. קאץ, פ. קאץ, מ. סאבעל, פישעל מוגער, א. ראזענצוויג, ג. קאטשינאווסקי, מ. וויינשטיין, א. זאסלאווסקי, צבי גיטעלמאן, ל. שפאק, מרדכי טאבאק־מאן, לייזער ווילדער, וו. אדעסקי, דוד נימיטשעניצער, מרדכי אלפערסאן, מ. כהן, יוסל ראזענצוויג, י. לערנער, א. לערנער, א. גאלדענבערג, דוד שמוקלער, משה דוד גרינ־מאן, חנא גרינמאן, מ׳ וויינגוסט, י. טאבאקמאן, ח. וויינ־שטיין, ד. קאלקער, משה ליכטמאן, א שוסטער, מרדכי בליצמאן, שמעון לעבענזאן, מ. ווייסמאן, זיידי פעלמאן.

די קאמיסיאן האט נאך די 131 התימות, איהר זיגל געלייגט און דורך דער אדמיניסטראציע די ביטע אפגעשיקט.

מיט דעם זעלבן נוסח האב איך דאן, אויך אין העב־רעאיש, א ביטע צו די אדונים אין קאזשאא פארפערטיקט,— און ענטפער, אזוי ווי שטענדיק איז ניט געקומען!... פון די גזלנישע איבערפאלן, און וועגן ד ע ר פ ע ר צו בויען אנשטאט די גרופעס, וואס דאס איז דער עיקר ביטע געווען, דאס האבן די אדמיניסטראציאנס טעלער־לעקער ארויסגע־ווארפן פון דער בקשה, זיי האבן געדרונגען אז אזעלכע איבערפאלן מאכט זיך אין אייראפא אויך, און קיין דערפער לוינט ניט... קהל׳ס לייט, ארעמע נשמות. בלינדע פאסטוכער... זיי האבן שפעטער חרטה געהאט דארוף, אבער צושפעט...

די אנגעשראקענע האבן געהאלטן אין איין אנטלויפן... וואס מ׳האט געקענט האט מען מיט גענומען, און דאס איבעריקע אויף הפקר געלאזט.

## 48-טער קאפיטל.

# די פּליטה עפּידעמיע.

מען האט געכאפּט וואס מ'האט געקענט, מציל געווען ווי פון א פייער... און וואס מ'האט ניט געקענט איז הפקר געבליבן. דער גאנצער רעמענענט, די פלוגעס, די באראנעס זיינען ביים ראנטשא געבליבן, קיינער פון די איבערגעבלי־בענע האט זיי ניט געקויפט—צו וואס?

אפשר מארגן דארף מען זיך אליין אויך פארנעמען... לאנען מיט כמעט שוין פארטיקן מאאיס האבן זיי די אנגע־שראקענע אויף הפקר געלאזן, אויך א סך פון די שטוב כלים זיינען אין די ראנטשעס פארבליבן. מען האט מציל געווען דעם נפש מיט די בעבעכעס און זיך פארנומען קיין קאסארעס אדער בוענאס איירעס, און א 12 פאמיליעס זיינען גאר אוועקגעפארן אין דער אלטער היים...

איינינע גרופעס זיינען דאמאלסט געגצליך אנולירט געווארן; מ'האט אראפגעריסן די בלעכן פון די דעכער, און די ווענט מיט די לעכער, און די נאקעטע קוימענס שטיין געלאזט. די פארלאזענע חורבות האבן נאך מער אומעט און פוסטקייט אין הארצן אריין געיאגט פחד, און אימה פלעגט אפילו בייטאג אנפאלן, דורכרייטנדיק די אפגעשיילטע ווייסע איינגעפאלענע הייזער, וואס האבן מים גרויסע אויס געשלאגענע אויגן געקוקט צום פעלד.

די פליטה עפידעמיע האט זיך ווי אן אנשטעקיגע קראנקהייט אין קאלאניע צושפרייט, ווער ס'האט ערגעץ אויף א סטאנציע, אדער שטעדטל, אדער אין דער הויפטשטאדט א קרוב, א באקאנטן געהאט, האט ער זיך מיט אים שוין איבערגעשריבן, צי ס'איז ניט מעגלאך דארט עפעס א פרנסה זיך צו פארשאפן, וועט ער אויך די פליטה מאכן... און איינינע באקאנטע פון דער ווייטן, ווען זיי האבן געשריבן צו זייערע חברים, פריינד אדער גלאט צו אזוי מענשן פון איין שטאט געשריבן און אנגעבאטן זייער היקף. אויב זיי די בא־קאנטע קאלאניסטן זאלן שלאגן כפרות מיט דער קאלאני־זאציע און ארויסקומען צו זיי אין שטאדט.

אויך איך האב פון מיינע לאנדס לייט פון קאמענעץ פאדאלסק, אזא מין בריוו באקומען, מיט דער עצה איך זאל צו זיי קיין בוענאס איירעס קומען, וועלן מיר צוזאמען עפעס באטראכטן, ווי ארום צו פטרן די פורעניות'דיקע קאלאניזאציאן.

איך האב זיך געלאזט איבעררעדן און בין בגנבה, דאס הייסט אוועק געגנב'ט דעם אייגענעם דעת קיין בוענאס איירעס אריינגעקומען.

49-טער קאפיטל.

# בוענאס איירעסער דאמאלסטיקע קהילה.

פון דעם קליינעם ענגן פינסטערן אהל'כעל מיט דעם בצומצים'דיקן ק/עגליכן מנין מיטן רויטן ראבינער העגרי יוזעף, מיט זיין ווייב די גויע... וואס איך האב ביי מיין אנקומען אין 1891 יאר געטראפן, איז אין די 7, 8 יאר צייט א היבשע אידישע געמיינדע פון א טויזנט משפחות אויסגעוואקסן. פאראיינען, יודישע צדקה אנשטאלטן, זיינען שוין געווען פארמירט. שיינע קלינגענדע נעמען פון כלומרשט ארגאניזירטע חברות האבן זיך געלאזט הערן, און האבן די קהלה שוין גאר אין העלערע ליכטיקע פארבן פארגעשטעלט... עס האט זיך געהערט די חברה פועלי צדק, מחזיקי אמונה, די שטיק קאסע, קלוב נאדיעזשדא, די תלמוד תורה, און אויך א חברה חובבי ציון.

איינינע פון די אנשטאלטן האבן זיך שוין טאקע פיין און ארענטלאך געפירט, און א טייל האבן נאר אויפן פאפיר אין נאמען פיגורירט: א פרעזידענט, א סעקרעטאר מיט א חותם, און א רייסעניש, א רכילות פון קנאה שנאה צווישן זיך... כמנהג ארגענטיגע... ס'האט זיך שוין געשפירט דער ריח פון קהל... און חוצפה האט שוין דאן ווערטער גערעדט...

אין אן אוונט זיינען זיך צוזאמען געקומען מיינע קא-מעניצער, די וואס האבן פרעטענדירט מיך ארוס צורא-טעווען פין די הענט פון באראנס משרתים...—מיט דעם נא-מען האט מען אין שטאט די יקא' גערופן,—אין הויז פון הירש פיינזילבער, א קאמענעצער, וואס האט געהאלטן א „קאמבאלאטש" אויף קאזשע טאלקאהואנע, און מען האט אנגעהויבן מיטפילן די קאלאניסטן און קלערן צווישן זיך, וואס פאר א פרנסה איך זאל מיר פארשאפן אין שטאט...

כמעט אלע האבן מסכים געווען צו דער אידישער דא-מאלסטדיקער הויפט פרנסה, „יאס אלע עקס קאלאניסטן האבן זיך געגומען: „קאמפרא אי ווענטא" און דער צו נאך אונ-טערקנעלן... ווי עס האט געטאן דאס „רבילע" שמחה פליישהעקער. און מיין חבר גבריאל רייך, האט פארגעלייגט די לעהרער-שטעלע אין דער ת/מוד תורה פאר מיר אויס צו ווירקן... מען האט געטרונקען ביר, געגעסן וואורשט, און דיסקוטירט וועגן מיר און וועגן דער גאנצער קאלאניזא-ציאן מיט איר דורכפאל...—אזוי האט עס ביי זיי געהייסן—

איך בין געזעסן און זיי דאן באטראכט... אלע אזוי שיין אויסגעפּרעסן, ריין ציכטיק ארומגעגאלט, אנגעטאן אין קאסטיומען פון טייערן שטאָף, שווארצע רעק מיט ווייסע וועסטלאך, וואו עס טעלעפּעט זיך נאך א גא/דענע געפלאכ-טענע קייטל... איינגע פין זיי טראגן בריליאנטענע סיגנעטן אויף די פינגער, און די פרויען זייערע זען אויס אזוי שיין, יונג, ווייס, געזונט, בלוט און מילך. גייען געקליידעט אין זייד און אין סאמעט, באהאנגען מיט צירונג, אז עס בליאס-קעט פון זיי אראפ, א שטוב אויסגעמעבלט מיט די בעסטע און טייערסטע כלים... שפּיגלען גרויסע געגולטע ארום די ווענט, אז וואו דו קוקסט זעסטו זיך ארויס...

די פנים׳ער ביי אלע שיינען פריילאך, קיין שפור פון קימער, זארג איז אויף זיי ניט צו מערקן. עס ארט זיי ניט צי עס רעגנט יא, צי ניט, צי עס קומט אן א היישעריק צי א פראסט...

מען עסט דעם טרפה׳נעם ווארשט אן שום איבער קלער... און מען פארטרינקט מיט א גרויסן שאפ-ביר, און מען שפּאסט מיטן חבר׳ס ווייב...

נאר איך איינער אליין, א גולם... אפגעגעסן א כשרה סארדינקע...—מסתמא נאך פארן מבול א לעבעדיקע גע-ווען...—זיץ א פארוואקסענער, א האריקער, ארונטער גע-קאטשעט די שפּיציקע שווארצע בארד הינטערן גארגל, געמאכט פון זיי געדיכטע קניפּן, אז זיי דריקן מיר דעם שלונג...—איך האב נאך דאן מורא געהאט ארום צו שערן די בארד—זיץ א פארשעמטער, א פארדאנה׳טער אנגעטאן אין א רויט-לאכן ריפּסענעם רעקל, מיט ברייטע פאסקעוואטע הויזן, פארשפּילעט מיט א רימענדל פון א שטיקל פעל—אייגענע ארבייט—א געלע ,טשאמבערגא׳ אויפן קאפּ, זיץ מיט די אויגן צו דער ערד, ווי אן אבל אויף א שמחה. האב מורא פאר די ווייבלאך, אויך פארן שפּיגל... מיר שיינט זיי ביידע לאכן פון מיר... א שרעקלאכער כעס געמישט מיט שאנדע און רחמנות אויף זיך אליין, און אויף מיין ארעמער פרוי וואס פינסטערט אפּ איר יוגנט אויף דעם פוסטן פעלד, האט אנגעפילט מיין הארץ, און האב זיך אינוועניק אין די געדאנקען געשאלטן מיט די שרעקלאכסטע קללות און חרמות וואס איך האב נאר געקענט אויסגעפינען אין זכרון...

איך האב געזוכט עפּעס א שטארק ווארט, א העסלאכע, פארדאמטע קללה, א בזיון, א שימפּ-ווארט, איך זאל מיך מיט דעם באטיטלען אויף צו שטילן דעם ווייטאג פון מיין אויפגעברויזטן שטורמדיקן הארץ, וועלכע האט געקרעמפּט, און געליטן אן א שיר...—גולם, אייזל ,פערד, בהמה, דומקאפּ וואס דו ביסט,—טראַכט איך אין זיך,— א קאלאניסט, א אידעאליסט דארף ער זיין? אויסגעריסן ווערן ליגן שטענדיק אין פעלד, אפּגיין מיט בלוט און שוויס, אקערן די ערד, און גלאנצן די אויגן צו גאט, ער זאל זיך דערבארמען געבן רעגען, צי ער זאל גאר אפּהאלטן זיינע

פורעניות׳ן, וועלכע ער קארגט אפטמאל גאר ניט פארן פויער אין פעלד... נאך וואס האט דאס מיר אין גאנצן גענוצט? פאר וועמען, און פאר וואס ווער איך פארשווארצט מיט ווייב און קינדער ביי דער אומגעלומפערטער קאלאניזאציאן? וואס איז א פוסטער אידעאל, א פאנטאזיע פון א באראן, אן אויסגעטראכטע מאראל...

א חשק האט מיך באהערשט ארייננצוגיין ערגעץ אין א פינסטערן צימער און זיך דערלאנגען א שטארקן פאטש אין איין באק, און אויך אין דער צווייטער, זיך אויסזידלען אויפן קול...

איך האב ארייננעלייגט די הענט אין מיינע ברייטע קאלאניסטישע פאסקעוואטע מייטקעס, די „באנבאטשעס׳ אין זיך געמומען קנייפן, רייסן שטיקער פלייש...—נאַ, אָט האסטו דיר! אָט א דאס קומט דיר, אייזל קאפ! מלמד! דו ביזט א הורג נפש! וואס האסטו פון דיין ווייב און קינדער געמאכט?

אזא שיינע ליכטיקע ווייבל, ווייס קלאר, ווי דער געפאלענער שנעע, קינדערלאך שיינינקע בריליאנטן...—גיי קוק זיי אצינד אן? לעמעשקע, וואס דו ביסט, קאלאניסט!- א פארברענטע, א אפגעשיילטע הויט אויפן פנים, שווארץ ווי די נאכט, גייט זי דארט אום אין פעלד, ברוויזעט ביזן די קני אין בלאטע-אין קאראל, רייסט זיך מיט די קעלבלאך, מעלקט די בהמות, כאפט אלע מאל א שמייס איבערן פנים מיטן אויסגעשמירטן עק פון דער „באזשע׳ קו... ווערט איינגעניורעט אין קויט און אין קיזיק...

קנעט מולטערס ברויט... האדעוועט עופות, ווערט אויסגעריסן אין פארשווארצט, און האלט נאך די נשמה אין האנט, ציטערט פאר א שפאניער...

און דא אין שטאט לעבט זיך אזוי גרינג, אזוי גוט, אזוי זיס!...

פאר די אויגן איז מיר פארגעקומען א בילד, וואס איך האב נעכטן אין אוונט אין הויז פון מיין באקאנטן קאמבאלאטשניק פז׳ געזען...

50-טער קאפּיטל.

## גאָט העלפט און „פויגעלאך" טראָגן...

אין הויז פון מיין באַקאַנטן איז אַריינגעקומען אַ יונ-גער שייגעץ, אַ שוואַרצער, מיט אַ פּלאַטשיקן נאָז און גראָבע ליפּן, זעער עלעגאַנט געקליידעט, אַ שוואַרצן פראַק, מיט געגילדעטע קנעפּ, ווייסע מאַנזשעטן און אַנ׳אויפגעשטעלטן קראַגן, האָט אַ פּעקעלע אַ היבשע אַריינגעבראַכט... דרינען איז געלעגן: אַ גאַנצער קאָסטיום פון זעער אַ טייערן שטאָף, אויך אַ העמד מיט שפּינקעס, אַ פּאָר געלע כמעט נייע שיך, אַ בערשטל, אַ קעמל און אויך אַ זילבערנע שפּיגעלע... אַלץ וואָס אַ מענש דאַרף צום אָנטאָן און זיך אויסצופּוצן... נאָר אַ שליאַפּע האָט געפעלט.

מיין באַקאַנטער האָט אַפילו ניט גוט די סחורה באַ-טראַכט, האָט זיך מיטן שוואַרצן ניט פיל געדונגען... דער לעצטער האָט נאָר מיט זיינע רויטע אויגן עפּעס געקוועטשט, געוואונקען... האָט אַריינגענומען אין יד, און האָט שטי-לערהייט זיך אַרויסגעגליטשט פון שטוב...

—דו זעסט!—זאָגט צו מיר מיין באַקאַנטער—אַזעלכע דריי פויגעלאך... האָב איך, זיי טראָגן... און אַ דאַנק גאָט.. ניט צום פאַרזינדיקן... פיל גרינגער און בעסער פון דיין קאָלאָניזאַציע...

—וואָס זשע, אַ שיכור, אַ קאָרטן שפּילער האָט פאַר-קויפט זיין שבת׳דיקן אָנצוג?—פרעג איך—וויפל זשע שכורים איז דאָ אַזעלכע?

—דו ביסט טאַקע אַ מלמד! אַ „קאַמפּעסינאַ׳, ענט-פערט מיר מיין באַקאַנטער;—דער נעגער איז ניט קיין שכור, ער איז אַ דינער ביי אַ רייכן „סאַלטעראַ׳, ביי אַ גראָן סע-ניאָר, יענער האָט זיך געוויס איבערגעטאָן די קליידער כדי צו גיין אין קלוב—נו, האָט ער, דער שחור, גענומען די בגדים און זיי צו מיר געבראַכט... אכט „נאַציאָנאַל׳ האָב איך אים פאַרן גאַנצן פּריץ... משלם געווען...

איי, ווען גאָט העלפט! האַטש אַ האַלב טוץ אַ זעלכע פויגעלאך...—פאַרענדיקט ער מיט אַ פריילעכן זיפץ...

איך האָב זיך איצט זיצנדיק צווישן די קאַמבאַלאַט-שניקעס און דער סצענע דערמאָנט, ווי מיין באַקאַנטער פּז״, האָט מיר אַזוי נאַאיוו און ערנסט דעם זוויבערן מסחור גע-שילדערט, און ווי ער האָט אויפריכטיק, מיט אַ ריינעם געוויסן, און אַ עהרליכע נשמה, דערמאָנט דעם נאָמען גאָט... דעם הזן ומפרנס...

—איי, אז גאט העלפט א האלב טוץ ,פויגעלאך׳ וואס טראגן...

און עס האט מיך אויפן ארט א חשק אנגענומען, אנ׳אמת׳ר באשלוס—אוועקצוווארפן די פארשאלטענע ערד ארבעט... אריינציען אין שטאט, עפענען א ,קאמפרא אי ווענטא׳ און דער ,נותן לחם לכל בשר׳ וועט שוין פויגעלאך באשערן...

טאקע! רייצט מיך א געדאנק. א פארשאלטענע פון גאט איז דאך די אגריקולטור, נאך אין אנהויב יצירה, האט זי דער בורא פאר׳קללה׳ט—,ארורה האדמה... בעצבון תאכלנה׳—ווארף זי אוועק, צי אריין אין שטאט... עפן א קאמבאלאטש!... און לעב א גוטן טאג...

נו, און גנבה? לויפט מיר דורך ווי א בליק דורך די געהירן.

—דומקאפ! פויער! וואס פאר א גנבה? מען גייט דע חלילה גנבה׳ענען? מען קריכט באהיט גאט אין א פענסטער? מען צאלט דאך פאר דער סחורה מזומה׳נע ,נאציאנאלע׳— עס איז א מסחור, א האנדל, די רעגירונג ווייסט דערפון, מען צאלט איר פאטענט... א געזעצליכער הכשר... און וואס איז דער גאנצער האנדל? ווען מען זאל זיך וועלן פאר-גולמ׳ען, פארבויע׳רען, איז דאך דאס גאנצע געשעפט׳ס— טרייבן, מער ניט ווי א קאנפארמירטע גנבה... א גנבה פון דעת...

מען באשווינדעלט איינער דעם צווייטן... און דער, וואס דער ,חונן לאדם דעת׳ האט אים מער פייאיקייט געשאנקן, ווערט ער מיט גאטס הילף, א גביר, א מיליאנער—ער ווארפט דאן אוועק דעם מסחור, און ווערט א באנקירער... און א פילאנטראפ... און מען העלפט, מען שטיצט דעם ארימען, דעם אומגליקלאכן...

איך געדענק, איך האב אזוי זיך פארטראכט אזש אין די אויגן זיינען מיר אנגעלויפן טרערן, דערמאנענדיק זיך אן אונזערע גדולים, די באנקירן... די ,יד נדיבה׳ וואס דער ,המליץ׳ שרייבט וועלכע שטיצט אזוי ברייט פרייגעביק דעם ,חיבת ציון׳...

איי!—טראכט איך,—איז גוט צו זיין א גביר!—איך מוז עס ווערן!... איך האב שוין נאר וואס געוואלט עפענען מיין מויל און אויסשרייען צו מיינע באקאנטע, וואס האבן נאך אלץ דיסקוטירט איבער מיר:

—קאמעראדן! איך בין מיט אייך! איך ווער א... איז פלוצלינג עטוואס געשען...

51-טער קאפּיטל.

# די פרומע איטקע.

א יונגע ווייבל א שיינינקע, די פרוי פון איינעם פון די פאַרזאמעלטע, א טויבע נעבאך, וואס האט תהילת געמיינט אז די אלע באקאנטע זיינען זיך צוזאמען געקומען גלאט אזוי, צוליב א גאסט פונם קאמפ. נאר ווען זי האט זיך דערוואוסט, אז מיינע פריינד האבן באשטימט מיך פאר א קאמבאלאט־שניק צו מאכן... און זי האט געזען ווי איך זיץ דערשראגן, פארטראכט, און אין די אויגן בלישצען מיר טרערן איז זי א דערציטערטע געווארן, און רופט זיך צו מיר אַן אין דער שטיל, א סוד, גאר שטיל אזוי ווי א טויבער רעדט...
—אז די גאנצע שטוב האט געהערט...
—הערט זיי ניט, די טרפה׳ניאקעס, מאטיל! איך פאר־שטיי—זאגט זי—איר ווילט ניט פארלאזן די קאלאניזאציע... גוט טוט איר... אזא יאר אויף מיר.—פע! א קאמבאלאטש! לעבן פון גנבות... פון פויגעלאך טראגן... געשלעפט ווערן אלע מאל אין ראמיסאריע... בעסער א טרוקן שטיקל ברויט א כשר׳ס! אנטלויפט צוריק אויפן קאמפ!... און רויט ווערנ־דיק פון בושה זאגט זי מיר אין דער שטיל,—איי! איר קענט זיי ניט, אלע טרפה׳נע אידן... אלץ איז דאך דא טרפה, חזיר טרייף איר זעט?—ווייזט זי מיר אן מיטן האנט אויף א בינטל שיינע קינדערלאך, וואס האבן זיך געשפּילט אין שטוב.—טרפה׳נע! כלעבען... אן מקוה... און די טרערן זיינען איר אין די אויגן אנגעלאפן...
—לאזט שוין צו רו! שרייען א פאר פון די געסט—געענוג שוין מאקאנעווען, איטקע! זי הערט ניט און רעדט ווייטער:
—קוקט זיי אן די תכשיטים! האט זיי דער רב מאזא־וועצקי פון ענטרע ריאס צוריק מיט א שטיקל צייט צו־זאמען גערופן, זיי געוואלט א כשרה מקוה, אויך א תלמוד תורה גרינדן, נו, האבן זיי זיך דארט אין סאלאן צושלאגן צווישן זיך... דער רב האט געמוזט דורך א פענסטער אנט־לויפן... פרעגט דעם סעניאר רייך, ער וועט אייך אלץ דערציילן... פארענדיקט זי מיר, ווישט אויס די אויגן, און גייט זיך אוועק.
דער עלטערסטער קאמבאלאטשניק חייקין אדער סע־ניאר מילער, א איד א זקן, א גרויסער למדן, און א פרייער ליטוואק ביז גאר, וואס איז אויך צווישן אלע ביי טיש געזעסן, רופט זיך אפ:

—,חרש שוטה וקטן, פגיעתן רע׳—זי האט אונז מנצח געווען, די טויבע ,איטקע׳... ער,—ווייזט ער אויף מיר—פארבלייבט שוין א מוזשיק!...

און אזוי איז עס געווען, דער פרוי׳ס רייד, האבן מיך אין א מין אמביציעזער גאוה ארייגעבראכט, איך האב אויפגעהויבן העכער די קאפ, און מיט א פעסטן טאן א זאג געטאן:

—איך בלייב א קאלאניסט! גאט איז אומעטום!

איינגע פון מיינע נאענטע, ווי גבריאל און שמחה, האבן באלד מסכים געווען...

—איך האב אין קלייט א לייכט ביקסל—זאגט דער ערשטער—גיטעל דיינע איז א כוואטסקע ווייבל, זי וועט מיט דעם אויף גיך קענען שיסן...

—און איך,—זאגט דער צווייטער,—וועל אים מיטגעבן א ,רעמיגטאן׳ מיט א ,מאטשעטא׳..;

—אָ! דאס הייסט שמירה... רופט זיך אפ דער אלטער חייקין, פיל בעסער ווי דער ,רזיאל המלאך׳ וואס ליגט ביי דער קינפעטארן צו קאפנס, און אפשר אפילו פון א בעל שם׳סקע קמיע אויך...

צוויי טאג צייט האב איך נאך דאמאלסט פארווײלט אין דער הויפשטאדט, מיין חבר גבריאל רייך, וואס איז דאן א שטיקל קהלס מאן געווען, האט נאר דוקא געוואלט מיר ווייזן די בוענעס איירעסער געמיינדע, אירע פארשטייער און גרינדער.

—בלייב נאך דא א פאר טאג, באקען זיך מיט מענשן—טענה׳ט ער צו מיר—דו דענקסט אודאי, אז די גאנצע קהלה אידן באשטייט פון קאמבאלאטשניקעס און פרויען הענדלער? ווי די פרומע איטקע האט דיר אנגעדערצייל... עס איז פאראן פיינע ארנטלאכע פאמיליעס אויך! טאקע אין א מינימום צאל, אבער זיי זיינען פאראן... עס זיינען דא בעלי מלאכות, פעדלער אדער קארעדארן, עס וואקסט א גרויסע ריזיקע אידישע געמיינדע, אין איניקע יאר ארום וועט דא זיין פיג טוזענטער משפחות, די טמאים... וועלן בטל בששים ווערן...

איך האב אים געפאלגט, מיר האבן צוזאמען באזוכט איניגע כלל אינסטיטוציעס.

52-טער קאפיטל.

# א גבאי מיט א פּעטן בויך.

ביי דער טיר פון דער „שטיץ קאסע׳ האב איך שוין דאן ארימע אידן און אידענעס שטיין געטראפן.

א יונגערמאן מיט דריי קינדער, א היטלמאכער, האט אים זיין ווייבל, די מוטער פון די קינדער אוועקגעווארפן, איז אין א „הייזל׳ אריין... ער קען ניט גיין פארדינען, איז ער היקף געקומען בעטן... אויך א פאר עגונות א זקנה א בלינדע און איינגע גאר געזונטע מענשן זיינען הינטערן טיר געשטאנען... און פון יענער זייט טיר זיינען די גבאים, די ראשים אויף לעדערנע שטיקן געזעסן און מען האט גע־סארטעוועט, אנאליזירט די ביטעס: וויפיל און ווען יאָ, און ווען ניט...

עס האט מיך א שטארקן עקל אנגעגריפן צו דער שטאדט מיט איר נויט און הילף... און האט נאך מער פאר״זטארקט מיין באשלוס, צובלייבן אויפן קאמפ אפילו אונטער די שווערסטע אומשטענדן, וואס עס זאלן ניט קומען...

רבונו של עולם!—טראכט איך מיר, ווער האט דעם דלות אהער געבראכט? מיט וואס פאר א שיף איז ער צו־שווימען געקומען? און וואו האט זיך שוין גענומען א גבאי מיט א גראבן בויך און א פעטע הארץ?... אנטלויף פון זיי... אין פעלד אריין, מאטל!...

ביי דער „מחזיקי אמונה׳ האב איך אינזערן אן עקס קאלאניסט גרינבלאט, א שוסטער, ביים עמוד דאוונען גע־טראפן, און מ׳האט שוין אין שולכעל בראנפן געטרונקען...

מער פון אלע פאראיינען האט מיך אינטערעסירט די חברה ׳חובבי ציון׳, וואס איר פרעזידענט היינריך סאן האט געהאט צוזאמענגעקליבן התימות און געלט, און איז אוועקגעפארן קיין באזעל צום צווייטן קאנגרעס, א׳ס דע־לעגאט פון אונזערע קאלאניעס—אזוי האט עס כלומרשט געהייסן...

איר וועט מיר מוזן מוחל זיין, איך וועל אויף א ווײַלע אפהאקן מיין ערציילונג, און שרייבן א קליינעם קאפיטל: דאס געבורט פונם ארגענטינער ציוניזם, אויך וויפיל אונזערע קאלאניעס זיינען דאן אין בארירונג געקומען מיט דעם...

## 53-טער קאפיטל.

# ארגענטינער ציוניזם.

ווי א גרויסער טייך וואס קוועלט ארויס פון א קליינעם אומבאדייטנדן קוואל, און אפטמאל אויך א טריבן... אזוי אויך קומט ארויס דער היזיקער ציוניזם, וואס רופט זיך היינט „ציוניסטישע פעדעראציע" און פארמאגט ארום זיך הונדערטער ציוניסטישע חברות צושפרייט אין אלע שטעדט און קאלאניעס, און האט א גרויסן פארנעם אין אונזער תחית הלאום.

קליין און נישטיק, פול מיט צאנקעריי און מחלוקת'ן איז זיין געבורט...

אזוי ווי איך האב אויבן דערמאנט, דער ערשטער איניציאטאר איז יצחק מאיר בעקער, א דינאוויצער יונגערמאן, זעער א געבילדעטער און באגאבטער מיט א רייכע פאנטאזיע, צו אים א יונגער ליטוואק א געלערנטער אין א פאר שפראכן און א שיינער ליטעראט, יעקב שמעון ליאבאוויצקי, און אויך א דריטער, א רוסישער קאראנעל, מיט א לאנגן שנורבארד אויסגעגאלט אין דער מיט—היינריך סאן, א זייגערמאכער, האט געהאט א פרוי א קאלוגערן קאצאפקע, א גר'קע, מיטן נאמען „סאפיא', אט די דריי זיינען די גרינדער פון דעם היזקן ציוניזם.

אין אויגוסט פון 1897, אין דער צייט פונם ערשטן אידישן קאנגרעס אין באזעל, האבן די דריי אויבנדערמאנטע מיט נאך אכט יונגע לייט א ציון פאריין געגרינדעט מיטן נאמען „חובבי ציון', דעם פאלקאווניק היינריך סאן פארן פרעזידענט געמאכט, און בעקער מיט ליאכאוויצקי סעקרעטארן. מען האט צו איין פעז פון א מיטגליד גענומען, און א טעלעגראמע קיין באזעל דאן געשיקט: אז „די ארגענטינער אידן ערקלערן זיך אויך אלס אנהענגער פון קאנגרעס און אלס אנטשלאסענע צו גיין נאך ארץ ישראל"...

אין א קורצע צייט ארום איז די חברה חובבי ציון צוריסן געווארן... כמנהג ארגענטינע... מען האט איבערגעלאזט דעם חותם מיט דער קאסעביים פרעזידענט אין די הענט און זיך שבת געמאכט באזונדער, א נייע חברה מיטן נאמען סתם „ציון', ניט חובבי ציון, איז געגרינדעט געווארן. קיין פרעזידענט האבן זיך די נייע ניט געקענט צו ק'ויבן... נאר דעמאקראטיש זיך געפירט, די פריערדיקע סעקרעטארן בעקער און ליאכאוויצקי, און איינער א ליטוואק א זייגערמאכער שלמה ליובאשיץ, זיי זיינען די מנהיגים פון דער חברה „ציון' געווען.

אויף צו מאכן די סטאטוטן, אויך כדי צו קארעספאנ-
דירן מיט ווין אין דער העברעאישער שפראך, האט ליובא-
שיץ אריינגעצויגן אין דער חברה איינעם א ליטוואק, אן
ארבעטער אין א ניקל פאבריק, מיטן נאמען יעקב יאסע-
לעוויטש, א יונגער מאן א יודע ספר, א שטיק טרוימער
און איבערגעגעבענער הובב ציון נאך פון אדעס, און אים
טאקע פאר קאסירער אין דער חברה באשטימט.

און גלייך האט זיך א מלחמה צווישן די ביידע חברות
אנגעהויבן, דער פרעזידענט פון די חובבי ציון ,סאן׳ האט
ניט געשוויגן... ער האט חתימות געקליבן און געלט, און
איז זיך אוועקגעפארן קיין באזעל צום צווייטן קאנגרעס,
כדי צו זען מען זאל צונעמען ביי דער יקא׳ אלע קאלא-
ניסטן און זיי אריבערפירן קיין ארץ ישראל...

און זיין סוף, א! נעבאך, איז זעער א טרויעריקער, א
טראגישער געווען...

א געהיימער שטיין ליגט עפעס אין וועג פון א יעדן
איניציאטאר, און הינדערט אים קומען צום ציל...

אויפן ,ראש הפסגה׳ מוז דער קעמפער און שאפער
פון א אידעע בלייבן שטיין און פון ווייטן קוקן... און אזוי
פארשוואונדן ווערן אין דעם אונענדלאכן אייביקן תהום.

—מיט אלע דריי גרינדער פונם ארגענטינער ציוניזם
איז אויך ענליכעס געשען...

פאר וואס איז דאס אזוי? ווער האט אין דעם די שולד?
זאל אמת זיין, די מענשהייט איז ניט גענוג רייף צו פארשטיין
אירע גייסטיקע קעמפער? צי זאל זי פשוט פויל און פאר-
דארבן זיין, וואו דאס נאבעלעס און פיינעס געפינט ביי איר
קיין פלאץ ניט? זאל דער געבוירענער שמוץ, די ירושה פון
דער אפע—נאך דארווינס שיטה, צי דער ,יצר לב האדם רע׳
נאך אונזער שיטה, נאך אלץ טליען אין הארצן, און שטענ-
דיק זוכן א פלאץ וואו אויסצושפייען זיין אינסטינקט דעם
איינגעבוירענעם עיפוש?...

פאר וואס שפייען זיי מיט גאל אויף זייערע פירער?
פאר וואס פארביטערן זיי דאס לעבן פון זייערע טרייסטע
קעמפער?

און וואס קומט דען ארויס ווען נאך זיין טויט מאכן
זיי אים גרויסע הספדים, זינגען אים שירים ותשבחות? פילט
ער דען? ווייסט ער דען דאס? ווער קומט דארט צו אים
אין קבר, ווער זאגט אים דען,—דיינע, וואס דו האסט זיך
פאר זיי געאפפערט, אנערקענען דיין טאט... ווער?

מיין גאט! ווי וואלט איך געוואלט די פראבלעמע
לעזן! ווי קען מען דאס פארשטיין?...

פאעטן וואס באזינגען דאס פאלק, די וואס טראגן
זיך ארום אויף די פליגלען פון דער געטליכער פאעזיע גלויבן
אין דער ריינקייט און ציכטיקייט פון דער פאלקס-נשמה...
גלויבן איר אבסאלוטע נאאיוויטעט—איר געשמאקן נאטיר-
ליכן חוש הריח... און ווארפן די גאנצע שולד נעבאך—

ניט אויף די שטיינערוואָרפער... נאָר אויף די אומגליקלאכע, וואס ווערן פאַוואָרפן...

—די מנהיגים זיינען שולדיק!—זאָגן זיי,—די קנאה וואָס טאנצט אַרום צווישן זיי, צווישן די אנפירער, ברויזט אויף דער ערלאכער נאאיווער פאָלק-נשמה... און ווייזט זיי שטענדיק די צווייטע זייט... און קיין אַבסאָלוטער אידעאַל איז דאָך טאַקע ניטאָ...

ערשט דאַן ווען דער פאָרהאַנג פאַלט, און די קאָמע-דיע פון דעם מנהיג איז צום סוף... דאַן האָט די קנאה מער קיין פּלאַץ ניט... און דאָס פאָלק וואַרפט אַראָפּ די שטאָר פון די אויגן... און טרויערט...

מעגלאך אַז די פּאָעטן האָבן רעכט... מיין פויערשער פאַרשטאַנד באַגרייפט דאָס ניט, ער גלויבט ניט אין דער זויבערקייט פון דער פאָלקס-נשמה... און צי איז גאָר אין גאַנצן פאַראַן?

דער עגאָ, דער שעפער פונם לעבן, דער שטענדיקער קעמפער פאַר אים, און דער וואָס האַלט אים אויס...

דער האָט ניט קיין גלויבן און צוטרוי אין קיין צווייטן וועג, עקסטרע אין זיך אליין... קיין אידעאַליזם, קיין גאָטהייט, קיין גלויבן, קיין סענטימענטאַליזם, אויסער זיין אייגענע פעל—די ,אהבת עצמו׳ פאַרמאָגט די מענשן-חיה אין זיך ניט.

נו! גיי גיב א זאָך, וועלכע דו האָסט ניט? ער גיט קיין גלויבן אין זיינע פירער, ווייל ער האָט עס ניט... ער פאַרמאָגט אים ניט...

אָבער גענוג! וואָס האָב איך זיך פאַרבויערט... פאַר חקירה׳ט... לאָמיך אייך דערציילן פונם ערשטן פּרעזידענט פון דער חברה ,חובבי ציון׳, אויף וועלכן די קאָלאָניסטן האָבן א שטיק בטחון געלייגט, אַז ער וועט עטוואָס פאַר זיי טאָן...

54-טער קאפיטל.

## דר״ הרצל גיט אים 5 מינוט צייט.

אויפן קאנגרעס אין באזעל אין 1898 דארט איז ער ה׳ סאן נעבאך דורכגעפאלן...

אין סטענאגראפישן פראטאקאל ווערט דערציילט אז דער דעלעגאט סאן פון ארגענטינע, האט אנגעהויבן ריידן רוסיש, דאן פראנצויזיש, אבער קיינער האט אים ניט פאר־שטאנען (ער האט גערעדט שציפעליאווע, גיך און פלאפ־לענד) די 15 מינוט רעדנער־צייט האט זיך געענדיקט. דר״ הרצל האט אים געפרעגט, צי ער קען אין נאך פינף מינוט צייט ענדיקן זיין רעדע, און ער האט געענטפערט, אז אפי׳ן אין א שעה צייט אויך ניט, ווייל ער מוז דערציילן אלע באנדיטסטוועס פון באראנס משרתים, ווי זיי פאראומגליקן די קאלאניסטן...

דעלעגאט פרידמאן האט געזאגט, אז מען קען סאַנ׳ען ניט גלויבן אויפןווארט... ווייל ארגענטינע איז זעער ווייט... מען דארף פאדערן דאקומענטן, באשטעטיקונגען; עס איז געווארן א רעש, און מ׳האט געפאדערט פון סאנען צו פאר־לאזן די בינע...

הערצל האט א פשרה געפונען... ער האט פארגע־שלאגן, אז א ספעציעלן צימער אין קאזינא זאל מען געבן סאנען, וואו ער זאל מארגן געבן זיין פארטראג איבער די ארגענטינער קאלאניעס,—ווער ס׳וועט וועלן, זאל אים גיין הערן...

קיינער איז אים אבער ניט געקומען הערן...

מען האט דאן אין די קאלאניעס געשמועסט, אז די צווייטע חברה ,ציון׳ האט אים א פארליימדונגס בריוו נאכ־געשיקט קיין באזעל, אז ,די חתימות וועלכע ער האט דארט אויפן קאנגרעס פרעזענטירט זיינען פאלשע... און אויף הוצאות הדרך האט ער פון די טמאים גענומען״...

נו איז ער קאמפלעט נעבאך דורכגעפאלן!...

ארים און צובראכן האט ער אויף צו קענען צוריק־פארן געמוזט אין דער שווייץ און אין דייטשלאנד בעטן ביי די נדיבים... פון בערלינער קולטוס געמיינדע האט ער א פאסאזש באקומען, און אויפן שיף, אויף זיין צוריק רייזע אין דעצעמבר 1898 איז ער פון הארצווייטאק געשטארבן, און זיין גוף איז ארונטער געלאזן געווארן אין אטלאנטישן ים...

די חברה ,חובבי ציון׳ איז געגצליך בטל געווארן, און די צווייטע חברה ,ציון׳ האט פאנאנדערגעשפרייט די

הענט, די הויפּטפירער זיינען געווען ליאכאוויצקי און
יאסעלעוויטש, דער סעקרעטאר און דער קאסירער, ליובא-
שיץ און ליפשיץ זיינען די רעכטע זיילן געווען, מ'האט פאר-
קויפט שקלים און זיך קארעספּאנדירט מיט ווין.

לאנג האט זיך אבער די חברה „ציון" אויך ניט גע-
קאנט האלטן, קמח אחד מיט סולת, פארשידענע זיבורת איז
אין דעם טויג פארמישט געווען... און בשום אופן זיך ניט
געקענט צוזאמענקנעטן, ס'איז באלד אנטשטאנען א מין צאנ-
קעריי, א חסידישע מחלוקת... די מנהיגים האבן ניט גע-
קענט שטימען, און האבן אנגעהויבן שמוצן, באליידיקן איינער
דעם אנדערן...

עס האט געפירט דערצו, אז מ'זאל אנ'אסיפה רופן,
און מען האט א פרעזידענט, איינעם יצחק פייערמאן אויס-
געקליבן, ליאכאוויצקי סעקרעטאר און יאסעלעוויטש קאסי-
רער, פון די נייע וואלן זיינען א פנים איינינגע ניט
צופרידן געווען... יעדער פון זיי—ווייזט אויס—האט צום
שטריימל געגארט... ווייל באלד זיינען אין דער קאלאניע בריוו
אנגעקומען פון הרב ה' ראובן הכהן סיני, און יצחק יחיאל
פעפערמאן, אז זיי האבן גאר א נייע חברה „זכרון שמואל חובבי
ציון" געגרינדעט, נו האט ווידער אמאל א מחלוקת אויסגע-
בראכן, און נאך פיל צאנקעריי האט ליאכאוויצקי מיט נאך
איינינגע פון דער חברה „ציון" גאר א שפאגל נייע חברה
אין 1899-טען יאר געגרינדעט מיטן נאמען: „ליגע דר' טע-
אדאר הערצל".

די „ליגע" האט זיך צופירט די הענט... זי האט גע-
מאכט פראפאגאנדע, האט צוגעצויגן זייער פיל מיטגלידער
הן פון שטאדט, הן פון קאמפ; א וואכנבלאט אין אידיש
„דער ציוניסט", שפעטער אויך אין שפאניש: ‚El Sionisto',
אונטער דער רעדאקציע פון ליאכאוויצקי האט די „ליגע"
ארויסגעגעבן און איז ערשיינען מיט צייטווייליקע איבער-
רייסונגען כמעט ביז 1904.

אך וואס פאר א שמחה איז אויף אונז קאלאניסטן
חובבי ציונים פון דער היים געווען מיט דעם בלאט „דער
ציוניסט!", „דער צילענדריסט" - א קאלאניסטישע בילד וואס
איך האב דאן אין „ציוניסט" אפגעדרוקט, איז ביי פיל פון
די קאלאניסטן באהאלטן ביז היינטיקן טאג...

מיר האבן דאן די חברה „עוזרי ציון" אין מאאוריציא
געגרינדעט, און שקלים,—מוז איך זאגן, האבן מיר אין געהיים
געמוזט פארקויפן... ווייל די אדונים, אונזערע אפּוטרופּסים
פון דער קאלאניזאציע, האבן אומדירעקט דעם ציוניזם אונז
ווי פארווערט... ביידע דירעקטארן האבן געלאכט און מיט
האס גערעדט פונם פאליטישן ציוניזם...

דער פרומער הירש, ווען ער האט אין א קאלאניסטי-
שער שטוב געטראפן הערצל'ס בילד אויפן וואנט נעבן
באראן'ס האט ער באפוילן ארונטערצונעמען:—ווי קומט
דער צו דעם?—האט ער בייזלאך געמורמלט.

און דער קלוגער ,קאזעס׳ האט זיך איין מאל פאר מיר און בוזי שארגראדסקי זעער מיאוס וועגן הערצלען אויסגע-שפראכן:

—א משיח, אזי ווי אלע פריערדיקע משיחים פון מיטלאלטער... זיין שתדל׳נישע פאליטיק ביי ווילהעלמן און ביי טשעמבערליין וועט די גאולה ניט ברייננען...ביידע וואלטן געוואלט צונעמען ביי ישמעאל׳ן דאס לאנד... דער ערשטער וואלט דעם קאטאליציזם דארט באפעסטיקט, אז א אידישע פוס וואלט זיך אין ארץ האבות ניט געפונען... און דער צווייטער וואלט אין ביבל לאנד די מיסיאנערן און אידישע משומדים מיט ביידע וועלטן פארזארגט...

אבער ווער האט אויף זיי געקוקט, אויף די באראנ׳ס אידען טרעגער!...

מיר האבן די ,עוזרי ציון׳ אין דער ,ליגע׳ איינגעשלאסן —זי איז טאקע זעער טעטיק געוועזן די „ליגע׳, זי האט גע-שאפן א אידישע און העברעאישע ביבליאטעק אין איר לאקאל אויף Libertad 465,

די טעטיקסטע מיטגלידער דארט זיינען געוועזן הייסע איבערגעגעבענע ציוניסטן, ווי הריץ, ליפשיץ, גאלדענבערג און פליישהעקער, די צוויי לעצטע האבן א זשירע אין א היגער באנק אויף דריי טויזנט פעז געגעבן פאר די ביכער, וואס די ביבליאטעק האט פון ווארשע און פון ניו-יארק בא-צויגן אויף 18 מאנאט אויסצוצאלן.—פיל ביכער פלעגן מיר קאלאניסטן פון אט דער ביבליאטעק צום לעזן באקומען...

און א טייל פון די ביכער—מיטן זיגל ,ליגע דר׳ טה׳ —זיינען מחילה טאקע פארבליבן אין קאלאניסטישע הענט...

די פריערדיקע הברה ,ציון׳ האט א פאר מאל געמאכט א פארזוך צו פאראייניקן זיך מיט דער ,ליגע׳, עס זאל זיין שלום, ווייל יאסעלעוויטש, וואס איז געוועזן א טרייער ציון-זעלנער נאך פון דער היים, האט באמת און אמונה שטענדיק געזוכט צו דינען דער אידעע, אבער דער שלום האט זיך ניט איינ-געגעבן...

אין 1903 האט די ,ליגע׳ געשיקט אלס דעלעגאט צום זעקסטן קאנגרעס דעם ה׳ אדאלף קרענאוויטש, אויך אין 1905 צום זיבעטן קאנגרעס איז דערזעלבער געפארן. די חברה ,ציון׳ איז פון שיקן דעם דעלעגאט זעער ניט צופרידן געוועזן, פראטעסט בריוו זיינען אין די קאלאניעס אנגעקומען מיט זעער ניט קיין זויבערן אינהאלט... אבער ביי אונז זיינען מיר שוין איינגעוואוינט געווארן מיט זייערע צאנקע-רייען.

די חברה ,ציון׳ איז ווי אנטשוויגן געווארן ביז דעם יאר 1906, און די חברה זכרון שמואל איז גאר בטל געווארן.

55-טער קאפיטל.

# דער ערשטער ציון קאנגרעס אין ארגענטינע.

אין אפריל 1904 האט די „ליגע׳ פאררופן דעם ערשטן ארגענטינער ציוניסטישן קאנגרעס אין בוענאס איירעס אין סאלאן „La Argentina׳, דאמאלסטיקע עקזיסטירנדע חברות האבן איינטייל גענומען אין קאנגרעס, אויך די שפאניאלישע געמיינדע (ספרדים).

דער פארזיצענדער איז געווען איינער ענריקע רובינסקי, מאיר כהן (א ספרדי) און ש. באמכיל.

16 חברות דורך 40 דעלעגאטן זיינען פארטראטן געווען. די סעגאלס, די קרענאוויטשעס, קאפלאן, סאפיאן, פלייש-העקער, צייטלין, מזל, און הרב סיני, און אויך אכט חשובע ספרדים.

דער קאנגרעס האט דאן געשאפן די „ציוניסטישע ארגענטינישע פעדעראציע׳.

אויפן פארלאנג פון די קאלאניסטן איז אין חודש יולי 1905 דער צווייטער ציוניסטישער קאננרעס פאראנשטאלט געווארן אין דאמינגעס-ענטרע ריאס, אונטרן פרעזידיום פון דר׳ נח ירחי און סעקרעטארן—די קאלאניסטן פרידלאנר און פאטין.

34 דעלעגאטן אין פארטרעטונג פון 21 אגודות ציונים זיינען דאן אויפן קאנגרעס געווען, אלס דעלעגאטן פון בוענאס איירעס איז געווען צייטלין, ליאכאוויצקי, און אווער-בוך, דר׳ דעבענעדעטע אלס דעלעגאט פון לא פלאטא און קאראנעל סוארעז.

פיל ציונים זיינען דאן אינם גאלדענעם בוך „ספר הזהב׳ איינגעשריבן געווארן: אין מיינע זכרונות מאאוריציא איז פארצייכנט: דר׳ נח ירחי אינם ספר הזהב נומר 744, באראן מאריץ הירש דורך די ציוניסטן פון מאזעסוויל נומר 1057, יעקב ש׳ ליאכאוויצקי 949, דר׳ עמיל דעבענעדעטע פון לא פלאטא 1682, די עוזרי ציון פון אונזער קאלאניע מאאוריציא 1607, דר׳ הערצל, דר׳ נארדוי, אויך די „ליגע׳ נומר 88, הירש מירקין 1888, עליסא צייטלין 2199, קרענאוויטש 1919.

עס האט זיך היבשלאך גערעשט, די לאנד פרעסע איז פול געווען מיט דער גזעלשאפטליכער טעטיגקייט פון די אידן און געלויבט זיי ביז אין טאג אריין.

די „ליגע׳ וואלט אפשר געווען פארבליבן אויף איר טראן, הגם בויכוויטאק האט איר קיין מאל ניט געפעלט...



באראנעסא קלארא דע הירש

דער צונויפגעלאפענער עלעמענט פון וועלכן יעדער איינער האט מיטגעבראכט א יחוס אבות ביז תרח'ן און אוצרות ממון פון קרח'ן...

זיי האבן איינער דעם אנדערן געזוכט צו שמירן... אפשטופן יענעם אויפן הינטערגרונד, בכדי ער זאל אוסקומען פון אויבן, כמנהג ארגענטינע... דאך וואלט זיך עס געווען איינגעכמורעט...

איז אבער צו יענער צייט געשען די גרויסע אידישע איינוואנדערונג, טויזנטער יונגע מענטשן האט דער אימי-גראציאנס שטראם אנגעבראכט, און יענע האבן זיך גענומען אויסלאכן פון דער ,ליגע' מיט דער ,פעדעראציע', די אלטע מנהיגים מיט זייער הנהגה איז זיי אבסאלוט ניט געפעלן...

א נייעם פאראיין ,תפארת ציון' האבן זיי, די נייע אימיגראנטן געגרינדעט, אין אנהויב נאר פון סאמע פראלע-טאריער און דערנאך האבן זיי אויך אנגעהויבן אריינגעמען בורזשואזיע...

יאסעלעוויטש, וועלכער האט באמת געזוכט עפעס צו טאן פאר דער באוועגונג, איז דאן צו די ,תפארת ציון' צוגעשטאנען... ליובאשוץ איז דאמאלסט צוריק געצויגן געווען פון דער מהלוקת.

ס'האט זיך דאן א געפערליכער פייער צוברענט צווישן דער אנערקענטער ארגענטיניזאציע דורך דעם אייראפייאישן אקציאנס קאמיטעט, ד. ה., די פעדעראציע, אדער ,ליגע'.

און די נייע ,תפארת ציון' האט געזוכט מיט אלע מעגליכקייטן ארויסצושטופן די פון דער פאזיציע און פארנעמען איר פלאץ... בריוו פוןביידע צדדים זיינען גע-פלויגן קיין קעלן אין אקציאנס קאמיטעט ארייִן...

עס איז ניט מיין אויפגאבע און ניט אין דעם בוך איז דער פלאץ צו באשרייבן די אלערליי טאדלען, פארלוימדונגען, וואס האבן זיך דאן ארויסגעטראגן אין גאס... שקרים, רכילות און אויך, מחילה, בלבולים אויף פערזאנען, וואס ס'איז פשוט א שאנדע צו צייכנען דאס אויפן פאפיר.

די קנאה, די פרעסערן, אט א די חצופה וואס קא-קעטירט און כאפט די הערצער פון אונזערע איידלסטע און טרייסטע פאלקס פירער, די וואס האט משה'ן מיט בלבול באשמוצט... ,ויביטו אחרי משה'... אט די פארפלוכטע, וואס האט אלע אונזערע גדולים אויף איר פייערפאן געבראטן, שפינאז'ן אין חרם געלייגט, דעם רב שע' אין רוסישער פעסטונג געווארפן, הערצלען יונגערהייט אין קבר געטריבן... און נאך און נאך... אט די אלטע און שטענדיק יונגע מרשעת האט זיך דא צווישן די ביידע פארטייען ציוניסטן צוטאנצט...

די מלחמה האט אנגעהאלטן א צייט און האט ארויסגערופן ווייי און שאנד, אז דאס רוב פון די קאמפ'ס ציונים און אויך פיל שטעדטישע האבן זיך באלד נאך הערצל'ס טויט כמעט ווי צוריק געצויגן פונם ציוניזם.

ליאכאוויצקי, וואס כמעט אלע קוילן זיינען אנטקעגן זיין פערזאן געווען געצילט, האט זיך געפילט ווי א פאר-וואונדעטער גענעראל אין פיינדליכן לאגער, ער האט אין סוף 1908 אריינגעשיקט קיין אייראפע צו ה׳ דוד וואלפ-סאן זיין דימיסיע, כדי צוריקציען זיך אינגאנצען פון ציוניזם.

איך געדיינק אין יענער צייט פאר קאסעטשע פון 1908—9, ווען דאס פייער צווישן די ציוניסטישע פארטייען האט נאך געברענט, בין איך גראד אין בוענאס איירעס געקומען, מיינער א לאנדסמאן א פארברענטער ציוניסט האט מיך אין אוונט אין לאקאל פון דער „ליגע״ אריינגעפירט.

אויף קאזשע טאלקאהואנא 425, אין א ענג צימערל, די ווענט באהאנגען מיט בילדער פון אונזערע גדולים, ארום דאס ערליכע טרוימערישע בילד פון דר׳ הערצל נעבען א שרייב טיש פארווארפן מיט ציוניסטישע בראשורן און פא-פירן, האב איך דאס ערשטע מאל דערקענט איינעם פון די דריי גרינדער פון דעם ארגענטינער ציוניזם, דעם ה׳ יעקב שמעון ליאכאוויצקי.

א הויכער שלאנקער יונגער מענש, ווייס, קלאר, בלוט און מילך, מיט בלויע אויגן ווי די וואסער פונם ירדן.

אן אנגענעמענער מילדער אויסזען, רעדט שטיל, שארפ-זיניק און באלערנט, זעער א גוטן איינדרוק האט אויף מיר דער מענש געמאכט;

א שטאלצער מענש, וואס רעדט קלאר, שארף, אן חניפה, בויגט ניט דעם קאפ פאר קיין טיטול, און אויך פאר קיין געלט.. דאס האב איך דאן אין די שטריכן פון זיין געזיכט געלעזן... און האב שוין די אלע אנגעהערטע זלזולים... פון זיינע קעגנער צו איר, צו דעם טייוולס טאכטער די „קנאה״ צו-גערעכנט...

און ווען איך האב שפעטער דעם שארפסטן קעגנער זיינעם, דעם געערטן תלמיד חכם ה׳ יאסעלעוויטש געזען, איז מיר דער באוואוסטזין ערשט ריכטיק פעסט קלאר גע-ווארן:...

א, דו קנאה! דו גיהנום קינד! פארפלוכטע קנאה, דייי ארבעט איז דאס!...

א מאגערער אויסגע׳דבר׳טער איד, א שפיציג עטוואס גרויליך בערדל ארום א צאנגלען פנים מיט צוויי טרוימע-רישע אויגן און א ערליכן נעטן אויסזען... דאס איז דער הער יעקב יאסעלעוויטש געווען, מיר דאכט, אז אָט א די פרומע נשמה, אָט די שטילע בנעימות׳דיקע זעלע, איז גאר ניט פייאיק געווען, אויך ניט מסוגל צו אינטריגעס, חלילה... נור זי, די קנאה, אט די אויסגעלאסענע וואס בייסט זיך אריין אין דער איידעלסטער נשמה און פארגיפטעט איר, זי מיט איר שטרעבן נאר נאך כבוד... זי, די אייביקע און די אומשטערבלאכע,—זי וואס טראגט אויף איר שטערן דעם פייערדיקן הותם:—„מי בראש׳?—זי, מיט איר שוועסטער די הצלחה, וואס באשפייט נאך אפט איינעם פון די קריגער

מיט די פליטערלאך פון גאלד... ווען אט א די צוויי צוזאמען הויבן אָן קאקעטירן מיט איינעם, מיין גאט! מעג עס שוין זיין די נאבעלסטע נשמה וואס קומט דירעקט פון אונטער גאטס שטול... מוז ער נעבאך טאנצן נאך זייער פייפל...

דער לייטער פון כבוד זעט זיך אין דער שפיץ אזוי שמאל, ענג!... אז: מער ווי איינער קען דאך דארט טאקע ניט שטיין...

פאר מיר אייגענטלאך איז דאס קיין וואונדער ניט... שארפערע אינטריגעס, שענדליכערע און בלוטיקערע האב איך צווישן די פארטייען חסידים אין מיין געבורטס שטעדטל לאנצקורן געזען,—פארן חטא פון „ויצמח פורקניה” האבן חסידים דעם חזן אין א פראסטיקן שנייעדיקן פרייטיקצונאכט אלע שויבן אין די פענסטער אויסגעשלאגן, פעטש און קלעפ, רוסישע דאנאסען און טיורמע איז צווישן די צדדים א וואכעדיקער גאנג געווען... מיט קיין אנדערן נאמען פון „ימח שמו” האט מען דעם רבין פונם צווייטן צד ניט אנגערופן: און עבירות? וואס פאר אן עבירה האט מען אויף אים דעם רב'ן ניט אויסגעטראכט? נאר גענוג, לאמיר אייך דערציילן פון דעד אנטוויקלונגס געשיכטע פונם היזיקן ציוניזם אויף וויפל עס איז מיר באקאנט...

מעגלאך, אז ס'וועט מיר אויסקומען דערפאר א ביסל צו לײדן... מעגלאך אז די היגע שטאדטישע ציונים וועלן מיך קריטיקירן און אפשר זידלען.

זיי וועלן זאגן:—וואס א פויערש אויג זעט! און וואס זיין מוח פארשטייט! נאר ליידן, האט דען דער אמת ניט די ווערט זיינע ליידן?

איך שרייב דאס וואס איך האב געזען דאס וואס איך האב געהערט, בין בייגעווען, אדורכגעמאכט און פארצייכנט.

56-טער קאפיטל.

## געפטרט אלע דריי.

ליאכאוויצקי האט רעזיגנירט... דער איניציאטאר איז אוועק, די תפארת ציון זיינען אנערקענט געווארן אין אקציאנס קאמיטעט אין קעלן, יאסעלעוויטש איז פרעזידענט געווארן, סעקרעטאר איינער א יונגער מאן א זייגערמאכער אהרן אייבערמאן. (לאכט ניט וואס ס'איז סאמע זייגער-מאכערס!...)

אט האבן מיר שוין צוויי פון די ערשטע שעפער פונם ארגענטינער ציוניזם געפטר'ט... דעם ערשטן פרעזידענט „סאנען' דערטרונקען אין אקעאן... דעם סעקרעטאר אויף דער „מחתה" פון קנאה פארברענט... און באשאטן מיטן פולווער פון נצחון...

—אך דו הארצלאזער עגא, וואס דו קענסט!...

דער דריטער וואס איז גאר דער ערשטער איניציאטאר געוועזן—יצחק מאיר בעקער, דער האט ניט געוואלט ווארטן ניט אויף איינע פון דיביידע מיתות... ער האט ביים אנהויב פייער פון 1898 זיך היפשלאך אפגעבריט, איז אוועק אין פעלד.—ביי אונז אין מאאוריציא האט ער זיך אויסגעזוכט אן אנדערן אידעאל—א אידעאליסט קען א פנים אן אידעאל ניט לעבן—ער האט זיך געווידמעט צום קו-ניסטישן וועגעטעריאניזם, עסט ניט קיין דבר מן החי; פלאדיעט בינען, שאפט האניק, פלאנצט פרוכט בוימער און לערנט די קאלאניסטן ניט טועם צו זיין קיין „בר מינן"... ער פריידיקט מיט פייער דעם אלטן הארציקן מאראלישן ניט אנגענומענעם לא תרצה!...

נו, פטור פון אלע דריי כמנהג העולם, די תפארת ציון וואס האט געירשנט די „ליגע' איז אויך באלד צוריסן גע-ווארן, דער אלטער וועטעראן ה' יאסעלעוויטש האט ניט געקענט שטימען מיט די ברידער ארבעטער, האט זיך אפגעריסן און צוזאמען מיט די בעלי בתישע... געגרינדעט א נייע הברה „דורשי ציון"...

נאך א פאר גילגולים וואס די פאראיינען האבן דורכ-געמאכט—איז געשאפן געווארן א הברה צ'ק אדער „ציונים-טישער צענטראל קאמיטעט' און ווי מיר שיינט איז צווישן די פאראיינען א שלום געשלאסן געווארן.

אבער זעער א שלעפעדיקער שלום...

## 57-טער קאפיטל.

# נ ח מ ן  ג ע ז א נ ג.

ווען דאס פייער מחלוקת און רייסעניש צווישן די ציון פאראיינען איז אביסל אפגעקילט געווארן, האט דאס אש פון דעם אנגעברענטן קנאה-פייער ערשט געשטעלט אין סכנה די גאנצע באוועגונג, אן אפאטיע, א גאליקער פינסטערער יאוש איז אנגעקומען און האט שיר שיר ניט באגראבן און פארשאטן הינטער זיך דעם גאנצן ארגענטינער ציוניזם.

א פאראליז, א שתיקה, האט זיך געפילט, הן אין שטאדט הן אין פעלד; און די איינינגע טרייע ציונים האבן גוט געקרעכצט אויף דער ירידה... זיי האבן מורא געהאט, אז אָט אָט וועט דער פאראליז, דאס גלייכגילטיגקייט אפטויטן די גאנצע 15 יעריקע ארבעט...

ס'איז אבער ניט אזוי געווען.

א ליכטיקע שיין פון אויבן איז געקומען, א נייער שטערן אויפן היגן ציוניסטישן האריזאנט האט אויפגעשיינט אין דער פערזאן פון נחמן געזאנג.

א גליקלאכער געדאנק האט באהערשט דעם אלטן טרייען וועטעראן יעקב יאסעלעוויטש. ער האט אין סוף יאר 1909 זיך געווענדעט מיט א ביטע אין אקציאנס קאמיטעט אין ווין, אז זיי זאלן זען ארויסשיקן אהער א פייאיקן מענשן אלס סעקרעטאר און מנהיג פונם היגן ציוניזם.

דאס גליק האט א פנים געוואלט, אז דער היגער ציו-ניזם זאל לעבן, און דאס ארגענטינער אידענטום זאל איצט שפילן אזא שיינע ראלע אין אונזער תהית הלאום און נע-מען אזא גרויסן אקטיוון אנטייל אין דער דריטער גאולה...

דער אקציאנס קאמיטעט האט דאן די ביטע באוויליגט און האט ארויסגעשיקט אהער א קראקויער יונגנמאן, וואס האט געלערנט אין אוניווערזיטעט אין בערלין, זעער א הויכ-געבילדעטער און אנשטענדיקער הייסער ציוניסט, נ ח מ ן ג ע ז א נ ג—וועלכן די ארטיקע דאקטוירים האבן געראטן צו בייטן דעם קלימאט.—דער איז געקומען אלס סעקרעטאר און מנהיג, און האט זיך גענומען ערנסט און טריי אויפצו-לעבן דעם פאראליזירטן ציוניזם... זיין שטילער איידעלער כאראקטער, זיין תמימותדיקע ערנסטקייט און זיין הדרת פנים וואס די נאטור האט אים באשאנקען—א מענש וואס „לפני מלכים יתיצב"—אויך זיין שיינער רעדנער טאלאנט, דאס האט אים זעער באליבט געמאכט ביים ארגענטינער אידענ-טום, ווער שמועסט אין אונזערע קאלאניעס,—פון פראווינץ

בוענאס איירעס ביז „ארם נהרים" ענטרע ריאס און סאנטא-פע אין דער גאנצער ארגענטינער רעפובליק, איז ער זעער געאכטעט און געשעצט—דער יונגער מענש איז געווארן די נשמה, דער רוח החיים פונם ארגענטינער ציוניזם.

צו אים איז גלייך צוגעשטאנען א יונגערמאן יוסף רייך, א קאמעניעצער, א ברענענדיקער ציוניסט נאך פונם אלטן בית המדרש, פון די וואס פלעגן ארומגיין אין די קלויזן און אין די לומדישע בתי מדרשים דרשנ'ן דעם חיבת ציון און אויסכאפן די בעסטע פעטש און קלעפ פון די דארטיקע חסידים...

די צוויי יונגע מענשן, באגאבט מיט מעלות ומדות, גוט אנגעלערנט אין תלמוד און אויך היפש אין דער מאדער-נער קולטור, זיי האבן א געזונטן לעבן אריינגעבראכט אין דעם היגן ציוניזם, זיי מיט דער היקף פון די אלטע טרייע ציון זעלנער יאסעלעוויטש, ליובאשוץ און אנדערע, האבן אויפגעלעבט די אלטע פעדעראציע, זיי האבן רעגולירט די ציוניסטישע מאנאטליכע אויסגאבע „די אידישע האפנונג",— שפעטער האט יוסף רייך געגרינדעט די „אידישע וועלט", וואס איז פארבליבן דער ציוניסטישער ארגאן אין היגן לאנד.

אט, א די צוויי יונגע מענשן קען מען אנרופן די „עמודי התווך" פונם ארגענטינער ציוניזם—לאנגזאם, טריט ביי טריט האבן זיי געוואונען די סימפאטיע פאר דער בא-וועגונג, האבן אפגעשטעלט די מחלוקת, די תפארת ציון זיינען אנגעשלאסן געווארן אן דער פעדעראציע, און א שיינע ציכ-טיקע ארבעט ווערט איצט דארט געפירט.

אלע יאר ווערן לאנד קאנפערענצן, צוזאמענגערופן פון אלע קאלאניעס, פון יעדער אגודה קומען דעלעגאטן, און אונטער דעם פארזיץ פון נחמן געזאנג—וואס פארמאגט אויך שיינע פארלאמענטארישע מאנירן—ווערט דיסקוטירט און באשטעטיקט די נאציאנאלע און קולטורעלע ארבעט פון א גאנץ יאר.

אפט מאכט ער אליין א טור איבער די אידישע ישובים, און אזוי ווי דער „רואה" אין זיין צייט באזוכט ער אלע אגודת הציונים מדן ועד באר שבע... און א יום טוב איז ביי דער יוגנט ווען געזאנג קומט אן...

פיל פון דער שטודירנדיקער יוגנט, דאקטוירים, אדוואָ-קאטן, אינזשעניערן ציילן זיך היינט צווישן די ציוניסטן, און די שכינה פון שלום האט דאכט זיך איצט געפונען איר ריכטיקע מנוחה אינם ארגענטינער אידענטום.

די גאנצע בוענאס איירעסער אידישע קאלעקטיוויטעט האט, קען מען זאגן, א דאנק דעם ציוניזם—זיך אוועקגע-שטעלט אויף איר אמת'ר נאבעלער הויך, זיי האבן געגרינ-דעט אידישע אנשטאלטן, וואס זיינען א אמת'ע צירונג פארן כלל ישראל... זיי זיינען אמת'ע טרייע קינדער פונם אידישן פאלק.

אט נאט אייך א קאפיטל „ציוניזם" וויפיל מיר איז באקאנט, ואידך זיל גמור... אנטשולדיקט פאר דער לאנג-ווייליקייט...

לאמיר זיך אומקערן צוריק צו דער ערציילונג.

איך בין דאן פון בוענאס איירעס אהיים געקומען און זיך גענומען צו דער פעלד ארבעט.

דער אדמיניסטראטאר הער באב איז אומגעלאפן צווישן די שיטערע גרופעס, געבעטן די איבערגעבליבענע קאלאניסטן מיר זאלן אויף זיך פארשרייבן די לענדער פון די בורח'ניקעס...

—נעמט לאנד! האט ער געבעטן א יעדן קאלאניסט, נור מיינט איר אז מ'האט געוואלט נעמען? ניין! צו וואס, הער באב, נוצט מיר אזוי פיל פעלד? ממה נפשך, וועט די קאלאניזאציע עקזיסטירן איז 200 העקטאר אויך גענוג, און אז ניט צו וואס?

מען האט געמאכט דעם צענז פון די קאלאניסטן, נאך דער פליטה עפידעמיע זיינען מיר דאמאלסט אין מא-נאט יוני 1899 אינגאנצן געבליבן 241 קאלאניסטן.

עס איז גענוג טרויעריק געווארן אויפן הארצן.

57-טער קאפיטעל.

# א קרעם פאבריק אין קאלאניע. קאמפאניא עסקאנדינאוויא.

דאס גאנצע יאר 1899 האט זיך זעער טרויעריק גע־שלעפט; נידערגעשלאגן און באטריבט איז יעדער פנים געווען; קיין שמחות, קיין חתונות זיינען ביי אונז ניט פאר־געקומען; מען איז אלע נאכט נאך דער רייע נאך אויפן וואך געגאנגען; ווען ס'איז אנגעקומען די רייע, האט מען אנגע־זאטלט דעם פערד, ארייגעלייגט אן אנגעלאדענעם רעוואל־ווער אין גארטל און מיט די איבעריקע שומרים ארומגעפארן און געוואכט א גאנצע נאכט. מען איז ביסלאכווייז איינגע־וואוינט געווארן מיטן שרעק,—מיר פלעגן זיך איבערהויפט צו אלץ גיך צוגעוואוינען!—מ'האט שוין ניט אזוי שטארק איבערגעטראכט. די חורבות פון די צושטערטע ראנטשאס זיינען פון די רעגנס צופאלן געווארן; עס האבן זיך נאר אנגעזען בערגלאך ערד ווי קברים פון אנ'אלט פארלאזענעם בית עלם.

די פיל היימלאזע הינט, וואס פלעגן זיך ארומשלייען מיט א פירכטערליכן וואויען, וויינענדיק נאך זייערע בעלי בתים, וואס האבן זיי איבערגעלאזט אויף הפקר, האבן זיך מיט דער צייט אפגעזוכט נייע בעלי בתים, און א טייל פון זיי האבן זיך גאר פארנומען אין דער ווייטער פאמפע אריין, און זיך געוויס אנגעשלאסן אן די פיל סטאדעס ווילדע הינט וואס די פאמפא איז מיט זיי פול.

דאס לעבן האט זיך לאנגזאם נארמאליזירט; די עפי־דעמיע פון אנטלויפן האט אויפגעהערט, און די ארבעט האט צוריק געקערט, ד. ה. דאס אקערן אויף ווייץ האט אנגע־הויבן—ווייל די מאאיס, וואס איז יענעם יאר שטארק געראטן געווען, האט זיך אפילו ניט געלוינט ארפצונעמען פון פיען, ווייל ס'איז ניט געווען ווער עס זאל קויפן, זיי האבן פשוט קיין איינציקן פרייז ניט געהאט!—מ'קען פארשטיין, אז די דאמף מיל אין אלגאראבא, וואס ראבינאוויטש האט גע־האלטן אין ארענדע, האט געהייצט דעם מאטאר מיט „ספי־געס מאאיס" אנשטאט האלץ אדער שטיין קוילן, צוואנציק סענטאוואס א זאק קאטשענעס האט ער געצאלט. נאר די גרויסע פאמיליאנטן מיט א סך ארבעטס הענט האבן דעם מאאיס געריסן און אין מיל אריינפארקויפט, אבער די מער־סטע קאלאניסטן האבן גענוצט דעם פראדוקט אויפן פע"ד פאר די בהמות.

און הגם מיר זיינען נאר ווינציק קאלאניסטן געוועז, כמעט א העלפט ווי צוריק מיט א פאר יאר, דאך האבן מיר דעם סכום העקטארן מיט ווייץ ווי פריער פארזייט — מחמת צוויי טעמים: ראשית איז די ארבעט לייכטער געוועז, עס זיינען פיל אויפגעריסענע לענדער „פון די אנטלאפענע" פארטיק צום זייען פארבליבן, אויך ווען מ'האט עטוואס צו דער ארבעט פון דער אדמיניסטראציע געפאדערט, איז דאס גלייך געשאפן געווארן. דער פארבליבענער קאלאניסט איז דאן ביים הער באב ווי א „קאמער קעצעלע" געוועז, א מיוחס און צווייטנס האט מען זיך מישב געוועז, אויב חזיר עסן, זאל כאטש איבער די ליפן רינען...

דאס הייסט אויב איינשטעלן דאס לעבן, זאל מען כאטש צוזאמענשלאגן קאפיטאל. הכלל, דאס לעבן האט ווידער א מאל אריינגדרונגען, ניט קוקנדיק אויף דער פוסטקייט פון די גרופעס, וואו מער ווי צוויי אדער העכסטנס דריי קאלאניסטן זיינען אין א גרופע ניט פארבליבן.

אין מיין גרופע 55 בין איך געבליבן נאר מיטן שוחט קרעל; ווילענסקי, מיין ערשטער שכן, האט זיך געהאט צו- ריק מיט א פאר יאר אויף דעם אינזל פארקליבן, וואו לאפין האט אים איינגערעדט א „חזיר'ניק" צו ווערן „פלאדיען חזירים" און דערפאר האט ער אים נעבען דער געוויסער „לאגונא" באזעצט און אים קאפיטאל אויף דעם געזאלט געבן... דער פלאן איז ניט דורכגעפירט געווארן, און די איבעריקע שכנים מיינע זיינען זיך צולאפן אין דער פליטה עפאכע.

איצט אין דער פוסטקייט האב איך זעער געבעטן באבן, ער זאל אריבערפירן ווילענסקין צו מיר אין גרופע אריין.

— וואס טויג אייך שכנים? האט צו מיר דאמאלסט דער דייטש געזאגט, — בעסער וועל איך פארשרייבן דאס גאנצע לאנד אויף אייך...

— אום גאטעס ווילן, הער באב! וואס נוצט מיר אזוי פיל לאנד? איך האב דאך שוין 250 העקטאר.

— איר האט קינדער, זיי וועלן גרויס ווערן, נעמט נאך הונדערט העקטאר, אט די אנטקעגן אייער שטוב, וועלכע אברהם גערמאן האט אוועקגעווארפן. — (גערמאן האט זיך שפעטער אויף א פרעמדן נאמען אין ריווערא ביי דער יקא' ווידער קאלאניזירט) — מיט זעער פיל מי האב איך קוים גע- פועלט, אז ער זאל מיר מיין פריינד ווילענסקי צוריק אין דער גרופע 55 עסטאבלעסירן, און אונזער פרייד איז געוועזן אין לשער, מיר זיינען שוין אין דרייען... און נאך זיכערע דריי, — ווייל הגם די עפידעמיע פון אנטלויפן האט אויפגע- הערט, פלעגט דאך נאך פאסירן, אז פלוצים, אין א שיינעם פרימארגן זאל מען זען פון דער העלער הויט ארויס, ווי א קאלאניסט פארפאקעוועט זיינע מטלטלין, מאכט די פליטה, וואס איז? זיין ווייב האט זיך נעחלומ'ט, אז א גאאוטשא איז זי איבערגעפאלן...

אזוי פלעגן זיי אויסרינען איינציקווייז... אז ביז צום ערשטן יאנואר 1901 זיינען נאר 131 קאלאניסטן אין מאאוריציא פארבליבן.

דער דירעקטאר הירש איז אין מיטן קאסטשע אין דער קאלאניע געקומען; ס׳איז גראד געווען א רעגן טאג, מען האט ניט געארבעט. איז מען אראפגעפארן צו דער אדמיניסטראציע מקבל פנים זיין הירשן, בעטן האט מען כמעט גאר ניט געהאט וואס. נאר פשוט אידן האבן זיך תמימות׳דיק אויסדערציילט פארן דירעקטאר דאס הארץ.

מאטיע וויינגאסט האט זיך געקלאגט:

—ס׳איז ניטא וואו צו פארקויפן די אייער פון די הינער, און פון מילכיקס ווערן די הינט צוזעצט דאס פרעסנדיק; מיטן פוטער שמירט מען די „קאזשונדעס׳ (רימענס), אויך די כאמוטן פון די פערד.

—ביי אונז אין קאטשעבינטשעק,—א דארף אין גא-ליציע, האט אפילו די סראוועטקע א ווערט געהאט! — זיפצט אפ דער אלטער מאטיע—אבער דא?...

דער דירעקטאר האט הנאה פון זיין נאאיווער ערנסט-קייט און האט אים געטרייסט.

—מיר האבן געשלאסן א קאנטראקט,—דערציילט ער אים—מיט דער גרויסער פירמע „עסקאנדינאוויא׳ וועגן א „קרעמעריע׳ צו שטעלן דא אין דער קאלאניע, אלע נויטיקע מאשינעס, ווי מאטארן „דעסנאטאדאראס׳, זיינען שוין פון דייטשלאנד ארויסגעשיקט געווארן, אין א פאר מאנאט ארום וועט איר שוין אייער מילך אין דער קרעמעריע אריינגעבן, און וועט דערפון באקומען א גוטן פראפיט.

א פאר פון אונזערע איידעלע אידן האבן זיך אויף אונזער „מיעוט״ באקלאגט:

—מיר זיינען זעער ווינציק מענשן—טענה׳ן זיי—אין אזא גרויסן מדבר.

א! דאמאלסט האט זיך דער אלטער פאר א מגיד פאר-שטעלט, ניט ווי א דירעקטאר פון דער יקא׳ צו אירע קא-לאניסטן האט ער זיך געוויזן פאר אונז, נאר ווי א דייטשער פריידיקער אין זיין טעמפל אויף דעם בעלעמער...

—מיר אידן,—זאגט ער—קוקן קיין מאל ניט אויפן רוב, מיר זיינען שטענדיק דער מיעוט, און ביי יעדער גרוי-סער אונטערנעמונג וואו עס פאדערט זיך טאפפערקייט און אפפערוויליקייט פארן כלל, זוכט מען נאר דעם מיעוט...

פון צען טויזנט האט גדעון בן יואש נאר דריי הונ-דערט גענומען... אמת—באטאנט דער אלטער הירש גערירט —איר זייט אינגאנצן 131 קאלאניסטן פון אריבער 15 הונ-דערט עמיגראנטן געבליבן, אבער מיר זיינען שטאלץ מיט אייך, מער פון 10 נסיונות זייט איר שוין אויסגעשטאנען; איר האט בלוט פארגאסן פאר דער קאלאניזאציאן, אייע-

נאמען איז שוין פאראייביקט, איר זייט די טאפּפערע פּיא-
נערן פונם באראנס גרויסער אידעע, מיר וועלן דאס אייך
אייביק געדיינקען...

—ווי ווייט די יקא׳ געדיינקט עס אונז און מיט וואס
פאר א ערע זיי פאראייביקן אונזער נאמען, וועט איר זען
אין די ווייטערדיקע קאפּיטלען.

—ס׳איז טאקע אומגעזאמט עסטאבלעסירט געווארן די
קרעם פאבריק, און דער מאטעריעלער מצב האט זיך גע-
בעסערט פון טאג צו טאג.

58-טער קאפיטל.

# מען גנב'עט, מען באשווינדלט אונז, קרעמער גיסן וואסער אין די מילך.

א גרויסע און וויכטיקע אידעע איז די „קרעם פאב-ריק" געוועזן, וואלט זי ניט געווען איינגעשטאנען אונטער דער פוילער הערשאפט פון דער אדמיניסטראציע, און וואלטן די דירעקטארן מער פראקטישע מענשן געווען, וואלט די פאבריק נאך איצט אויך עקזיסטירט, און וואלט א אמת'ע ברכה פאר די קאלאניסטן געווען, און מאאוריציא וואלט פון יעדן קריזיס זיך קענען אויסלאכן; ליידער איז אבער אונזער מזל שטענדיק א באשרענקטער, און אין יעדער גוטער זאך האט די אדמיניסטראציע איר יד געשטופט... און האט די ברכה אין א קללה פארוואנדלט. אויף גיך איז די גרויסע קרעמעריע, די וויכטיקע עקאנאמישע אינסטיטו-ציע צו גרונד געגאנגען און האט נאך פיל שווערע טויזנטער מיט זיך אין אפגרונד געשלעפט.

אויף א בערגל נעבן דער גרופע 45, ניט ווייט פון דעם טייכל, וואס צאמט אפ הירש גיטעלמאנס לאנד, האט די אדמיניסטראציע אויסגעבויט די גרויסע פאבריק, מיט נאך פיר גרויסע בנינים, וואוינונגען פאר די אינספעקטארן, מא-שיניסטן און באאמטע פון דער געזעלשאפט „עסקאנדינאוויע", וואס האבן דירעגירט די „קרעמעריע".

זעקס גרויסע אדמיניסטראציאנס וועגענער מיט בלע-כענע קאנעס זיינען ארומגעפארן איבער דער קאלאניע און ביי יעדן ראנטשא אפגעווארפן די ליידיקע קאנעס און געלאדן די פולע בלעכן מיט דאס פרישע אנגעמאלקענער מילך און אוועקגעפירט אין פאבריק אריין.

אהרן סווערדליק, דער מילך פירער, פלעגט באגינען אויפוועקן אין די גרופעס מיט זיין הייזעריק קול:

—עורו נא, עורו נא! שטייט אויף אידן לעבודת הבהמות!

יעדער קאלאניסט האט זין נומער מיט זיין נאמען געהאט אויסגעקריצט אויף די בלעכענע קאנען, און אזוי ארום האט מען געוואוסט וויפל יעדער האט צוגעשטעלט מילך, און וואס פאר א גראד פעטס די מילך זיינע אנטהאלט.

אינם דורכזיכטיקן שיינעם פרימארגן-נעבל, ווען עס הויבט נאר וואס אן זשארען אויף טאג, האט איר באלד געקענט זען אין קאראל פון די בהמות די צורה פון וועלוול חניאק, אנגעטאן אין דער חסידישער יארמולקע, ווייסע פאר-קאשערטע ארבל, שעפטשעט מיט די ליפן די „ברכות התורה׳: אלהי נשמה שנתת בי, און מיט די הענט בינדט ער זיך צו א פלאקן צום הינטן, זעצט זיך אויף דעם ארויף ווי אויף א ווינער ביינקל אונטער דער פיקאסע קו, נעמט די דיקעס אין די הענט, מעלקט און זינגט זיך: „שני שדיך כשני עפרים תאמי צביה׳...

—מיך רופסטו, וועלוול? פרעגט אים זיין צביה א דיקע אידענע, א בייזליכע וואס מעלקט א צווייטע קו די „קאשטאניע׳.

—ניין צביה, איך זינג מיר א פסוק פון שיר השירים.

—א פינסטער א וויסטער הלום אויף דיין שיר השירים, זע נאר, די מילך גיסט זיך דאך ביי דיר אויף דער ערד?

אזוי אז אין מיטן טאג האט זיך שוין געהערט, ווי עס רעשט זיך אין די גרופעס; אלע קאראלען זיינען מיט די מילך קי און מיט זייערע מעלקער פארנומען געווען, פון א מיידעלע צוועלף יאר אלט ביז צו א אידן מיט א ברייטער גרויליכער בארד האט איר זיי אלע געקענט טרעפן ביז אין די קני אין די בלאטיקע קאראלן זיצן פארגרויזניעט אונ-טער די קי, ציען די דיקעס און די פארע פון די דאיניצעס וואשט זיי דאס פנים, וואס איז אויסגעשמירט אויסגעפאט-שקעט... און מ׳זינגט און מ׳זאגט פרייליכע גלייכווערטלאך...

די קאלאניסטקעס, זיי זיינען, זעלבסטפארשטענדלאך, די הויפט ארבעטערינס דערביי געווען, פון 15 ביז 20 קי פלעגט יעדע אליין אויסמעלקן; און טאקע פון דאמאלסט אן האבן פיל פין די ערשטע קאלאניסטקעס אפגעשפארט דעם רעומאטיזם, פון וועלכן זיי ליידן נאך איצט שרעקלאך.

די ארבעט איז פריילאך און לוסטיק צוגעגאנגען ביז צום חשבון, שפעטער האט מען זיך ארומגעזען, אז דער רעכענונג ווידערשפרעכט די ערווארטעטע האפנונגס-גליקן.

די „ק א מ פ א נ י ע׳ האט בארעכנט דאס מילך לויט דעם קוואנטיטעט פוטער, וואס עס האט אנטהאלטן; דאס האט ערשט באשטימט די פוטערפאבריק פון בוענאס איירעס, וועלכע פלעגט באשטימען דעם פרייז לויט דעם מקח פון דעם פראדוקט אויף דער אייראפייאישער האנדלס בירזשע; אזוי אז דא איז ענדלאך געצאלט געווארן א זעער קלעגליכער פרייז, דהיינו: פון איין מיט א פערטל ביז אנדער-האלבן סענט דער ליטר; ווייל ווי צו להכעים, איז אונזער מילך שטענדיק ארויס זעער א מאגערע... דערצו האט נאך די אדמיניסטראציע אראפגערעכנט א געוויסן פראצענט פארן טראנספארט מיט אירע וועגענער און קאנען, און דאס האט געבראכט דערצו, אז די קאלאניסטן האבן אנגע-הויבן שרייען:

—מען גנב'עט! מען באשווינדלט אונז! איינינע געווע־זענע שענקארעס פון די דערפער, וואס געדענקען דעם סוד פון „נסך המים" האבן געפרובט אביסל וואסער אין זייער מילך־קאנען אונטערצוגיסן...

האט אבער דארט דער ענגלישער גראדוסניק געמסרט... 80 סענט די הונדערט ליטר מילך האבן זיי נעבאך ארויס־באקומען, אזוי אז זיי האבן שוין פארזאגט א צענטן מער ניט צומאכן דעם שווינדל... די פאבריק האט אונז שטארק עקספלואטירט; און ניט אונז אליין האט זי באשווינדלט, נאר די דירעקציע האט זי אויך ניט געשוינט; זי האט פון איר פארלאנגט אויספאלגן דעם קאנטראקט מיט אלע זיינע פונקטן.

זעער אן אומפראקטישן קאנטראקט האבן די אדונים אונזערע מיט דער קאמפאניע געשלאסן... למשל: זיי האבן זיך מתחייב געווען צו געבן א געוויסן סכום מילך יעדן טאג אין פאבריק אריין, און אז די קאלאניע האט ניט געקענט אזוי פיל מילך צושטעלן,—מיר האבן פשוט אזוי פיל מילך־קי ניט געהאט, — האט זי דעם דיפערענץ געפאדערט... די דירעקציע האט געמוזט שיקן דעם אדמיניסטראטאר קויפן עטלאכע הונדערט פרישע מילך־קי און זיי צוטיילן צווישן אונז, בכדי צו דערזעצן דעם סכום מילך, לויט ווי דער קאנטראקט האט באשטימט.

דער הער באב איז אוועק אין די גרויסע „טאמבאס" אדער ווירטהייזער נעבן בוענאס איירעס איינצוקויפן די געווינשטע „רעטשעראס".

נו, אז מ'האט אזא לאנגן דייטש... און נאך דערצו א באאמטן פון באראנ'ס מיליאנען דערטאפט, האט מען אים שוין געוויינטלאך די בעסטע מילך־קי פין די „טאמבאס" ארויסגעגעבן... וואו א זקנה, א פגירה וועלכע קען שוין ניט פראדוצירן, וואו א קראנקע א מימקע אויפן אייטער האט מען אים פארקויפט און גאר אויף א נישקשה'דיקן פרייז...

ער האט די מציאות געבראכט און זיי צווישן די קא־לאניסטן פארטיילט צו פיר, פינף און זעקס קי א קאלא־ניסט. אונזערע חשבונות, דאס הייסט די שולדן ביי דער יקא' זיינען טאקע מיט די קי אויף א היפשן סכום פארגרע־סערט געווארן, אבער דער סכום מילך איז כמעט דערזעל־בער געבליבן, ווייל די נייע געקויפטע קי האבן ניט מאריך ימים געווען... און די עקספלואטאציע פון דער סקאנדינא־ווישער געזעלשאפט איז אזוי ווי פריער אנגעגאנגען...

אבער פארלויפיק האבן איינינע קאלאניסטן דאך צו 80 און צו 100 פעז א מאנאט פאר זייער מילך ארויסבא־קומען, מען האט זיך געפלייסט אין דער ארבעט, צו 20 און 30 קי און אויך מער האט מען געמאלקן.

פארן פארדינסט פון דאס מילך און פון דער קאסעטשע פון יענעם יאר, וואס איז זעער א געראטענע געווען, האט מען זיך נאך איינינע קי צוגעקויפט, אז אין א קורצער צייט ארום האט מען שוין געקענט אין איינינע גרופּעס טרעפן גאנץ היפשע „קאראלן״ מיט פי.

דאס הארץ פון א יעדן מענשן האט זיך געפרייט אנצוקוקן ווי מאאוריציא וואקסט, פראגרעסירט און ווערט רייכער פון טאג צו טאג.

59-טער קאפיטל

# ק ר ו ב י ם!

די דירעקטארן האבן געזען, אז עס איז ליכטיק גע-ווארן אין קאלאניע, אונזער זון האט אויפגעשיינט און גע-לויכטן, אז דאס פריערדיקע גרויזאמקייט האט אפגעטרעטן דעם וועג און געמאכט פלאץ פאר דעם גליקליכן פעריאד פון מאאוריציא, וואס האט זיך געצויגן אומגעפער 8 אדער 10 יאר.

די אדונים האבן געזען ווי אלע קאלאניסטן האבן זייער יערליכע ראטע יענעם יאר אין אדמיניסטראציע איינגעצאלט, און פיל פון זיי האבן נאך מזומן געלט אין דער קאסע פון אדמיניסטראציע געלאזט ליגן, ביז זיי וועלן זיך בהמות פאר דאס געלט קויפן, אייניגע האבן צו ביסלאך געלט זייערע קרובים אין אייראפע געשיקט.

דאן האבן זיי אנגעהויבן צו צוריידן די קאלאניסטן, אז זיי זאלן נאך זייערע פריינד שיקן.

—זאלן זיי קומען! מיר וועלן נאך לאנד דא נעבען מאאוריציא קויפן, און זיי, אייערע פארוואנדטע פאר קאלאניסטן אין דער נאענט פון אייך עסטאבלעסירן, וועט איר ניט זיין אזוי עלנד!

אזוי האבן אונז די אדונים געראטן.

אייניגע קאלאניסטן האבן געפאלגט, האבן נאך גאר גוזמות מיט בארימעריי צוגעלייגט...

יוסל מלמד דער „געלער" האט אויף זיין „זאגונא" גע-שריבן, אז אן אייגענער „לימאן", ווי דער אין אדעס, געפינט זיך ביי אים אין פעלד, און האט נאך זיינע קרובים גע-שריבן.

אבער ווייל די פריערדיקע בריוו אונזערע זיינען זייער קלעגלאכע געווען, האבן די איצטיקע גוטע קארעספאנדענ-ציעס קיין ערפאלג ניט געהאט, פון רוס/אנד האט זיך כמעט קיין איינציקער ניט גערירט,—מען האט אונז דארטן פשוט ניט געגלויבט... —נאר פון רומעניע און גאליציע זיינען עטלאכע כאלאסטיאקעס אנגעקומען א קוק טאן הייסט דאס, וואס עס טוט זיך דא אין ארגענטינע.

60-טער קאפיטל.

# דער פעטער.

מיינער א שוואגער, שמואל וואלפבערג פון גאליציע, ווען ער האט א שיפסקארטע מיט א הונדערטער געלט פון מיר דערהאלטן, האט ער זיך מישב געווען, איבערגעלאזט אין אונגארן די פרוי זיינע מיט די קינדער ביי אירע עלטערן, און זיך אליין מפקיר געווען—און איז געקומען קיין מאאוריציא אויף „קדוש השם״.

דער ערשטער נייער מענש וואס איז צוגעקומען, אין קאלאניע איז ער געווען.

באלד זיינען נאך פיל עמיגראנטן אנגעקומען, די קינדער מיינע האבן זיך שטארק געפרייט:

—א פעטער איז געקומען! סטייטש א פעטער, שוין ניט אזוי עלנט!

כמעט די גאנצע קאלאניע איז געקומען מקבל פנים זיין דעם פעטער!

מיט דעם נאמען „פעטער״ איז ער פארבליבן אין מאאוריציא, זיין ריכטיקן נאמען ווייסן טאקע ניט פיל קאלאניסטן.

דאס גליק האט אים צוגעשפילט, באלד נאך זיין אנקומען האבן געמאכט די דירעקטארן די ערשטע „קאמפרא״ פון לאנד, דאס איז געווען א קליינע טשאקרעביים גרעניץ פון מאאוריציא, פון 105 העקטאר, מיט א גרויסן מויער און א גרויסן וואלד מיט פיל פרוכט-בוימער פאר לערך פון איבער פיר טויזנט פעז האבן זיי דאס אלץ ביי א באנקראטירטן כוחר לאזארא פערנאנדעז אפגעקויפט. דער דירעקטאר הירש אליין איז געקומען זען די ערשטע גליקלעכע „קניה״...

איך האב באלד מיט אים פארהאנדלט, און די טשאקרע צוגענומען פאר מיין שוואגער „דעם פעטער״ וואו ער איז פארבליבן קאלאניסט ביז איצט.

61-טער קאפיטל.

# לאנד קויפן.

די דירעקטארן האבן באקומען חשק צו קויפען לאנד, כדי פארצוזעצן די קא/אניזאציאן. ס'האבן זיך באוויזן קאמיסיאניסטן און אנגעהויבן מעקלערן לאנד...

עס האט זיך פרעזענטירט איינער און פארגעשלאגן צו-קויפן די סטאנציע „לא פאלאמא" פיר לעגוואס קאמפ, 10 טויזענט העקטאר ביים גרעניץ פון קאלאניע. 50 טויזנט פעז „א לעגווא" לאנד האט דער גוט-באזיצער דר' שמידט דאמאלסט פארלאנגט.

זיי האבן באבן געשריבן ער זאל נאכזען דאס לאנד און די בנינים וואס געפינען זיך דארטן. איידער דער דייטש האט געמאכט די אונטערזוכונג און זיין ראפארט אפגע-שיקט צו די הערשאפטן... האט מען שוין פארלאנגט הונ-דערט טויזנט פעז פאר א לעגווא...

די מלמדים אין קאזשאא 216 האבן זיך צובייזערט:

—אזא רציחה, 40 פעז איין העקטאר לאנד! ווי גיט מען אזוי פיל געלט?

—היינט צאלט מען פאר יענעם לאנד 500 פעז א העקטאר. א היבשע שטאט איז דארט אויפגעבויט מיטן נאמען „שמידט". מען האט געוויינטלאך די רציחה... ניט געמאכט און די צען טויזנט העקטאר ניט געקויפט... מציאות האבן זיי געזוכט!

נאך דעם קויף פון 105 העקטאר פארן „פעטער" האבן זיי באלד נאך א קליינע „קאמפרא" פון 500 העקטאר גע-מאכט, אויך ביים דראט פון דער קאלאניע, דאס איז די „מימאסא" מיט זעער א גרויסן יונגן שיינעם וואלד, און פאר גאר א שיבוש דאס אפגעקויפט... אן ערך פון 28 פעז א העקטאר דאכט זיך.

דער לוסט פון לאנד קויפן און טרייבן די קאלאניזא-ציאן האט זיך ביי זיי צובראכן...

62-טער קאפיטל.

# די יק"א קויפט לאנד אין דער פאמפא.

די גרויסע שווינדלער וואס קענען פארקויפען לאנד אפילו אויף דער לבנה האבן זיך דערוואוסט, אז די מלמדים וואס פארטרעטן די מיליאנען פון פאריז ווילן קויפן לאנד... האבן זיי גלייך שיינע אילוסטרירטע לאנד-קארטעס פון דער ווילדער פאמפא פאר די אדונים פארגעלייגט, מיט די בעסטע הבטחות, אז די לאנד אין דער פאמפא איז אויסגעצייכענט פאר אגריקולטור נאך פיל בעסער ווי די ערד פון מאאוריציא.

מען האט געשיקט דעם ארענטליכן דייטש הער באב מיטן אינזשעניער הער גייער „אויסצוזען" דאס לאנד.

א פאר פון די העכערע באאמטע זיינען אויך אין דער עקספעדיציע מיטגעפארן, כדי בייצוזיין ביים אונטערזוכן די זאמדיקע פאמפא.

א פאר מאנאט צייט האט דער שטודיום פון דער פאמפא געדויערט, מ'האט אונטערזוכט דעם באדן, געפרובט דאס וואסער, אויסגעפרעגט די דארטיקע איינוואוינער און באזוכט די וועלדער פון טאַאיי, געקומען איז צוריק יעדערער מיט זיינע עקספערימענטן און באאבאכטונגען, און האט א באזונדערן באריכט געשריבן צו די הערן דירעקטארן איבער זיין מבינות אויף די לענדער פון דער פאמפא.

די גאנצע עקספעדיציע האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פונם היטר'ן יונגן אינזשעניער הער גייער, וואס האט געשילדערט אין זיין באריכט א גלענצענדע צוקונפט פאר דער פאמפא און האט געראטן, מען זאל קויפן די 40 לעגוואס לאנד פון די געברידער ב ע ר נ א ס ק א נ י.

דער הער באב, אט דער אומשולדיקער דייטשער יונקער, האט געברומט ווי א לייב אז די פאמפא-לענדער פון בערנאסקאני און דער גאנצער אומגעגנט דארט זיינען אן-אומגליק פאר דער קאלאניזאציע...

—די וואסער איז דארט אומגעהויער טיף ביז 80 מעטער און אויף אייניקע פלעצער ביז 120, עס געפינען זיך דארטן גרויסע „מעדאנאס" — זאמד בערגלאך — וואס די שטענדיקע ווינטן טראגן זיי אריבער פון איין פלאץ אויפן צווייטן...

פארזייטע פעלדער מיט ברויט ווערן אפט איבער איין נאכט פארשאטן מיטן זאמד פון די „מעדאנאס" אזוי, אז עס איז ניט ניכר צו ס'איז דארט ווען ניט איז געווען א קולטיווירטע לאנד.

אנ׳אמת טרייען באריכט האט דעד הער באב דאמאלסט די אדונים צוגעשטעלט און האט זיי געראטן, אז מען זאל אין דער פאמפא קיין לאנד ניט קויפן.

— די אידן וועלן אין דער וויסטע דארטן פון דארשט אויסשטארבן; מיר האבן ניט דעם צווייטן משה כדי ער זאל דעם שטיין שפאלטן און וואסער זיין געמיינדע געבן!

— האט ער זיך שארף אין זיין ראפארט אויסגעדריקט.

ס׳איז אנטשטאנען א מלחמה צווישן די צוויי הויפט עקספעדיטארן ,גייער און באב׳. דער גאנצער כשר׳ער (?) פערסאנאל פון דער דירעקציע האט אבער געהאלטן מיטן אינזשעניער הער גייער. מען האט אפגעשפאט און חוזק געמאכט פון דעם נאאיוון באב:

—אויף ,בערלינער שינקען און לעמבערגער קעז׳ איז דער הער באב א גוטער מבין! — האבן זיי דאמאלסט גע-שפאסט — אבער ניט אויף קיין לאנד...

אונזערע צוויי מלמדים אויף די אויסגעבעטע דירעק-טאר-שטולן האבן די באריכטן פון די צוויי קעגנער אויפ-מערקזאם געליינעט און דער שווארצער אידישער שטערן האט צוגעהאלפן, אז די הערן האבן באשטימט יא צו קויפן דאס זאמד אין דער פאמפא, דורכגעפאלן איז דער הער באב... שלויהייט, שוחד און אינטריגע האבן געזיגט, און די סטאנציע בערנאסקאני פון די צוויי ברידער מיט דעם זעלבן נאמען איז צו זייער מזל און צום אומגליק פון אונזערע הונדערטער ברידער יא געקויפט געווארן.

סאיז ארומגעגאנגען א שפריכווארט אז: אין דעם אויגענבליק וואס די געברידער בערנאסקאני האבן פונם אינזשעניער גייער דערהאלטן די טעלעגראמע אז די יק׳א האט דעם קויף אנגענומען... איז דער עלטערער פון די ברי-דער אויפן ארט משוגע געווארן פון פרייד און אין א משו-געים אנשטאלט האט מען אים אוועקגעפירט.

דער חיטר׳ער אינזשעניער גייער איז אבער דאן ניט משוגע געווען... ער האט אפגענומען זיין האלבן מיליאן פעז ביי די פארקויפער... אפגעטיילט פון זיין קאמיסיאנס ריוחים אביסל פארן ארענטליכן פערסאנאל פון דער יק׳א, זיינע געטרייע העלפער... און איז זיך טאקע גלייך צוריק אפגע-פארן אין זיין פאטערלאנד...

באב האט פאר פארדרוס רעזיגנירט פון זיין אמט. א פשוטער קאלאניסט איז ער געווארן און זיין שטעלע אלס אדמיניסטראטאר האט פארנומען זיין קאסירער, סעניאר סידי, א ספרד׳יש אינגל מיט אן אלטן דיפלאמאטישן קאפ אויף זיך...

63-טער קאפיטל.

## אומגליקליכע ערד.

אומגעזאמט האבן די באאמטע צוזאמען מיט די קא־מיסיאניסטן ארויסבאוויזן זייער גאנצן איינפלוס אויף אונזערע נאאיווע דירעקטארן און האבן דורכגעפירט דעם קויף פון די טויזנטער העקטארן ערד אין דעם וויסט־אומגליק־לעכער געגנט פון סאנטיאגא און אויף דער גרעניץ פון דער טשאקא; אויך פיל לענדער אין די אורוועלדער פון בראזיל, וואו אונזערע ברידער ווערן געמאטערט און געפייניקט, געהונגערט און דעמאראליזירט... זיי אנטלויפן און עס קומען אנדערע נייע... און די ממשלה פירט זיך; און טרערן גיסן זיך... און איין גאט אין הימל וויים ביז וואנען... און נאך וואס ?... ווען איגנאסיע שטרוך האט פארגעלייגט א קאמפ דא ניט ווייט פון אונז, די סטאנציע „קאראנעל לא טארעס" אין דער פראווינץ בוענאס איירעס, האט דער יק"א פערסאנאל ניט דערלאזט צו דעם קויף.

צווישן די זאלץ־אויסגוסן פון „סאנטיאגא דעל עסטערא" אהין האבן זיי אונזערע ברידער פארפירט, דארטן איז די „ממשלת הזדון", אט א די פינסטערע מאכט, פיל זיכערער ווי דא אין דער ליכטיקייט...ביים קויף פון יענע לענדער האט מען געמאכט א טאלער...

א קאלאניע „דארא" האט מען געגרינדעט... און וויפיל נויט און אומגליק עקזיסטירט דארט ? איך וועל שפעטער ריידן דערפון.

— וואגאבונדען, האט זיי דער טייפעל ! האט דער ארענטליכער באב, געזאגט בייז — מ'וועט שפעטער זען, ווער עס האט רעכט, איך אדער זיי ! — אבער ווער האט דעם דייטש אין אכט גענומען ?

די גרויסע אדונים וואס האבן שטענדיק זעער ליב גע־האט די רו און פרידן... האבן זייער פערסאנאל־וואס איז אפטימיסטיש געשטימט— געקוקט מיט גלויבן אין מזל אריין... און די באריכטן קיין פאריז זיינען גאנץ פריילאכע און גלענצענדע אפגעגאנגען...

פאריז האט שוין געפאדערט ריווחים פון דער קאלאני־זאציע, האט געלאזט אונטערזוכן אנדערע קאנטראקטן.

64-טער קאפיטל.

# נייע קאנטראקטן.

דאס יאר 1900 איז אין אמתן זעער א גוטער און א געראטענער געווען: די קאסעטשע האט געטראגן דורכשניטליך אריבער 11⅓ פאנעגאס פון העקטאר.

מען האט זיך אנגעגעסן צוזאט, אביסל באקליידעט, און פארן רעשט געלט האט מען גענומען זיך איינארדנען באפעסטיקן די פאזיציע.

אייניגע האבן אנגעהויבן אלאמבירן — ארום צוימען — די נאקעטע פעלדער זייערע; מען האט צוגעבויט גאלפאנעס און שטאלן און איבערהויפט האט מען גענומען קולטיווירן די גרויסע פוסטע שטיקער אומבארירטע לאנד, דאס „צעלענא״ מער ווי צען טויזנט העקטאר לאנד אונטער תבואות און אלפאלפא האבן מיר פארזייט אויפן נאענטן יאר אין מאאוריציא.

ס'איז אנגעקומען דער חודש אקטאבער פון דעם גליקלאכן יאר 1901, צוויי מאנאטן פאר קאסעטשע, די תבואות זענען געוואקסן פראכטפול שיין, די פנים'ער פון די קאלאניסטן מיט די קאלאניסטקעס האבן געשטראלט פון פרייד. דאמאלסט אבער האט זיך דער אדמיניסטראציע פלוצים פארגלוסט אריינצושיקן אין קאלאניע א נייעם אוקאז א פינסטערן.

די גזרה האט געהייסן „נייע קאנטראקטן״ אדער בעסער געזאגט דער „קאנטראקטן טויש״.

מען האט געפאדערט ביי אונז צוריק די אלטע „פראמעסעס דע ווענטא״ כדי צו געבן אונז נייע אויף שפאגל נייע צוואנציק יאר, מאטיווירנדיק אז די קאנטאבילידאד פון די ביכער ביי דער יק״א פאדערט דאס; די גאנצע בוכפירונג פון אונזערע פארגרעסערטע חשבונות זיינען זעער פארוויקלט מיט די צוגעקומענע שולדן פון די צוגעגעבענע לענדער, רעמאנענטען, מילך און אויך די סובסידיע.

די אלע רעכענונגען מוזן צוגערעכנט ווערן מיט זייערע צינזן צום נייעם קאנטראקט אויף נאך נייע 20 יאר, וואס וועלן זיך ענדיקן ערשט דעם 31 מערץ פון יאר 1921.

אזוי ווי א בראנד, ווי א פייער האט זיך צופלאקערט אין דער קאלאניע.

— זיי וועלן אונז האלטן אונטער זייערע נעגל נאך 20 יאר, גאנצע 30 יאר זאלן מיר זיין פארשקלאפט ביי די באנדיטן, די אדמיניסטראדארן און נוגשים, האבן די עלטערע,

און אויך מיטעלע מענשן מיט גאל געדעדט, ווער וועט דאס אויסלעבן אזוי פיל יארן כדי צו זען זיך פריי פון זייערע הענט ?

— ציגזן ! צורעכענען דעם פראצענט צום קאפיטאל, וואס דער קאפיטאל אליין איז דאך שוין איין מאל צינזירירט געווארן אויף 20 יאר מיט א 5 יערלעכן פראצענט... און איצט נאך אמאל אויף נייע 20 יאר ? פראצענט און פרא-צענט פון פראצענט צום דריטן מאל !— האבן די אידן וואס קענען חשבון׳ען געשריבן... — מיר וועלן ניט בייטן די קאנטראקטן, מיר וועלן ניט צאלן דעם „נשך ותרבות׳, מיר ווילן בעסער וואס גיכער זיין פון אייך פריי !

עס האט זיך אזוי צוברענט, עס האט געטומעלט, גע-בושעוועט, גע׳אסיפה׳ט, מען האט געליארעמט, געשריען.

עס האט אונז אבער זעער ווייניק געהאלפן אונזער פראטעסטירן...

די אדמיניסטראציע איז שוין דאמאלסט געווען פון אויבן... די לאנד איז ערקלערט געווארן אלס אגריקולטור נוצלעכע.

אייראפע האט שוין געוואוסט, אז ס׳איז דא ברויט און פרייהייט אין ארגענטינע...

אימיגראנטן האבן זיך שוין אנגעהויבן מעלדן און בעטן לאנד...

נו ! האט די אדמיניסטראציע ארויפגעלייגט איר „יד החזקה׳ אויף אונז.

— איר שרייבט אונטער, שנארער ? איר גיט אפ דעם אלטן קאנטראקט ? — אויב ניט נעמען מיר אפ ביי אייך דעם רעמאנענט, צוגעגעבענע לאנד, און מיר שרייבן אפ —עמבארגירן!— אייער אייגן ביסל פי וואס איר פארמאגט פאר דער סובסידיע, פאר דעם געלט וואס איז ניט אריינ-גערעכנט אינם פריערדיקן קאנטראקט, און באסטא !

די פשוטע קאלאניסטן, די אנאלפאבעטן וואס קענען ניט חשבונ׳ן און האבן אפשר מער אמונה געהאט אין דער פילאנטראפיע האבן זיך גלייך דערשראקן און אפגעגעבן די פראמעסא דע ווענטאס, — די אזוי גערופענע פארקויף פאר-שפרעכונגס-קאנטראקטן — און די אויפגעקלערטע, די גע-בילדעטערע האבן צוגעקלעמט מיט די ציין, פארמאכט די אויגן און גע׳התמ׳עט די נייע קאנטראקטן...

פארבאהאלטן האבן זיי די טיפע שנאה צו די אדונים פראצענטניקעס אין הארצן און נאך א פריילאך פנים פאר זיי געוויזן... א ברירה האבן מיר געהאט ?...

עס איז ווערט צו דערמאנען ;

איינער אנ׳אלטער קאלאניסט אהרן לערנער א תמימות-דיקער איד, מיט זייער א כשרה נשמה, וואס האט געגלויבט אין דירעקטאר הירש, ווי אין „טשארטקאווער רבי׳ן, ער האט דאן געפרעגט הירש׳ן : — וואו איז דער חשבון מיטן פראצענט ? איר חשבונט דאך אן אזוי פיל, אז מיר וועלן

קיינמאל פון אייך ניט ארויס ? געשמייכלט האט דער אל-
טער הירש : — סאיז צינזן ! איר ווייסט ניט... מען דארף
זיין א מאטעמאטיקער, מען דארף קענען רעכענען כדי צו
פארשטיין — זאגט ער — איר צאלט אונז צינזן, און מיר
צאלן אייך צוריק... צום ענדע טערמין פונם קאנטראקט
וועט איר ערשט וויסן... גלויבט דער געזעלשאפט ! דער
נאאיוועלר עולם האט קאמענטארן, שיינע פירושים אין די
רייד געלערנט... זיי האבן געדרונגען, אז צום ענדע 30 יאר
וועט גאר דעם אפצאלער אומגעקערט ווערן, דער גרויסער
איינגעצאלטער פראצענט מיט די צינזן פון די אלע דרייסיק
יאר, וואס דער פראצענט האט ארייגעטראגן אין דער קאסע
פון דער יק״א... דאס איז א מין שפאר קאסע, א רייכטום,
אפגעלייגט אויף די עלטערע יארן... אזוי האבן זיך די תמי-
מים געקוויקט... וואס דען, דער צדיק דער בארן איז א
פראצענטניק חלילה ? ?

אך, ווי גענארט האט אונז דער פרומער הירש ! —
און אפשר איז ער אליין גענארט געווען...

אויף די שעה׳ן ווערט אונז איצט דער פראצענט גע-
רעכנט... ווי איר וועט זען אין די ווייטערדיקע קאפיטלען.

צוויי עקשנים פון אונז האבן דאן ניט אונטערגעשריבן
די נייע קאנטראקטן, באין אופן האבן זיי ניט געוואלט
טוישן די אלטע „פראמעסא דע ווענטאס״.

די צוויי זיינען די אלמנה שאראשאנסקי, וואס איר
מאן יענקעל שאראשאנסקי, איז פורים פון 1900 יאר גע-
שטאכן געווארן אויף זיין טשאקרע פון א גאאוטשאס האנט;
זי האט באין אופן ניט געוואלט אפגעבן דעם אלטן קאנ־
טראקט מיט איר מאנס חתימה... דער צווייטער עקשן איז
געווען איינער וואלף שרייבער.

אבער זיי ביידע האבן טייער, זעער טייער פאר דער
עקשנות באצאלט ; א שרעקלאכע נקמה האט די ביוראקרא-
טיע גענומען פון זיי...

איך וועל שפעטער צוריקקערן צו זיי...

דער רעש מיט די נייע קאנטראקטן איז אויך אריבער
געלאפן איבער דעם יונגן פעלד לעבן, האט ווייטער אנגענו-
מען זיין נארמאלן גאנג...

65-טער קאפיטל.

## קאסעטשע פון 1901-2

אלע צרות אין „דיסגוסטאס׳ — ווי דער היזיקער זאגט — זיינען פארשוואונדן געווארן, אלע אומאנגענעם-ליכקייטן פון די באאמטע מיט זייערע נייע גזרות זיינען אפ-געווישט געווארן, ווען סאיז געקומען דער חודש דעצעמבער פון 1901, און יאנואר פון 1902, די צייט פון אונזער מזל-דיקער קאסעטשע...

איך זאג „מז׳לדיקער קאסעטשע׳ ווייל מיר דאכט אז אזא גליקלאך געראטן יאר ווי יענער האבן מיר טאקע מער ניט זוכה געווען צו זען אין דעם גאנצן דריטל יאר-הונדערט פון אונזער היגער עקזיסטענץ...

שמואל טעסלער האט 25 פאנעגאס ווייץ „סיעטע ספיגעס׳ פונם העקטאר ארויסבאקומען; דאס גאנצע אכטל האט צו 18 קינטאל פון יעדער העקטאר געהאט. דורכ-שניטליך האט די קאלאניע צו 15¼ פאנעגאס פער העקטאר פראדוצירט...

מאאוריצער פעלדער האבן א שם באקומען אין דער גאנצער רעפובליק פאר א זעער פרוכטבארן באדן.

און מיר די „רוסן׳, פאר די בעסטע אקערבויער.

אונזערע פארוואגלטע עמיגראנטן די קצבה׳ניקעס האבן אנגעהויבן ארייגצעוואקסען אין די פעדערן, און אייני-קע זיינען טאקע פשוט רייך געווארן.

איך אליין האב מיר יענעם יאר אין מאנאט מערץ פון 1902 הונדערט העקטאר מיט אלפאלפא פארזייט און שפע-טער מיט דריי חדשים האב איך ביי די „בעלי טאקסעס׳ סאלאבאן לוצקי און שבח לערנער 103 קי געקויפט, צו 21,50 פעז א יעדע קו, און אלס צוגאב די 70 קעלבער זייערע.

די קאלאניסטן האבן געשטרעבט צו קויפן וואס מער קי אויף מילך און גלאט אזוי טעלעצעס אויף פלאד און די פעלדער מיט לוצערן צו פארזייען...

מען האט די גאנצע הארעוואניע אין פעלד אריינגע-לייגט; דער הייסעסטער וואונש איז געווען, מען זאל זען דאס נאקעטע פעלד, וואס די פילאנטראפיע האָט אונז פאר-קויפט, ארומגעצוימט מיט פאסטנס און דראט, „אלאמברירן׳ ברונעמער גרויסע אדער „מאנגאס׳ אויסגראבן און וואס מער מיט פיצוכט זיך אפצוגעבן.

אנדערע האבן זיך צו דער אגריקולטור מער געווידמעט ווי צו פיצוכט.

זיי האבן גרויסע פאסיעון, גאר גרויסע פון ווייץ, קארן, אויך צוביסלאך ליאן און פיל מאאיס פארזייט.

דאס צווייטע יאר ד. ה. דאס יאר 1902-3, איז אויך אנ׳אויסגעצייכענטע קאסעטשע געקומען.

דעם אנולידאד אין דער אדמיניסטראציע האט יעדער איינער באצאלט. לייען און בארגן האט מען ניט באדארפט, מען האט דעם רעמאנענט פארגרעסערט, צוגעקויפט אגראר מאשינעס און זיך געוואונשן, אז די קינדער און אויך די קינדס קינדער זאלן פון קיין אנדערע פרנסה ניט וויסן נאר פון דער ערלאכער און ליבער עבודת האדמה.

66-טער קאפיטל.

# סאנטא טאמאס!

אין אנהויב חודש פעברואר 1903 איז פלוצים געקומען אומגעריכט אין קאלאניע דירעקטאר הירש.

און אזוי ווי דער מנהג פון שטענדיק אן איז געווען, זיינען געוויינטליך א 10 קאלאניסטן ביי דער טיר געשטאנען...

דאמאלסט האט יעדערער פון אונז א ביטע געהאט, די פארהייראטע זין און די פיל אנגעקומענע קרובים מיט לאנד צו פארזארגן.

א קלאנג האט זיך צווישן די פארזאמעלטע ארומגע- טראגן: אז די דירעקציע קויפט לאנד דא נעבן אונז פאר אונזערע אויסגעגעבענע קינדער.

דער יונגער אדמיניסטראטאר סעניאר סידי האט מיך דערזען און מיך צו הירש'ן אין זיין אפיסינא אריינגערופן.

— איך האב מיט אייך זעער אן ערנסטע זאך צו שפרעכן — האט צו מיר דער אלטער הירש געזאגט, און קוקט מיר עפעס פארשנדיק און פארטרויליך אין די אויגן... איך האב גלייך פארשטאנען אז עטוואס אינטערעסאנטעס און וויכטיקעס קומט דא פאר און האב אים געענטפערט:

הער הירש, איר קענט מיך שוין פון יארן... זאגט!

מיט קיינעם פון די קאלאניסטן קען איך פון דער זאך ניט ריידן — זאגט צו מיר שטילערהייט דער דירעקטאר, און די באקן פלאמען ביי אים אויף —.. עס האט זיך אונז פרעזענטירט א קויף פון צען טויזנט העקטאר לאנד, דאס איז די סטאנציע „סאנטא טאמאס" וואס גרעניצט זיך מיט מאאוריציא, איך און סעניאר קאזעס ווילן מיר זעער קויפן די פיר לעגואס קאמפ, כדי צו קאלאניזירן אייערע זין דא נעבן אייך; איבערן פרייז האבן מיר זיך שוין אויך געאיי- ניקט, און אפילו אים באשטימט. נו! האט זיך אבער דער סעניאר לאפין, אלס רוסישער אגראנאם, געווענדעט וועגן דעם מיט א בריוו קיין פאריז, און זיין באריכט איז שווארץ... איר הערט! שווארץ האט ער באשריבן... שווארץ! קלעמט דער אלטער מיט זיינע אריינגעשטעלטע פאלשע ציין, און די הענט ציטערן אים פאר כעס... „סאנטא טאמאס" איז ניט קיין גוטע לאנד... די פאמפאס זיינען בעסער...

איך האב פארשטאנען אז א געפערלאכע דיפלאמא- טישע אינטריגע קומט פאר צווישן לאפינען מיט דער לא- קאלער דירעקציע, ווייל לאפין פלעגט זיך ווענדן מיט זיינע באריכטן דירעקט אין צענטראל ביורא אין פאריז.

—וואס זשע איז צו טאן, הער הירש ? — פרעג איך אים.
—די קאלאניסטן דארפן בעטן אין פאריז, אז מען זאל יא קויפן דאס לאנד...
— די קאלאניסטן ? הער דירעקטאר ! וואס פאר א ווערט און וואס פאר א דעה האבן זיי ביי די גדולים אין פאריז ? און ווי אזוי קומען מיר אהין?...
—הערט מיך אויס ! -- זאגט דער אלטער שוין גע-לאסן, און א פאליטישער שמייכל קרייזלט זיך אים אויף זיינע ליפן, — די פאטערס פון די זין, וואס ווילן פארזארגן זייערע קינדער מיט לאנד נעבען זיך, דארפן שרייבן א ביטע קיין פאריז, אז זיי קענען דאס לאנד פון „סאנטא טאמאס' וואס איז אין שכנות מיט מאאוריציא פאר זעער א פרוכט-בארן באדן און פארלאנגען, אז מען זאל קויפן דאס לאנד ספעציעל פאר זייערע קינדער און אויף זייערע אחריות, זיי פארלאנגען ניט מער ווי די נאקעטע ערד, בלויז דאס טרו-קענע לאנד... אלץ איבעריקעס, ווי מיט רעמאנענט און בהמות, וועלן זיי, די פאטערס, שוין זייערע קינדער אליין אויסהעלפן...
שפעטער וועלן מיר אייך שוין אויסבארגן אביסל געלט אויף א שטוב און אלץ וואס איז נויטיק — זאגט ער מיר שטילינקערהייט — איר פארשטייט ?
—איך פארשטיי , הער הירש !
אט טאקע צוליב דעם האב איך אייך גערופן... זעצט זיך ביים טיש דא און שרייבט די ביטע אין העברעאיש, נאר ,— ווייזט ער מיטן פינגער זיך אין מח — שרייבט מיט שכל, איר הערט? מיט שכל !... אזוי אז אייער ביטע זאל שלאגן— דערביי קלאפט ער מיטן פויסט אין טיש — זאל שלאגן דעם באריכט פון לאפינען.
איך האב געשריבן, און ער האט איבערגעקוקט, גע-לייענט און געמעקט, צוויי מאל האב איך איבערגעשריבן, ער האט געקנייטשט דעם שטערן, קארעגירט, געבעסערט, ביז ער האט ענדליך פריילאך געזאגט :— גוט ! אויסגעצייי-כנט ! גייט און זעט באאיינפלוסן די קאלאניסטן אז זיי זאלן חתמ'ענען די ביטע און ברייננגט זי מיר... איך וויל —זאגט ער נאאיוו—איבערלאזן א גוטן אָנדיינק פאר אייערע קינדער...
איך בין געגאנגען מיטן פאפיר צו אייזיק גלאזערמאן דער שוחט ע'ה, ער זאל די ביטע אין כתיבה איבערשרייבן. ווייל די גדולי יק'א קענען דאך אונזער כתב ניט לי'ען וועז די ביטע איז פארטיק געווארן צום אונטערשרייבן, און איך האב די קאלאניסטן פארגעלייגט, אז זיי זאלן חתמ'ענען כדי אז מיט דער חתימה וועלן זיי פארזארגן זייערע קינדער מיט לאנד-פון מער האבן זיי געוויינטליך ניט געטארט וויסן;— האבן זיך גלייך געפונען א פאר לאפיניסטן פון דער „רוסי-שער קליקע' און געראטן ניט צו חתמ'ענען די ביטע.

מיט א בליישטיפט אויף די ווענט פון דער אדמיני-סטראציע האבן זיי דעם פשוטן בויער א חשבון געמאכט: הונדערט מיט צוואנציק טויזנט פעז די לעגוא קאמפ צאלט די יק׳א אליין פאר סאנטא טאמאס; דאס מאכט אויס צו 48 פעז יעדער העקטאר; נו — האבן זיי געלערנט א קל וחומר פון זיך, פון די אלטע אליין, — מיר אלטע קאלא-ניסטן וואס אונזער לאנד רעכנט מען אונז פון 20 ביז 35 פעז איז ביז ניט לאנג אונז שווער אנגעקומען צו צאלן, ווי שווער וועט שוין א פשיטה זיין אונזערע קינדער צו צאלן דעם אנואלידאד, ווען מען וועט געוויס צו 60 פעז א העק-טאר רעכענען...

די נאאיווע מענשן האבן אזוי ווי די מוזשיקעס אויפן „סכאד״ אונטערשפארנדיק די קרעטשמע-וואנט געענטפערט:- יעי באגו „דאברע קאזשע״!

אונטער דער הויכער דיקער אויקאליפטא, ניט ווייט פון דעם טרערן דראט, איז געשטאנען פאמפושקע, מיט א נייער רויטער פיזשאלע אין האנט, די דיקע ברעמען איבער די רויטע אויגן ארונטערגעלאזן, מיטן האריקן הארץ נאקעט אנטקעגן דער ברענענדער הייסער פעברואר זון, מיטן גע-שטרייפטן אקספארד העמדל וואס איבער די הויזן האט ער געוואשט דעם שווייס פון זיין רויטער צורה און נאקיוועט מיט דער גראבער זייט פונם בייטש שטעקעלע:— גאספא-דא! סאיז א מאשענסטווא! יעי יעי! סאיז א פאהיבעל! ניע דאוואלניע וואס מיר זיינען פאנשציזניקעס ביי זיי, ווילן זיי נאך פארשקלאפן אונזערע קינדער?

די בערד ביי די עקשנים האבן געשאקלט ארויף און אראפ, ס׳הייסט מסכים, פאמפושקע מסכים!

אזוי האבן זיי זיך אויסגעשטעלט הינטער דער אדמי-ניסטראציע, אנשפארנדיק די פלייצעס אן די ציגל, געביסן די שפיצן פון די בערד, געמאכט לעכאלאך מיט די בייטש שטעקאלאך אין זאמד, גערויכערט, געשאלטן, געשפיגן און ניט געוואלט אונטערשרייבן די ביטע.

וואס מער איך האב גערעדט, זיי זאלן יא חתמ׳ענען, אלס מער איינגע׳עקשנט זיינען זיי געווארן:

—עפעס מיינט מען מיט דעם!— האבן זיי געזאגט— דאס איז ניט גלאט!...

איך האב דעם אלטן הירש געמוזט אויסזאגן, אז די קאלאניסטן ווילן נישט אונטערשרייבן.

א פארציטערטער איז ער נעבאך געווארן.—בלינדע! —קרעכצעט ער— פרימיטיווע מענשן, מען וויל זיי גוטס טאן, האבן זיי מורא... ווארפן זיי דאס אפ...

—איך האב א מיטל! סעניאר הירש— זאג איך אים— איך מוז אבער אויסנוצן א „פיקארדיע״... וועלן זיי עס מיר דערלויבן?

ער האט א שמייכל געטון.

ווען דאס איז צום גוטן... מעגן מיר ארומגען, ארום דעם געדאנק: דער פעבל איז אומוויסנד ווי א קינד... טוט וואס איר קענט, וואס סאיז נאר מעגלאך!

איך האב גלייך צווישן עולם אויפגעזוכט מיין פריינד דעם פיל מאל דערמאנטן בוזי שארגראדסקי און דעם דער-מאנטן יענקל הוה'ס, זיי זיינען דאמאלסט אין דער דעלאגאטן קאמיסיאן געווען די צווייטע האנט פונם פרעזידענט.

יענער מיט די רוסישע האליעוועס א שטארקער לאפי-ניסט, וואס איז גראד דעם טאג אויסער דער קאלאניע געווען,—פאר זיי האב איך די גאנצע פאליטיק צווישן דער דירעקציע מיט לאפינען אויפגעדעקט..און זיי מיינעם א פלאן אנגעוויזן צו באוועגן דעם המון, ער זאל חתמ'ענען...

די אידעע איז זיי געפעלן געווארן.

## 64-טער קאפיטל.

# דער „סוד"

די צוויי האבן באלד דאס דעלעגאטן שטיבל אויפגע-עפנט, די ביטע אויפן טיש אוועקגעלייגט, אליין די ערשטע חתימות אונטערגעשריבן און אריינגערופן א פאר קאלאניסטן, וועלכע מען האט געוואוסט אז זיי גלויבן אין דירעקטאר הירש אזוי ווי אין א גאט... און זיי געהייסן אין הירש'ס נאמען אונטערשרייבן די ביטע, און דערפאר וואס זיי וועלן זיין פון די ערשטע אונטערגעשריבענע וועלן זייערע קינדער די ערשטע און בעסטע טשאקרעס פון „סאנטא טאמאס" באקומען... און א סוד האט זיי די ווייסע בארד פון יענקע'ן חוה'ס דערציילט, אז: „איינציקע קאלאניסטן האט הירש אויסגעשטראכן פון דער ליסטע... זייערע זין וועלן קיין לאנד ניט באקומען"! דער קלוגער שלמה קוציק און ב"ג זיי וועלן מיר ניט לאזן אפילו אונטערצושרייבן די ביטע...

נאר! באשטעטיקט בוזי שאראגראדסקי, — איר הערט, עס זאל זיין א סוד... דאס איז א געהיימניש פון דער די-רעקציע, אז איר וועט אויסזאגן וועט ווערן א גוואלד...

די פאר קאלאניסטן האבן געכאפט און אונטערגע-שריבן און ארויסגייענדיק צום עולם מיט דעם פארטרויטן סוד האבן זיי געהיימניספולע בליקן געווארפן ארום זיך... זיי האבן טאקע ניט אויסגעזאגט יעדן איינעם דאס גרויסע פאליטישע דירעקציע - געהיימנים...

נאר פשוט דערציילט א זייער נאנטן גוטן ברודער בסוד סודות אויפן אויער אז: א רחמנות נעבאך אויף ש"ש, ב"ג, זיי זיינען עפעס אנגעפינטלט דארטן... און עס זיינען פא-ראן נאך איינציקע קאלאניסטן, וואס מ'וועט זייערע אונטער-שריפטן גארניט אנעמען...

דער סוד האט זיך אנגעהויבן פאנאנדערצוטראגען אין דער שטיל, פון מויל צו מויל, אלץ בסוד איז דאס דערציילט געווארן פון איין גוטן ברודער צום צווייטן, די נאאיווע קאלאניסטן זיינען געווארן אומרואיק.

אפשר בין איך אויך פון די זינדיקע?... מ'דארף פרא-בירן...— האט זיך איטלעכער געטראכט איינציקוויז, און ווי מיט מורא און אביסל ווי פארשעמט זיינען זיי אין דעלעגאטן שטיבל; אריין, געכאפט די פען און זיך גליקלאך געפילט. אז מען האט זיי געלאזט אונטערצושרייבן די העבראישע ביטע...

מיט א פאר האבן זיי דעם ספעקטאקל דורכגעפירט און זיי ניט געלאזט חתמ׳ענען דאס פאפיר.

—פארוואס מיך ניט?— פרעגט יענער בייז.

—דאס איז ניט אונזער זאך, דאס געהער צום דירעק־טאר, פרעגט אים!

—מיך רעטשאסירן ? מיך צוריקוויזן און נידעריקער שטעלן פון אן אנדערן קאלאניסט? וואס בין איך עפים א בראדיאגע, וואס? שרייט דער קאלאניסט ש׳ש...

אן אויפגערעגטער לופט ער און מעלדעט זיך ביים דירעקטאר און מיט דער שקלאפישער הכנעה בעט ער ביי הירש׳ן, ער זאל אים ניט פארשעמען. ניט נידעריקער שטעלן פון יעדן איינעם. און ווייזט אים אן, אז זיין פארהייראטער זון איז גאר פון די בעסטע און פייאיקסטע אקערבויער...

הירש האט גלייך פארשטאנען דעם שפיצל, אז מען האט א קיבוץ געמאכט מיט די קאלאניסטן, זיי צו פאר־אינטערעסירן אונז אונטערצושרייבן די ביטע...

איך וועל נאך זען—ענטפערט ער אים— קומט שפע־טער מיט א שעה...

דיזעלבע שפיל האט מען געמאכט נאך מיט א פאר עקשנים... און קוים מיט צרות האבן זיי ביי הירש׳ן גע־פועלט, אז זיי זאלן אויך זיין צווישן אלע התומים אויף דער ביטע, ביז פארנאכט איז דאס פאפיר מיט די אונטערשריפטן אין אידיש, רוסיש און אויך אין שפאניש אויסגעפילט געווארן.

אויסער דריי גרויסע עקשנים, וואס האבן באין אופן טאקע ניט געוואלט אונטערשרייבן, יענע האבן שפעטער מיט יסורים און צער, שתדלנות און שמייכלעריי קוים קוים דאס ערגסטע לאנד, די ,זיבורת׳ פאר זייערע קינדער ביי דער אדמיניסטראציע אויסגעווינט...

שמעון שענקערמאן האט זיינע צוויי זין אויף איין זומפ אין ,סאנטא טאמאס׳ עסטאבלעסירט...

דער קפדנישער נאז ביים אלטן דירעקטאר הירש האט אויפגעשיינט, ווען איך האב אים אין אוונט די ביטע מיט 91 אונטערשריפטן דערלאנגט.

—א גרויסע זאך האט איר געטאן!— האט ער צו מיר ערנסט געזאגט—די קינדער וועלן אייך האנקבאר זיין...

ער קוקט איבער די אונטערשריפטן און באמערקט דערביי:

—איך וואלט געוואלט, אז דער קאלאנא .R זאל אויך זיין אויף דעם פאפיר... ער קארעספאנדירט זיך מיט לאפינען אין רוסיש!— און דערביי גיט ער זיך א שמייכל...

איך האב די ביטע צוריק גענומען און אים פארזיכערט אז מארגן ארום 9.40 א זייגער אין דער פרי ביים וואקזאל אין קאסארעס, איידער ער וועט אפפארן, וועל איך אים די ביטע מיטן פאר׳אנגטן אונטערשריפט צושטעלן.

יענקעל חוה׳ס האט שוין די מיסיע דורכגעמאכט און האט ביי דעם קאלאניסט .R דעם אונטערשריפט ארויס-באקומען.

אלע דריי: איך, שארגראדסקי און איידעלמאן, זיינען מיר געקומען אויפן וואקזאל אין קאסארעס כדי צו באגלייטן הירש׳ן.

אויף דער קאלעע פון אייזענבאן האבן מיר מיט אים ארומגעשפאצירט און א אינטימען געשפרעך מיט אים גע-פירט.

ער האט אין אונז געוואלט איינפלאנצן אמונה צו דער געזעלשאפט יק״א, ער האט אונז פארטרויט א סוד, אז ער מיט קאזעסן פארן באלד אפ פון ארגענטינע. נייע דירעק-טארן, יונגערע וועלן פארנעמען זייער שטעלע, ער ווערט שוין פענסיאנירט... אבער ער וועט נאך עטוואס ארבעטן דארטן אין פאריז לטובת די רוסישע אידן און וועט אן אונז ניט פארגעסן...

דער צוג האט זיך גערירט, און ער איז זיך מיט דער ביטע אין קעשענע אפגעפארן פון אונז.

68-טער קאפיטל.

# מען אראנזשירט די קאלאניסטישע קינדער.

דעם דריטן מערץ איז אנגעקומען א טעלעגראמע פון פאריז, אז סאיז דארט אנגענומען געווארן אונזער ביטע סאנטא טאמאס איז געקויפט געווארן.

דער יונגער ספרדישער אדמיניסטראטאר סעניאר סידי, האט גלייך באקומען א פאראדנונג צו פארטיילן די 7500 העקטאר ארבעט׳ס לאנד צווישן די פארהייראטע זין צו 150 העקטאר יעדן איינעם, דאס זאל צומאסטן ווערן דורכן אינזשעניער און דורך דעם באוואוסטער גורל-סיסטעם זאלן די יונגע באקומען זייער נחלה.

די „2500 העקטאר׳ וואס זיינען מיט אלפאלפא פאר־זייט געווען, דאס האט מען ערשט שפעטער מיט א יאר פארטיילט, ווייל איניקע קאלאניסטן האבן נאך דאן דעם ווערט פון אלפאלפא ניט געוואוסט און האבן קיין חשק ניט געהאט צונעמען דאס לאנד.

אך, ווי שיין דער טאג איז געווען!

ווען די איינציקלאך פונם באראן,—מיט דעם נאמען האט מען די יונגע סאנטאטאמאסער אנגערופן,—זיינען זיך צוזאמען געקומען מיט זייערע יונגעטשקע ווייבלאך און זיי־ערע עלטערן נעבן דער אדמיניסטראציע כדי דעם גורל צו ציען...

—וואס זאגט איר צו מיין „פריזיוניק׳? שרייט ישראל האלצקאן צו שמואל נחמן איידעלמאן א עקס קאלאניסט, —און ווייזט אים אן אויף זיין בן, א הויכן ברוינעם יונג וואס פירט זיך מיט זיין שיינינקע קאלאניסטקע ביים אד־מיניסטראציאנעם דראט,—ער זאל כאטש ארויסנעמען א גוטן „זשערעב׳!... ניט דארפן דינען ביי פאניען ווי זיין טאטע... דער ערשטער טראכט זיך, אז ער וויל דאס אים טרעפן מיט א שטאך - ווארט דערפאר, וואס ער האט די קאלאניזאציע אוועקגעווארפן... און דעריבער ענטפערט ער אים בייזלאך:

—איצט איז איטליכער א הכם! געוויס עס זאל געוועזן פריער אזוי זיין... וואלט קיינער ניט געוועזן אוועק...

עס האט זיך אפגע׳רעש׳ט א טאג אין נחת און פרייד, יעדער פאטער האט זיין כאלדאט צום פריזיוו געבראכט, דער האט ארויסגעצויגן דעם „זשערעב׳, איינגעקוקט זיך אין פלאן, דעם נומער לאנד, די שכנים פון זיין גורל ווער זיי זיינען, דער טאטע האט אונטערגעשריבן א גאראנטיע

אויף דער סומע פון 1500 פעז וועלכע די אדמיניסטראציע האט אין מזומנים ארויסגעגעבן אויף צו בויען א שטוב, צו קויפן דראט און מען איז פריילאך געפארן א היים.

די פאר אויבן דערמאנטע עקשנים פון „לאפינס באנדע" האבן אפילו אביסל חוזק געמאכט, געוואלט פאר מרה שחורה׳ן די שמחה, און מיט שפאט געזאגט אויף זייער כאכלשער שפראך ווערטלאך:

—האסט שוין איינגעשפאנט דעם לאשעק אין די הא-לאבליעס פונם יק׳א-וואגען, ער איז שוין א פאלנער פערד אויף צו שלעפן די אדונים...

אבער די קאלאניסטן האבן זיך אויסגעלאכט פון זייערע רייד. איינער א געוויסער מאזעס קאהן, א קאלאניסט מיט א פשוטן קאפ אבער זייער א געזונטן פארשטאנד, האט געענטפערט איינעם פון די עקשנים:

—ווארט, ווארט, למדן מיינער! וועסט נאך בעטן א שטיקל „קאניאדע" אדער א לאגונא פאר דיין זון אין „סאנטא טאמאס" און וועסט אויך ניט באקומען...

אזוי איז עס שפעטער געשען.

69-טער קאפּיטל.

# אונזער גאָלדענע צייט.

באלד נאָך פסח האָט מען זיך גענומען שטיבער צו בויען אין סאַנטאַ טאָמאַס. צוויי לאַנגע שורות ראַנטשאָס וואָס ציען זיך פון דער אַלטער קאָלאָניע ביז צו דער קאָלאָניע פון קאַסאַרעסער אייזנבאַן־ליניע, וואו עס ענדיקן זיך די ערשטע דריי לעגואַס קאַמפּ און עס הויבט זיך אָן די 2500 העקטאַר מיט דער גרינער אַלפאַלפאַ, זיינען אויף גיך אויפ־געשטעלט געוואָרן איין שורה אַנטקעגן דער אַנדערער; צוויי הייזלאַך אַנטקעגן צוויי, אַ גרופּע פון פיר קאָלאָניסטן וואָס איין גרופּע פון דער אַנדערער איז אַ מרחק פון אַפּאָר קילאָ־מעטער אין דער לענג; אַ ברייטער דרייסיק מעטערדיקער שליאַך פון ביידע זייטן מיט פּאַרטיקע בוימער באַפלאַנצט ציט זיך אין דער מיט צווישן די שטיבלאַך.

די יונגע קאָלאָניסטן האָבן אַלצדינג געמאַכט פּראַק־טישער, גיכער, שענער און בעסער פון די אַלטע. אַ גאַנצן ווינטער פון אַפּריל אַן איז די אַרבעט דאָרט אין דער נייער קאָלאָניע פליסיק צוגעגאַנגען. מען האָט געאַקערט געזייט געבויט און געפלאַנצט. דער יונגער עמיליאַ שאַרגראַדסקי, אַברהם׳ל שוסטער, ישראל ראַבינאָוויץ האָבן גלייך גרויסע וועלדער, אויך פיל געטשעפּעטע פרוכטבוימער געפלאַנצט. די ווייבלאַך זייערע, קאָלאָניסטישע טעכטער, האָבן ביים שטוב גערטנדלאַך מיט אַלערליי קווייטן געפלאַנצט. וואו עפּעס אַ שיינער בוים, אַ ליליע, אַ ראָזע, פיאַלקע, וואָס פּאָר אַ „פלאַר״ עס איז געוואַקסן אין דעם טאַטענס סעדל, האָט מען דאָס אַריבערגעטראָגן צו זיך אין דער נייער איי־גענער היים, מען האָט געבראַכט פון דער רייכער פאַרם „נייע שאָטלאַנד״ אָדער „נואָווא עסקאָסיאַ״ דאָס אייגענטום פון דער מיליאָנערישער פאַמיליע דריזדאַל, אַלערליי אַקאַציע בוימער, עאוקאַליפּטוסן, סאַסנעס, געווירצן בוימער, וואָס זיי האָבן אַלס מתנה באַקומען כדי צו באַפלאַנצן די ברייטע „קאַזשע־רעאַל״ אָדער קעניגליכן וועג, וואָס האָט זיך, ווי געזאָגט, געצויגן צווישן די הייזער ביז אַנטקעגן דעם אַנ־גערופענעם הויף.

אַזוי איז אָנגעקומען דער זומער. אַך מיין גאָט! וואו נעם איך דעם מאָלער־פּענזל אָפּצומאָלן די גראַנדיעזע שיינהייט, וואָס מיין אויג האָט דאַמאָלסט געזען!? וואו נעמט מען די טאַלאַנטפולע פעדער, כדי צו באַשרייבן יענע רייכע פּאַנאָראַמע, וואָס דאָס נייע סאַנטאַ טאָמאַס האָט פאַרגע־

שטעלט! צוועלף טויזנט העקטאר ווייץ און ליאן אין די ביידע קאלאניעס, די אלטע און די נייע, קומען זיך צוזאמען אויף איין שטח ערד שטייען באגאסן מיט א גלאנציקן טונקל גרינעם שימער, שושקען זיך אין דער שטיל, הערן זיך צו צום זומערדיקן ארגענטינישן פרימארגן-ווינטעלע, און ווינקן זיך איבער אין זייער בלומען שפראך: זע באטראכט! דאס איז די ארבעט פון פאטער און זון, פון אלטן און נייעם דור, וואס בויען און שאפן א געזונטע, א זיכערע א פרייע היים; נעמען אן א נייע „רומבע" ריכטונג, אדער בעסער געזאגט: זיי קערן צוריק זייער פאלק צום אלטן שוין לאנג פארגעסענעם וועג, צו דער פארלוירענער גאלדענער צייט פון „איש תחת גפנו"...

70-טער קאפיטל.

# וואס איך האב געזען.

אך! ווי דאס הארץ איז מיר ברייט געווארן פון נחת ווען איך פלעג דורכרייטן אין א פרימארגן דעם דרייסיק מעטרדיקן וועג צווישן די צוויי שורות אפגעפארבטע נייע שטיבלאך באפוצט מיט בלומען; זעענדיק ווי יונגע געזונטע ווייבלאך שטייען באגינען אין קאראל נעבן מאן, און העלפן אים דעם פלוג איינשפאנען. דער פרימארגן-קוש רויטלט זיך נאך אויף זייערע באקן אדער ווי די אנדערע מיט די שיינע האר צוזאמען גענומען אין א קניפ אויף הינטן, זיצן בארוועס אונטער א גרויסער געפלעקטער קו מיט א פיצעלע קעלבעלע און מעלקען איר, ווי די קוואטשקעס מיט די פוי-געלאך פישטשען ארום דער נייער יונגער בעל-הבית׳טע, וועלכע ארבעט, שאפט, האדעוועט אן דאס געפיגל, און ווי א יונגע טויב שטעלט זיך איר אויפן אקסל, קושט זי מיט איר שנאבל גלייך אין מויל... און די זון פון אויבן ניסט מיט איר ליכט אויף איר און אויף אלץ וואס עס איז ארום איר... אלץ זעט אויס יום טובדיק, עס שמעקט מיט יוגנט, מיט לעבן, מיט האפנונג, מיטן ריח שדה וואס גאט האט געבענשט... עס ווערט צוקוקנדיק דאס אלץ עפעס אזוי ווארם ביים הארצן, אזוי גוט, און עס גיט זיך א טראכט, וואס פאר א שיינע אומה די אידן זיינען! זעט! די קרעטשמארעס, די קלייטניקעס, סוחרים, מלוים, פרא-צענטניקעס, זעט, וואס זיי מיט זייערע קינדער קענען שאפן, ווען מען גיט זיי נאר די מיטלען און מען עפנט זיי דעם וועג דערצו...

עס פילט זיך א שטאלץ, א מין גאוה אין הארצן, מען פילט א פולשטענדיקע באפרידיקונג. און אלע אברים און הושים גיבן אנצוהערעניש:

—קוק אין דער צוקונפט, זע! אט א דאס האט דער באראן געדיינקט, אט א די קומענדיקע גענעראציאן... אט דעם נייעם דור! ער וועט מיט זיין ענערגישן פלייס און מוט עפענען דעם קאנאל, דעם ברייטן געחלומטן וועג פארן גרויסן עמיגראציאנס-שטראם, פון ,קבוץ גליות׳ פון די אונ-טערדריקטע ברידער צווישן די פרעמדע נאציאנען, מיליא-נען אונזערע וועלן מיר דא זיין, פארפלאנצט אויף דעם אייגענעם באדן, מיליאנען אקערבויער, וואס דאס איז דער יסוד, דער פונדאמענט פון יעדער אומה... מיר וועלן האבן

אונזערע אגריקולטארן און אויך אונזערע קולטור טרעגער, דאקטוירים, אינזשעניערן און מאגיסטראטן, אפשר נאך אן אברהם לינקאלן אויך...

אך! ווי אנגענעם זים האט זיך דער געדאנק אין מוח געוועבט... און ווי הערלאך שיין האט זיך די פארשטעלונג אין אויג געוויזן... די פרייע ווייס-בלויע ארגענטינער פאן וואס האט אויף דער קינדער שולע אין סאנטא טאמאס געפלאטערט אין דער לופטן האט אן אונזער דגל ,תכלת ולבן' דערמאנט...

א ,בבל', א פרוזדור איז דא, אהין... אין דעם איי-ביק בענקענדן אבות לאנד...

און מעגלאך אז אונטער א גוטער הנהגה, ניט אונ-טער דער פוילער אדמיניסטראציע, וואלט דאס ,מער אדער ווייניקער' א ווירקליכקייט געוועזן...

איז אבער... אוי אוי! דער ,אבער'... שטענדיק קומט ער... אט דער אבער...— סאיז אבער ניט אזוי געווארן... דער סוף האט דעם אנהויב אנטוישט...

אויף דעם שטאלצן ציון-בארג, האט רבי-עקיבא גע-זען פיקסען שפאצירן ארום און האט געוויינט... און מיר זען איצט אויף דעם ברייטן ,סאנטאמאסער' וועג טויזנטער חזירים ארומשלעפן זיך... מיט זייערע חזירישע שנוקעס גראבן זיי אוים די אלע גראציעזע בוימער און בלומען, אין די שיין געפארבטע שטיבלאך פון אונזערע קינדער וואוינען איצט גוים-,ארענדאטארעס'...

,בני יצאוני'— האט ירמיה געקלאגט. נו! דארט האט מען זיי כאטש ארויסגעטריבן... דער שונא האט זיי פאר-יאגט, און ווער האט זיי אונזערע קינדער דא פאריאגט? און וואו זיינען זיי איצט?

אויף די טראמוויים און אויטאמאבילן, אין די גימנא-זיעס און אוניווערזיטעטן, אין די מיליטער שולעס, אויף די בירזשעס און מערק פון בוענאס איירעס, אדער אין די דאר-טיקע אדער פראווינציעלע קאנפיטעריעס און קאווע-הייזער, אין די שענקלאך און קלייטלאך אויף די פארווארפענסטע סטאנציאנען, אומעטום קען מען אונזערע קינדער טרעפן... אבער גאר ווייניק טרעפט איר זיי אין פעלד... און די וואס זיינען נאך דא אויף זייער באדן און היטן נאך כלומרשט זייער היים, קוקן שוין אויך מיט טויזנט אויגן ארויס אויף דער מינוט, אז זיי זאלן קענען דאס אלץ צו גוים פארדינ-גען און אליין זייערע חברים נאכטאן...

גאט אין הימל איז מיין עדות, אז עס טוט מיר שרעקלאך ווי צו שרייבן דערפון... כאיז דאך פאראן אזוי פיל צו פרעגן און ארומריידן איבער די אורזאכען און סבות וואס האבן געבראכט דערצו און אויסצוגעפינען ווער עס איז שולדיק אין דעם!

נאר לאמיר ניט כאפּען פּארויס... עס איז גענוג שמערצלאך די צרה אין דער צייט ווען זי קומט... דיה צרה בשעתה... לאמיר אייך דערציילן פון אונזער גאלדע-נער גליקלאכער צייט...

—מיר האבן פארזארגט אונזערע קינדער,— ריידן די עלטערע קאלאניסטן צווישן זיך, מען דארף נאר זען דאס די יק'א זאל קויפן וואס מער לאנד דא ארום אונז, אלע אונ-זערע קינדער וועלן אקערבויער זיין, וואס פאר א שיינע ערלאכע פרנסה דאס איז!

עס האט גערעשט אין קאלאניע. מען האט געשלעפט רעמאנענט, געטריבן פי פון דער אלטער אין דער נייער וועלט אריין, און צוריק... האט דער אלטער פריער געענ-דיקט די ארבעט ביי זיך אין דער אלטער קאלאניע, האט ער גענומען דעם גאנצן ארבעטס אינסטרומענט, אלע מא-שינעס מיט אלע ברידערלאך די ארבעטער, און מען איז אוועק צום נייעם בעל-הבית'ל, און אים געהאלפן פארענדיקן דעם פאסיעוו, צוזאמען צופירן דאס ברויט אין דער קא-סעטשע צייט. טאג ווי נאכט האט זיך געצויגן א לעבעדי-קער שנור, א שטראם פון טעטיקייט צווישן די ביידע קאלאניעס, די אלטע און די נייע.

די קאסעטשע פון 1903 איז נאך א פיל בעסערע און גליקלאכערע פון פריערדיקן יאר געווען, ניט אזוי אין דער פּראדוקציאן, עס האט ניט אזוי פיל געגרענדעט פון העק-טאר ווי אין פאריקן יאר, עס איז אבער א העכערער פרייז געווען אויף תבואות, און מ'האט אויך מער העקטאר פארזייט.

# דער חורבן־באציל.

ענדע מערץ 1904 האט די אדמיניסטראציע די לעצטע לעגוווא קאמפ פון סאנטא-טאמאס פארטיילט צווישן די קאלאניסטישע קינדער די 2500 העקטאר אלפאלפא, וואס די יונגע קאלאניסטן האבן באקומען יעדער צו 150 אדער עפעס וויניקער אויף א חלק, זיי האבן א נייעם מין טיפ קאלאניסט באשאפן...

זיי האבן ניט באדארפט אקערן. זייען, בראנעווען, קולטיווירן די ערד.. זיי האבן די 1500 פעז פון אדמיניסטראציע אויף א שטוב און אביסל אין אלאמברע פארנוצט, און זיינען באלד פי-ציכטער געווארן; אדער לאמיר זיי אנרופן מיטן ריכטיקן נאמען: „פי סוחרים״...

איך זאל ניט מורא האבן, וואלט איך דעם אמת געזאגט:

דער אנהויב פון דעם גרויסן וואקסנדיקן חורבן-מאאוריציא שטאמט דערפון. דער באציל איז לעבעדיק געווארן. דער פארלאשענער קאמערץ-גייסט וואס ליגט אין אונזער בלוט האט דאן דערוואכט... מיר׳ן שפעטער ריידן דערפון.

## דר״ זאנענפֿעלד

### דאס צווייטע מאל אין קאלאניע.

ווי נאר עס איז פארענדיקט געווארן דאס קאלאניזירן פון סאנטא טאמאס, אויפן צווייטן מאנאט אין אפריל איז דער דר׳ זאנענפעלד מיט זיין אדיוטאנט הער אווערבוך אין קאלאניע צו גאסט געקומען. אין יעדער הויז איז ער פול געווען, אומעטום איז ער ארומגעקראכן: אין די הייזער, אין די קאראלן, אין די שטאלן, אויף די פעלדער, גערטנער, אומעטום האט ער געקוקט, און באמת נחת געהאט פון דעם גרויסן פארשריט וואס די קאלאניע האט אין די אכט יאר —זייט זיין ערשטן באזוך— געמאכט.

ווי ערנסט ער האט דאמאלכט געמיינט און אויף וויפיל א קאלאניסט איז ביי אים און אויך ביי דער גאנצער פאריזער פארוואלטונג טייער געווען, וועל איך דא א פאר קליינע שטריכן געבן.

—ווי געפעלט אייך דער יונגער אדמיניסטראטאר סעניאר סידיס?! — פרעגט ער מיך.

איך האב געשוויגן.

—זאגט! שעמט זיך ניט, און האט פאר דעם געזינדל קיין מורא ניט... מיר האבן זיי געגוג... אין בולוואָרן אין פאריז זיינען זיי לרוב... קאלאניסטן איז שווער צו באקומען!— און ער קוקט מיך אן עפּיס אזוי מאדנע ליבלאך...

—האט איר עפּיס צו בעטן פון מיר?

—ניין, הער דאקטאר! פאר מיר האב איך גארנישט צו בעטן, אלץ איז זעער גוט... נאר פאר מיין שוואגער אויף צו ברענגען זיין פאמיליע פון אייראפּע... וואלט איך...

—בעט, זאגט!— און ער נעמט שוין זיין נאטיץ בי-כעלע אין האנט און פארצייכנט...

--וואו וואוינט דארטן זיין פרוי און קינדער ?

—אין מארמאראש-אונגארן.

—גוט! אין בודאפעשט האב איך א זון. ווען איך וועל קומען אהיים שרייב איך אים, ער וועט זיי שוין דארטן אויפזוכן און איך וועל זיי אייך צושיקן.

שפּעטער מיט צוויי מאנאטן האב איך פון אים מיט זיין אייגענער האנט א געשריבענעם בריוו אין דער דייטשער שפּראך באקומען, אז די פרוי רבקה וואלפבערג מיט אירע דריי קינדער און אויך א אינגל אפרים וואלפבערג פון א 17 יאר, אירער-רבקה׳ס א פּלימעניק, זיינען שוין אין פאריז, און די טעג וועלן זיי אפּפארן מיט דער שיף ,קאפּ בלאנקא׳ נאך ארגענטינע.

די פרוי מיט די קינדער האבן זיך גאר ניט געקאנט אפּלויבן ווי טריי און איידל מען האט זיי דארטן אין פאריז באהאנדלט, ער האט אמת געזאגט:—,קאלאניסטן איז שווער צו באקומען׳. און ווען ער האט זיי באקומען, זיינען זיי ביי אים טייער געווען. ער האט זיך קיין סך ניט פארזאמט ביי אונז, א צופרידענער איז ער פון אונז אפּגעפארן און אנגעזאגט:

—מיט אלץ וואס עס וועט פארקומען דא צווישן די באאמטע מיט די קאלאניסטן זאלט איר זיך ווענדן צו מיר.

—אויסער וואס איך בין אויבער-דירעקטאר פון דער יק״א איבער די קאלאניעס אין ארגענטינע, בין איך אייער פאטער און אייער פריינד. אזוי האט ער אונז געזאגט, זיך געזעגנט און אפּגעפארן.

די דירעקטארן קאזעס און הירש זיינען אויך אומגע-זאמט אפּגעפארן. הירש׳ן האבן מיר מער שוין ניט געזען.

צוויי נייע הערשער זיינען ארויף אויף דעם דירעקטאר שטול: נייע פארוואלטערס אדער מושלים זיינען אויף דער קאלאניזאציע אויפגעשטאנען און אלץ האט אויך גענומען אן אנדער ווענדונג.

72-טער קאפּיטל

# די דירעקטארן ווענעציאַני און מאאס.

צוויי נייע קאַפּיטענער האָבן זיך געשטעלט ביים רודער פון דער קאָלאָניזאַציאָנס-שיף און האָבן זי אויך אין גאַר אַ נייער ריכטונג געווענדעט.

די דרייצן יאָריקע מאַשינע מיט אַלע אירע שרייפלאַך, רעדלאַך און קאָמבינאַציעס האָט געקראַכט אונטער דעם נייעם רעזשים וואָס האָט אַריינגעטראָטן אין לעבן. דער רעזשים איז געווען זייער אַ שטרענגער, אַ קאַלטער אַ האַר-טער און אויך אַ דעספּאָטישער, און דאָס האָט געפירט צו דעם גרויסן שפּעטערדיקן סכסוך, צום „טיטולאָס" קאָנפליקט, צווישן די קאָלאָניסטן מיט דער יק"א, און וועלכער האָט אָוועקגעזעצט דעם שעף פונם יק"א דירעקטאָריום אויף דער אָנקלאַגס באַנק פון דעם היזיקן „בית המשפט", ווי איר וועט דאָס לייענען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

ביים אָנהויב פון זייער רעגירונג האָט זיך געדאַכט, אַז די נייע זיינען אַסך גרויסמוטיקער פון די אַלטע... מען האָט געזאָגט אַז די נייע זיינען פון דער נייער פראַנצויזישער ליבעראַלער פראַקציע, זיי וועלן מערער אַכט לייגן, מער צוטרויען שיינקען דעם אַקערבויער...

זיי, יונגערע מענשן פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָק-ראַטיע, וועלן זען געוויס דערהויבן דעם שפּל'דיקן מצב, צו וועלכן די אַדמיניסטראַטאָרן האָבן אונז געבראַכט, און אין וועלכן זיי האָבן אונז שטענדיק געזוכט צו האַלטן... און וועלן אונז געבן פולשטענדיקע פרייהייט... ליידער איז פונקט דער היפך געווען. דער „עספּעכיזם", דער מיראַזש האָט אונז פאַרבלענדעט... דאָס שפּיגל-שפּיל האָט אונז גענאַרט.

## סעניאָר ווענעציאַני.

מיט אַ יונגן סימפּאַטישן פּנים, אַ שלאַנקער גלייכער בחור פון קרוב ארבעים איז געווען אונזער נייער אדון דער הער ווענעציאַני.

מיר פּשוטע רוסישע קליינשטעטלדיקע אידן זיינען תחילת גאַר אַנטציקט געוואָרן פון זיין פיינעם באַנעמען זיך, דאָס אָרט ריידן זיינס איז געווען זייער איידל, דאַן זיין שיי-נער פּאַריזער מאַניער האָט אונז אָנגעקלאַפּט, בפרט אַז מיר האָבן זיך דערוואוסט זיין יחוס-אבות, דאָס זיין פאָטער דער אַלטער ווענעציאַני איז דער „נאָמן בית" ביים באַראָן געווען.

געווים האבן מיר אויף אים מער האפנונג געלייגט ווי אויף זיינע פארגענגער קאזעס און הירש. וועלכע זיינען נאר געווען מלמדים פון די פאריזער אליאנץ-שולעס.

דער צווייטער דירעקטאר הער מאאס, א דייטשער אדער נארד-אמעריקאנער איד, אויך אומפארהייראט, מיט א הוילער קאפ און נאאיוון געזיכט, א גרויסער מאטעמאטיקער און א קליינער חכם... דערביי זעער ערנסט און קארעקט.

די צוויי דירעקטארן האבן זיך צו אונו באוויזן אין א שיינעם אריסטאקראטישן גלאנץ, א זיידענער רחמנות-טל האט באדעקט זייערע בייזנס פנים'ער, מיר האבן דאס געזען און זיך דערמיט דערפרייט; אבער ווי אנטוישט זיינען מיר שפעטער געווארן ווען מיר האבן זיי נעענטער דערקענט...

באטריבט און פול מיט פארדרוס איז אונזער הארץ געווארן ווען מיר האבן זייער שטרענגע ממשלה אויף זיך דערפילט.

זיי, די נייע, האבן אונז גארניט באטראכט אלס מענשן וואס זיינען אויסגעגאסן אין איין פורם גלייך מיט זיי.

מיט פאראכטונג, כמעט מיט עקל האבן זיי אויף אונז געקוקט; זייער רחמנות וואס האט וועגן ניט ווען זיך אין זייער הארצן א ריר געגעבן אויף א קאלאניסט איז ניט קיין הומאנישער געווען, נאר א מין צער בעל החיים'דיקער, א מין רחמנות וועדליג ווי אויף א הונגעריקן הונט.

דריי גרויסע פאלדן פלעגן זיך צוזאמען שרומפען צוויי-שן זיינע שיינע הימעל בלויע אויגן—ווען ער,—סעניאר ווענעציאני—האט זיך אין דעם פילאנטראפישן רחמנות מאנטל איינגעוויקלט און האט שוין דעם קאלאניסט זיין ביטע באוויליקט, עס האט זיך צווישן די פאלדן געלייענט: „דו, געשלאגענער הונט, דו ארויסגעטריבענער פון רוסלאנד, איך בין א מחויב דיר צו העלפן, איך בין דאך דיין דירעקטאר, און דו ביזט מיינער, מיין קאלאניסט... נא, נעם די טובה און בויג דיין קני פאר אונזער פילאנטראפיע...

און אויסער זיך פלעגט ער ווערן פון כעס ווען ער האט דעם נידערגעשלאגענעם הונט, דעם קאלאנא פלוצים אלס מענש מיט א פרייען ארגענטינער פנים פאר זיך דערזען. ווען א קאלאניסט האט גערעכטיקייט געפאדערט, ווען ער האט נאך חלילה א זידל געטאן די הנהגה...

צוויי אויגן פייערדיקע ווי בליצן פלעגט ער אויף דעם קאלאנא אויסשטעלן ווי איינער זאגט:

—דו שקלאף, וואס איך פאראכט דיך אזוי פיל! ווי וואגסטו צו דענקען וועגן אונזער אדמיניסטראטיווער הנהגה? ווער דערלויבט דיר צו טראכטן אפילו פון אונזער גרויסן וואוילטעטיקן אנשטאלט?... וואס האט א הונגעריקער הונט צו טראכטן מער ווי איבער די ברעקלאך פונם ווירטס טיש אז זיי זאלן צו אים אין מויל אריינפאלן... און דאס גיבן מיר דאך דיר איבער גענוג...

איך בין זיך פאר אייך מודה ומתודה, אז איך אליין — גלייך מיט אלע קאלאניסטן, — האב א שטארקע אמונה, א אומבאגרעניצטן צוטרויען און א גרויסן רעספעקט צו די נייע דירעקטארן געפילט.

נאך איידער איך האב זיי פערזענלאך געקענט האט מיר בלויז דער נאמען פון הער „וועגעציאני״ זייער אין א העלער ערלאכער ליכט פארגעשטעלט. איך האב מיך דערמאנט אן דעם וואס דער אויבן דערמאנטער דר׳ נירנשטיין אין לעמ-בערג האט מיר וועגן זיין זעליגן פאטער, דעם גרויסן אידן וועגעציאני דערציילט.

אט וואס, איר מעגט דאס הערן:

ווען עס האט שטארק אנגעהויבן צו רעש׳ן די וועלט מיטן נאמען באראן הירש, ווען די עמיגראציע פון 1891 האט זיך צופלאקערט, און טויזנטער אידן מיט אידענעס וואלגערנדיק זיך אין די גאסן פון לעמבערג האבן אלע אויף זייערע ליפן געהאלטן דעם נאמען פון זייער דערלייזער משה פאן הירש, — ווייל ביז דאמאלסט האט מען נאר געוואוסט פון „היד הנדיבה״, מען האט געוואוסט אז עפעס א געהיי-מע האנט שיט מיט געלט, ווער די האנט איז, האט מען ניט געוואוסט.

איינמאל אין א שמועס זאגט צו מיר דער גוטער דר׳ נירנשטיין.

— איך וועל אייך דערציילן עטוואס פון דער לעבענס אויפפירונג פון באראן הירש, מיט וועלכן מיין פעטער איז זעער באפריינדעט און באקאנט.

73-טער קאפיטל.

# דאס התנהגות פון באראן

—זיבן א זייגער אין דער פרי איז ער שוין וואך און שפאצירט אין זיין גארטן ארום שטוב, האלב ניין טרינקט ער א גלאז מילך און גייט זיך גלייך אין צדקה-קאנטאר, וואו עס ווערן פארטיילט די צדקות...

—איר הערט, זאגט ער מיר באגייסטערט דער ליבער דר׳ נירנשטיין, — די ערשטע טאג-ארבעט פון דעם נאבעלן אידן ,מאזעס פאן הירש׳—איז צדקה...— 12½ א זייגער עסט ער מיטאג, א ביף מיט א גלאז בארדא-ווײַן; מער ווי איין געריכט עסט ער קיינמאל ניט און בעסערן ווײַן פון בארדא און מער ווי איין גלאז טרינקט ער ניט. דריי א זייגער פארט ער אויף יאגד אדער אויף שפאציר; זעקס נעמט ער אויף געסט אדער אמאל גאנץ זעלטן גייט ער צו גאסט; 9 א זייגער טרונקט ער טיי און בייסט צו און גייט זיך אין זיין ביבליאטעק צוזאמען מיט דער איידע-לער באראנעסע. ער לייגט זיך צו אויף א קושעטקע אנט-קעגן א גרויסן טיש, וואס איז פארלייגט מיט די טעגלאכע צייטונגען און פארשידענע אנגעקומענע ביטעס.

ביי איין זייט טיש זעצט זיך די באראנעסע און ביים צווייטן זייט טיש זיצט זיין פארטרויאונגס פריינד, זיין ,משק בית׳, ווענעציאני. יענער לייענט פאר זיי פאר פון די צײַ-טונגען די פאסירונגען, די קאטאסטראפעס, די אומגליקן, וואס האט דער מענשהייט ערגעץ וואו אויף דער וועלט גע-טראפען, און וואו עס פאדערט זיך הילף...

ווען דער הער ווענעציאני לייענט פאר פון אן אומגליק זאגט די פרומע באראנעסע.

—אך, מיין גאט! וואס פאר אן אומגליק! הער ווע-נעציאני! פארשרייבן זיי דרייסיק טויזנט פראנק. דער באראן אויפן קושעטקע גיט א שמייכל און א נייג מיטן קאפ. דער הער ווענעציאני לייענט ווייטער און זוכט שוין אויס וואו ערגעץ די מענשהייט ליידט און נויטיקט זיך אין רחמים... און די איידעלע פרומע נשמה חזרט איבער:

—אך! וואס פאר אן אומגליק! וויפיל זאלן מיר שרייבן הער ווענעציאני? 50, 60 טויזנט פראנק, ער פארצייכנט, און דער באראן שמייכלט, איז מסכים צו דער נדיבות פון זיין איידעלער פרוי און זיין גוטן פריינד.

צוועקן א זייגער גייט מען צו בעט, דער איידעלער ווענעציאני פירט אדורך שיין פונקטליך אלע פארצייכענונגען דאס אלץ האב איך פון אים געהערט.

נו, איז לייכט צום פארשטיין, אז איך האב געהאט א גרויסן רעספּעקט און צוטרויען צום נאמען ,ווענעציאני׳, ווען איך האב דערגאנגען, אז דער דאזיקער איז א זון פון יענעם... פון פריינד און באגלייטער פונם נאבעלן אידן באראן הירש.

און אין אמתן האט זיך געשפּירט און עס האט זיך ארויסגעזען אויף זיין פנים דאס נאבעלקייט פון דער ,גזע׳, זיין האלטן זיך, זיינע געזיכט-שטריכן און אויך די איידעלע מאנירן זיינע האבן געוויזן אז די נשמה איז דארטן א ווייכע, נאר, ווי מען זאגט, ער איז אין אן אריסטאקראטישערן באד געבאדן. איך און כמעט אלע קאלאניסטן האבן ביז צום—,לא עספּעראנסע׳ פּארטיילונג— ווי איר וועט שפּעטער לייענען—אין דער נייער הנהגה געגלויבט, און ווי זאגט א איד:— אז פרנסה איז דא, וואס מאכט דאס אויס אז דער פּריץ איז אביסל משוגע? דערוף איז ער דאך א פּריץ, אן אדון, און איך בין מיר א קאלאניסט...

און פרנסה איז טאקע געווען איבערן קאפּ. פּופּצן טויזנט העקטאר אלפאלפא איז אין יענעם יאר פארזייט געווארן ביי אונז.

די קינדער וואס זיינען קאלאניסטן געווארן אין ס׳ט האבן אונז גענומען איבערשטייגן אין אלע אגראר און ווירטשאפטליכע הינזיכטן, זיי האבן באפּוצט זייער נייע היים און האבן אויך ארונטערגענומען די טראנטעס, די עמיגראנטן שמאטעס פון דער אלטער קאלאניע, זיי האבן זיי ארויסגעהויבן פון דעם פּריערדיקן בעטלער צושטאנד און איר איינגעשטעלט אלס א בכבודיקער שטאלצער אגראר קאלאניע.

בכלל האט דאס יאר 1905 געוועקסלט און איבערגעאנדערשט דעם גאנצן מהלך און כאראקטער פון מאאוריציא, אזוי, אז יענע רעפארם האט טיף איינגעשניטן און אויסגעקריצט דעם שפּעטערן וועג אירן... וועלכע קאנסעקווענצן מיר פילן איצט אין זייער גאנצער פולער מאס...

ווי פּעסימיסטיש מען זאל ניט זיין, ווי עס זאל ניט קריינקען דאס הארץ אויף דעם איצטיקן חורבן מאאוריציא ווען מען גיט אבער א בליק צוריק אין דער פארגאנגענהייט, אויף דעם אויבנדערמאנטן יאר 1905, בליצט דאך דורך א פריילאכער געדאנק, מעגלאך אז מיר באזיצן דאך עפּעס א הלק פונם גייסט, וואס שטרעבט צו דער ערלאכער לאנד-ארבעט, צו דער ,עבודת האדמה׳, מעגלאך, אז אונטער א בעסערער, א פארשטענדיקער הנהגה וואלט דער רעזולטאט פון דער קאלאניזאציע גאר אנ׳אנדער געווען...

אבער סיי ווי סיי קענען מיר באין אופן ניט אוועק-נעמען פוןביידן, אי פון קאלאניסטן אי פון דער פראנצוזי-שער אויבער הנהגה, דער יק״א, זייער ערלאכען און רעספעקטפולן פארדינסט, זייער ערנסטקייט, וואס זיי האבן געלייסטעט צו דער קאלאניזאציע-אידעע פון באראן הירש. —דער פארדינסט בלייבט זייערער, הגם ער איז שפעטער פארוואנדלט געווארן אין אַ פארלוסט...

ביידע צדדים, קען מען זאגן, האבן אפשר פארשידענע דרכים אנגענומען, אבער ביידע האבן דאך צו איינעם און דעמזעלבן ציל געשטרעבט... דער איד, דער קאלאניסט, אט דער באדנלאזער גלות'ניק, וואס אין זיין בעסטן יום טוב וויינט ער „ומפני חטאינו גלינו מארצינו״. אט דער היימ-לאזער, ווען ער האט א שטיקל באדן און א געזיכערט-פרייע לאנד אונטער זיינע פיס דערפילט, און ווען ער האט נאך געזען די צוקונפט, זיין צווייטן דור פארזארגט, זיינע קינדער זיינען נעבען אים, אויף דער פרייער ארגענטינער ערד פארפלאנצט, נו, האט ער מיט אלע זיינע כוחות גע-וואלט באפעסטיקן דעם מעמד זיינעם, ער האט געשטרעבט איינצעווארצלען זיך אין דער טיף, צו זיכערן דעם קיום פון דער קאלאניזאציע; איבער די קרעפטן האט יעדערער גע-צויגן די שטריק כדי צו צובינדן פעסטער דעם אידן—דעם איך איד,—צו דער ערד...

די ראשים, די פאריזער אריסטאקראטיע הגם זיי האבן דעם פרט מיט פאראכטונג באהאנדלט, דעם אינדיווידום, דעם יחיד האבן זיי פארשאפן ווייטאק,—אבער דעם כלל,— דער קאלאניזאציע זיינען זיי טריי געווען,—זאל זיין, ווי מען זאגט, אז ס'איז נאר געווען בלויז—כדי די ממשלה זאל זיך וואס לייכטער ציען. — אבער ביידע צדדים האבן דאמאלסט אויפריכטיק און מיט ערנסט געארבעט.

די קאלאניע האט פראגרעסירט, איז רייכער און שענער געווארן פון טאג צו טאג, און האט אנגעהויבן טראכטן וועגן כלל.

74-טער קאפיטל.

# די גרינדונג פֿון אונזערע פֿאריינען.

## כּלל טעטיקייט אין קאלאניע.

איך שטיי און קוק אויף דעם טראפן טינט, וואס צא-פּעלט זיך אויפן שפּיץ פֿעדער און טראכט: צי איז עס ניט קיין שאד, צי איז ניט אן עבירה דאס טינט און פּאפּיר צו שרייבן פון די פאריינען, די ערלאכע אנשטאלטן וואס מיר האבן דאמאלסט געגרינדעט, בעת זיי זיינען נעבאך אלע איצט טויט. פארבאלזאמירט איז שטיין געבליבן ביי מיר אין שראנק דער גרויסער העבראייטער פּנקס פון דער „חברה עזרה" מיט אלע זיינע סטאטוטן „חוקים ישרים ומשפּטים צדיקים".

דער „אגודת אחים פּנקס' ביי אברהם פּיקעלני, דער „ביקור חולים" ביי גבריאל קאטשינאווסקי, די אלע געלטער, די הכנסות פון די אלע פאריינען לערך פון 15 טויזענטער אין וועקסלען ליגן ביי די קאסירערס, און דער שטויב, דאס געלקייט פונם עלטער דעקט זיי צו און צוזאמען מיט זייערע גרינדער גייען זיי איבער אין דער נירוואנא...

איך האב גאר ניט געדענקט פון זיי צו צו שרייבן, צו וואס? קומט אבער דער אייזערנער עגאאיזם, דער געהיי-מער אינסטינקט, וואס צווינגט יעדן וועזן צו לאזן א שפּור הינטער זיך, אדער לאמיר אים אנרופן, ווי שאפּענהויער וויל, דער „ווילן", דער איינער שטארקער מעכטיקער, וואס פירט אן מיט דעם גאנצן לעבענס-באן.

דאן קומען אויך די געלע פארוועלקטע פנים'ער פון מיינע קאלעגן די קאלאניסטען, און זיי—דער „ווילן" און די ערשטע פיאנערן באפעלן מיר „שרייב"! לאז איבער אונזערע צייכנס אויף פּאפּיר, זאלן מיר ניט פארלוירן גיין אונטער דער אומענדלאכער פארגעסנייט, זאלן די שפּעטערע דורות ניט זאגן, אז די ערשטע אימיגראנטן זיינען ווילדע געוועזן, פּראים וואס האבן גאר ניט געזארגט פארן כּלל.

איך פאלג דעם דאזיקן אינסטינקט און שרייב, און איר איידעלע לעזער, איר מפונקים אויף געשריבענע מאכלים וועט שוין מוזן פארזוכן א פּשוטן פויערשן מאכל, וואס האט ניט אין זיך קיין געווירץ און אויך ניט קיין ליטעראַרישע בשמים...

וואס איז! שטענדיק דארף מען עסן גוטס? וואס טו איך, אז איך האב שוין באלד קיין ציין ניט, און מוז קייען די נייע ליטעראטור די פאעטישע אויסדריקן, וואס אויסער די מאדערנע שפראכן וועלכע זיינען אין איר פארמישט, פעלט אין איר אויך ניט דאס אלטע לאטיין, גריכיש, אראמעיש, און כאלדעאיש...

נישקשה! שיינקט אביסל געדולד און לייענט...

דער ערשטער פאריין אונזערער איז געווען „חברה מחסה אלמנות", שפעטער האט מען געביטן דעם נאמען אויף „חברה עזרה".

# הברה מחסה אלמנות.

## איר אנטשטייאונג, די סיבה וואס האט זי באשאפן.

אין יאר 1898 אין חודש יולי איז דער קאלאניסט יצחק סעגאל געשטארבן אין קאלאניע, איבערלאזנדיק א פרוי מיט פיר קליינע יתומים אין דער גרעסטער ארעמקייט און נויט. די שכנים פון גרופע, אידן בני רחמנים, האבן די אלטע באוואוסטע יתומים טארבע גענומען. מאיר קווייטל מיט יוסל באלאטניקאף זיינען צווישן די קאלאניסטן ארומגעפארן.

—שיינקט אביסל מעל פאר דער אלמנה מיט די קינ-דער...

געלט מזומנים איז דאן ביי קיינעם ניט געווען.

אין א פרייטיק פארנאכט, ווען איך בין געקומען אהיים פונם פעלד מיט דער טארבע אויף די פלייצעס פונם זייען דעם ווייץ, האב איך די צוויי תמימות'דיקע מענשן ביי מיר געטראפן, אנשיטנדיק זייער רחמנות-טארבע מיט א ביסל מעל, וואס מיין פרוי האט זיי דערלאנגט.

די סצענע האט מיך ביז צו טרערן געווארגן.

— דערמיט ווילט איר העלפן די ארעמע יתומים? —פרעג איך.

דערווייל אויפן ארט, וואס קען מען מאכן? זאל זיין מעל, די קינדער ווילן עסן. די קאלאניסטן זיינען דאך אזוי ארים, דער פארפלוכטער היישעריק האט אונז שיין איבער-געלאזט—ענטפערן זיי מיט זייער ערנסטקייט.

זיי האבן גענומען דאס זעקאלע מעל און זיך אוועקגע-פארן.

איך האב שוין יענע נאכט זייער ווינציק געשלאפן, די לאגע פון דער הילפסלאזער מוטער מיט די פיר קליינע קינדער האבן מיך צום טראכטן געבראכט.

דאס קען דאך מיט יעדן פון אונז פאסירן! מיר זיינען דאך שטערבענדע, נו, זאל שפעטער דארפן די פרוי מיט די קינדער צום בעטל-טארבע אנקומען, אין די היזער גיין?

זי, די נאבעלע יק'א, האט אן דעם פארגעסן, ס'איז איר אפנים אויפן זינען ניט געקומען צו פארזארגן דעם דא-זיקן ענין.

אין די קאנטראקטן מיט אונז האט זי נאר זיך בא-
װארנט: אז די יורשים זיינען מחויב אויספאלגן אלע פונקטן
פונם קאנטראקט, צאלן דעם קרן מיטן פראצענט און פאלגן
די אדמיניסטראציע.

און אויב ניט, װערן זיי ארויסגעשמיסן פון לאנד...

אזוי װי עס קומט איצט פאר מיט דער אלמנה פון
הרוג שאראשאנסקי.—

איך האב פיל געטראכט, עס האט מיך געפיבערט און
דער מוח האט געבויערט ביז סאיז מיר א געדאנק אין קאפ
געקומען, און איך האב מיר אויסגעארבעט א פלאן.

## 76-טער קאפּיטל

# „גייט און וואַקסט מיט מזל פאַר דער אַלמנה"!

שבת באַגינען בין איך אין דער שול „אַליסע" צו מיין חבר אברהמ'ל ראָזענפעלד אַוועק און מיט אים איבער מיין צוגעטראַכטן פּלאַן איבערגעשמועסט.

דער עולם אַרום די גרופּעס זיינען זיך אין שול צום מנין צוזאַמען געקומען, ביי קריאת התורה, פּרשה ואתחנן, ביי די עשרת הדברות האָט מיין פריינד אברהמ'ל אַ פּאָר הייסע ווערטער וועגן דעם ענין אלמנה ויתום געזאָגט און דערנאָך האָב איך זיי מיין פּלאַן פאָרגעלייגט, דהיינו: מיר זאָלן גרינדן אַ פאַריין מיטן נאָמען „מחסה אלמנות" יעדער קאָלאָניסט זאָל זיך אונטערשרייבן, אַז ער פאַרפּליכטעט זיך צו געבן איין זאַק ווייץ און איין זאַק מאַאיס תיכף נאָכן דרעשן די תבואות אויף דעם פּאַפּיר. מיט די התומים וועלן מיר שוין זען, אַז אַ סוחר פון תבואה זאָל אונז דערווייל אויסבאָרגן די נויטיקע סומע, כדי צו דערנערן די אלמנה מיט די קינדער, און נאָך קאָסטשע, אַז ס'וועט בלייבן אין דער קאַסע פון פאַריין אביסל געלט וועלן מיר אַ קרייטל אין אַלגאַראָבאַ פאַר דער אלמנה עפענען, כדי זי זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו דער קצבה, אָדער אפשר איר דאָס פעלד הורך פעאָנעס באַאַרבעטן.

מיט דער צייט וועלן מיר אַ היבשן קאַפּיטאַל פון די זעקלאַך תבואה אין פאַריין האָבן, און דאָס וועט זיין „אַ לעבענס לייענגליכער פאָנד", אַ שוץ פאַר די אלמנות.

דעם עולם איז די אידעע געפעלן, אין אוונט איז אַ קליינע אסיפה געווען און אַ פּראָוויזאָרישע קאָמיסיאָן איז אויסגעקליבן געוואָרן. אויף מאָרגן פרי בין איך שוין ריי-טענדיק אויף מיין שימל און אברהמ'ל אויף זיין „ליטעראַ-טור"—אַ הויכער געלער פערד, וואָס אין דער גרעסטער פינסטערניש האָט ער געוואוסט דעם וועג צו דער ביבליאָ-טעק,—דערפאַר האָט ער דעם שיינעם נאָמען געקראָגן... זיינען מיר ביידע אַרומגעריטן בכדי אונטערשריפטן צוזאַמלען פאַר דער ערשט געגרינדעטער סאָסיעדאַד: „מחסה אלמנות".

מיר האָבן מיטגעפירט טינט און פען, און יעדער קאָ-לאָניסט, וועלכע זיינען כמעט אַלע געווען אין פעלד ביים פאַרזייען, ווייל ס'איז פּונקט אויסגעפאַלן דעם 31 יולי, דער לעצטער פאַרזייאונגס טערמין—און יעדער קאָלאָניסט וועלכן מיר האָבן דאָס פּאַפּיר געוויזן, האָט ער מיט ערנסטקייט

אנגעשפארט דעם פאפיר אויף מיין ווייסן פערד, צי אויף אברהמ׳לס ליטעראט, און אונטערגעצייכענט זיין נאמען.

קיינמאל קען איך ניט פארגעסן דעם רושם, וואס האט אויף אונז געמאכט איינער א יונגער קאלאניסט אין גרופע 48, אברהם גאלדענבערג איז זיין נאמען געווען.

מיר האבן אים געטראפן בארוועס אין פעלד מיט דער „סעווא׳, א האלבער זאק מיט ווייץ אויף די פלייצעס, שפאנענדיק אויף דער רעליא און זייט, מיר האבן אים דער ציילט פון דעם פאריין און געפאדערט זיין חתימה.

ווארט! זאגט ער...

ער נעמט אן א זשמעניע מיט ווייץ פון דער טארבע, שטרעקט אויס די לינקע פוס די בארוועסע, גיט א שפאן מיט דער רעכטער פוס און אווארף די זריעה אויף דעם גע-אקערטן.

און מיט זיין באסאווע שטימע שרייט ער אין דער הויך:

—גייט און וואקסט מיט מזל פאר דער אלמנה! ער שפאנט מיט די שווארצע צודראפעטע פיס און שיט דעם ווייץ, זייט און שרייט:

—מיט ברכה פאר די יתומים!

מיר פארן אים נאך און קוקן זיך איינער דעם אנדערן אן, ביז צום עק פון זיין מעזשע-לאנד איז ער אזוי געגאנגען, דארטווארפט ער אראפ פון זיך די „סעווא׳ און זאגט:

—איצט גיט מיר דאס פאפיר, וועל איך מיך חתמ׳ע-נען... מיר האבן זיך צולאכט.

—וואס האט איר געוואלט, זאגט ער—אין אן ערנסטן טאן—איך זאל געבן מיינס? א גאנצן זאק ווייץ?... איך בין דאך א קבצן, איך האב געשאנקען א פאר זשמעניעס ווייץ, אויך מיין ארבעט און ער... גיט ער א ווייז אין הימל ארײן, זאל שוין מאכן פון דער זשמעניע א גאנצן זאק...

וואס איז, ער קען ניט? צי ער וויל ניט? ער איז דאך אן „אבי יתומים׳... די ערד איז ניט קראנק ארויסצוגעבן נאך א זאק...

און ער שטעלט זיך אריין צווישן אונזערע ביידע פערד, נעמט ארום מיט איין האנט דעם דינעם האלז פונם „ליטעראט״, און די אנדערע האנט שפארט ער אן אין מיין קני, קוקט ארויף מיט זיינע טרערנדיקע מיטלייד - אויגן צו אונז...

—יעי באגו! א גוטע אידעע האט איר אונז געגעבן, מיר וועלן געבן זעק...

## 77-טער קאפיטל.

# מ׳טראגט זעק און מ׳האט הנאה.

צו וואס פאר א קאלאניסט מיר זיינען נאר צוגעפארן, האט ער מיט שמחה אונטערגעשריבן דעם פאפיר. די ברי־דער סקאלא און גואנקע האבן שוין אויף די אונטערשריפטן א קרעדיט אונזער פאריין ארויסגעגעבן, און אליין האבן זיי אויך מיט 25 פעז מיטגעשטייערט, אזוי אז די אלמנה סעגאל האט אויף מיינעם א קוויטל אלע מאנאט דרייסיק טאלער פון דער הויז ,סקאלא׳ געקראגן.

נאך קאסעטשע, פיים דרעשן האט א יעדער קאלאניסט אליין, אויף זיינע פלייצעס געוואלט דעם זאק ארויסטראגן... פארדינענ א מצוה... אהרן דאבשיץ, וואלף אדעסקי און טאבאקמאן, וועלכע זיינען געווען די איינקאסירער, האבן געטראגן די זעק, געשוויצט און הנאה געהאט פון דער מצוה. א קליינינקייט אלמנה מיט יתומים.

מען האט די זעק פארקויפט, סאיז נאך געבליבן געלט. מיר האבן באקומן ביים סעניאר קאזעס א פלאץ אין אל־גאראבא פאר א שטוב אומזיסט, און דער אלמנה א קלייטל אויסגעבויט, זי האט שוין מער ניט באדארפט קיין נדבות.

אזוי איז אוועק דריי, פיר יאר, די זעק ווייץ און מאאיס האבן אריינגעבראכט פיל קאפיטאל אין פאריין.

דאמאלסט פאררופן מיר א גרויסע אסיפה פון אלע קא־לאניסטן, און אין דרויסן ביי יענקל הוה׳ס אונטער די בוי־מער—אין שטוב איז צו ענג געווען—איז אין מארץ 1902 (י״ח אדר ראשון) פון דער הברה ,מהסה אלמנות׳ די חברה ,עזרה׳ באשאפן געווארן, און אנשטאט וואס פריער האט דער פאריין נאר באדארפט העלפן אן אלמנה ויתומים, האט ער איצט שוין געקענט העלפן א יעדן מענשן וואס האט זיך גענויטיקט אין היקף.

צוויי און צוואנציק פונקטן אין העברעאיש אלס סטא־טוטן האב איך זיי פארגעשריבן, און די אסיפה האט זיי איינשטימיק אנגענומען.

באלד האט ,אלגאראבא׳ פאר זיך אליין שבת געמאכט.

די צוויי עלעמענטן אליסע און אלגאראבא האבן זיך קיינמאל ניט געקענט צוזאמען שמעלצן. זיי האבן זיך פון דער ,עזרה׳ אפגעריסן און זיך דעם ,אגודת אחים׳ געגרינ־דעט, כמעט די זעלבע סטאטוטן פון דער ,עזרה׳ נאר מיטן ,שנוי השם׳.

שפעטער האט דאס דרייצענטל געשאפן דעם ביקור חולים, די פרויען האבן געמאכט א דאמען פאריין, עס האט זיך גערעש׳ט אויף דעם קהל׳שן באדן.

אויף דעם צווייטן יאר נאך דער גרינדונג פון דער „עזרה״ האט אונז — דאס הייסט דעם אידישן פאלק — דער גרויסער אומגליק געטראפן, דער באוואסטער קישענעווער פאגראם.

אונזער „עזרה״ האט באלד פאררופן אן אסיפה. נאך דעם הספד מאכן די הרוגים און נאך די פאר בויך-טרערן, וועלכע זיינען דארטן אין שול פארגאסן געווארן, האבן מיר אכט הונדערט פעז ציזאמען גענומען און דורך דער אליאנץ איזראעליטא (חברים כל ישראל) אין פאריז דאס געלט פאר די פון פאגראם געליטענע משפחות אפגעשיקט.

דער פראפעסאר פון די שולעס סעניאר הלוי פון קאסא בלאנקא מאראקא, וואס האט זיך אויפגעהאדעוועט אויפן ברויט פון דער אליאנץ, האט אונז דאמאלסט צוגערעדט מיר זאלן אויך ווערן מיטגלידער פון דער „חברים כל ישראל״ און גרינדן א צווייג פון יענער אליאנץ דא אין קאלאניע.

דאמאלסט איז ביי אונז געגרינדעט געווארן די „אליאנץ איזראעליטא ארגענטינא״ מיט א 60 מיטגלידער, וואס האבן געצאלט צו דריי פעז א יאר און באקומען צוגעשיקט די יערליכע ביכלאך מיט אלע אויסגערעכנטע שטיצונגען, וואס זיי לייסטן אונזערע געפלאגטע ברידער אויף דער וועלט צווישן מענשלאכע וועלף...

אך! ווי האט זיך געפרייט דער אלטער נארסים לעווין, דער פרעזידענט פון חכ״י און אויך פון דער יק״א, מיט אונזער „אליאנץ ארגענטינא״.

אין א בריוו פון אויגוסט 1905, שרייבט ער מיר — אז עס פרייט זיי זעער, וואס מיר די עמיגראנטן, די פאר־וואגעלטע, פארטריבענע זיינען שוין אימשטאנד חברים צו זיין מיט זיי צוגלייך און העלפן זייערע ברידער אין א נויט-פאל. אזוי זיינען ביי אונז אין די איינציקע יאר פון 1898 ביז 1905, ווען דער מאטעריעלער מצב האט זיך אנגעהויבן בעסערן, די אלע אויסגערעכנטע פאריינען געשאפן געווארן, און מיטן מאטעריעלן פראגרעס האט אויך דער מאראלישער די בילדונג, די אייגנארטיקע מידה פונם אידישן פאלק, הויך און ברייט זיך אויסגעשפרייט.

78-טער קאפיטל.

# די עזרה העלפט עמיגראנטן.

פאר קאסעטשע פון 1905 האבן אנגעהויבן קומען פיל עמיגראנטן, די געליטענע פון קישענעווער פאגראם, און אויך א סך דעזערטירן, אנטלאפענע פון רוסיש-יאפאנעזישן קריג. כמעט די אלע אומגליקלאכע האבן זיך דאמאלסט צו אונז קיין מאאוריציא צוגעשלאגן, ווייל אין די אנדערע קא-לאניעס, אין סאנטא-פע און ענטרע-ריאס איז נאך דאן זעער שלעכט געווען.

עס איז ענג געווארן אין קאלאניע, עס האבן וואוי-נונגען געפעלט פאר די אנגעקומענע פאמיליעס. אונזער הברה „עזרה״ האט דאמאלסט זעער גרויסע הילף געלייסטעט די אנגעקומענע אימיגראנטן.

אויף דער איניציאטיוו פון דער עזרה און אויך מיט איר גאראנטיע האט די יק״א יעדן קאלאניסט צוויי הונ-דערט פעז אויסגעבארגט, כדי צו בויען א הויז ביי זיך אויפן לאנד, א וואוינונג פאר דעם עמיגראנט.

מיר האבן זיי דאן געשטיצט, געהאלפן ווי וויט מיר האבן געקענט.

זיי, די נייע אנגעקומענע פון דער מלחמה און פון פאגראם, האבן גאר אויפסניי אויפגעלעבט די קאלאניע.

זיי האבן זיך א נעם געגעבן צו אונזערע פעלד קינדער, צו די נאאיווע, געבוירענע און ערצויגענע צווישן די דער-נער פון סטעפ און האבן אין זיי אויפגעוועקט א לוסט צום לעבן, און אויך צום בילדונג און צום לייענען ביכער, אזעל-כע ביכער וואס זיינען אין אונזער ביבליאטעק דורך דער יק״א פארוואלטונג פארווערט געווען צו האלטן.

דהיינו: אלע ביכער פון עמיל זאלא, מאפאסאן, די ביכער פון לעוו טאלסטאי...

— איר לאכט? איר מעגט לאכן, דער לערער „הלוי״ וואס איז ביי אונז דער פרעזידענט פון דער ביבליאטעק-קאמיסיאן געווען, און ער האט באאיינפלוסט די יק״א זי זאל מיט א סומע געלט אויף ביכער מיטשטייערן, האט ער די אויבן-דערמאנטע ביכער פארבאטן צו האלטן אין קא-לאניע.

דער נייער עלעמענט אבער, דער פריש-אנגעקומענער, האט די אלע נאשערייען מיטגעבראכט און אונזער דארפס-יוגנט האט זיי געגומען שלונגען מיטן בעסטן אפעטיט...

זיי האבן איין מאל אונזער שוחט מכבד געווען מיט „פאל דע קאקס", א בוך פאר א מוסר ספר האבן זיי דאס אים רעקאמענדירט. נו, האט ער געשפיגן דער אלטער שוחט! און נביאות געזאגט אז די יוגנט וועט אראפ פון וועג... אבער ווער האט אים געהערט, א נייער פולס צום לעבן האט אנגעהויבן שלאגן אין די יונגע נאטור קינדער.

עס האט זיך באוויזן איינער מאטל טאנצמייסטער, ער איז ארומגעפארן אין די גרופעס און געלערנט די קינדער טאנצן. א פאר דעזערטירן פון דער שלאכט און לערערס פון דער היים, זיי האבן אנגעהויבן צו געבן אוונט קורסן און האבן אנגעהויבן צו וועקן די קינדער צו בילדונג. די יוגנט האט ערוואכט און האט אנגעהויבן קוקן מיט אנדערע אויגן אויף דעם פשוטן קאמפ לעבן...

די עלטערע מענשן זיינען אפילו דערפון שטארק ניט צופרידן געווען, ווייל איניקע מיידלאך האבן זיך באלד אפגעזאגט פון דער שווערער ארבעט, ווי: מעלקן קי, פראשעווען דעם גארטן, א. ז. וו. איניקע בהורים, די הויפט ארבעטער אין פעלד, זיינען גאר מאטעמאטיקער געווארן,.. און האבן אויסגעחשבונ'ט, אז פון איין העקטאר ווייץ, ווען ער געראט... קען מען קויפן אלע מינים גארטנווארג: ציבעלעס, בוראקלאך און קרויט אויף צו עסן א גאנצן יאר, איז דאך פיל גלייכער דעם גארטן מיט ווייץ צו פארזייען... און ניט דארפן האלטן אויף דער זון די סעניאריטעס און די שוועסטער צי זייערע כלה'ס זאלן זיך אפשרפה'נען די הויט פונם פנים ביים גארטן.

גאר די שארפע קעפלאך פון אונזערע קינדער, וואס האבן אויף גיך איינגעשלונגען די אימפארטירטע רוסישע ציוויליזאציע, האבן געדרונגען אז ס'איז ניט מענשלאך און דער צו פשוט אנ'עולה, אז מען זאל ניט געבן צולייזן דעם „ווערדולערא" משה סטודניץ, א עקס קאלאניסט וואס פירט אום אין זיין בודקעלע מיט די צוויי רעדלאך אלע מינים גארטנווארג און ציט דערפון זיין היונה...

די עקטערע קאלאניסטן האבן געזען אין פראפאגאנדע פון דער כלומרש'טער ציוויליזאציע אן עפוש, וועלכער איז פול מיט מיקראבן וואס קענען אונטערגראבן די יסודות פון דער קאלאניע... עס האט זיך א שווערער טראכט געגעבן, צי וועט דער דאזיקער באציל זיך ניט פארמערן און אויפפרעסן, פארדארבן אונזער גרויסן אידעאל?

נאר צופיל טראכטן האט זיך דאמאלסט ניט געלאזט; דאס לעבן האט דאן ראשיק און שטארק געשטראמט, דער עקאנאמישער מצב איז געווען גוט, די אנגעקומענע האבן זיך מתקנא געווען אין די קאלאניסטן און האבן געבעטן דער יק'א אז זי זאל זיי אויך פאר קאלאניסטן מאכן. פיל פון זיי האבן זיך מיט אונז משדך געווען, זייערע שיינע געלערנטע מיידלאך האבן אונזערע בהורים די צוקונפטיקע גוט באזי-

צערס מיט בײדע הענט געכאפּט און בײדע מחותנים צו-
זאַמען האָבן אנגעהויבן ביטעס שיקן צו די דירעקטאָרן, אַז
מען זאָל געבן לאַנד, קאָלאָניזירן די מחותנים און די אונ-
טערגעוואַקסענע קינדער אונזערע זאָל מען אויך קאָלאָניזירן
ניט װײַט פון אונז, אַזוי װי מען האָט די ערשטע קינדער
אין „סאַנטאַ טאָמאַס" אײַנגעאָרדנט.

## 79-טער קאפיטל.

# א פריילִיכע ידיעה.

עס איז ניט אוועק קיין סך צייט, איז א פריילִיכע ידיעה געקומען, אז פאר די אימיגראנטן וואס צייכענען זיך אויס מיט זייער ארבעט און סאלידאריטעט, ווערן אין סאנטע פע און אויך אין דער פאמפא ביי בערנאסקאני אין דעם אומגעגנט די פעלדער צומאסטן און פארטיילט און אהין וועלן זיי די אימיגראנטן איבערגעשיקט ווערן צום קאלאניזירן.

פאר די ערוואקסענע זין פון מאאוריצער קאלאניסטן איז געקויפט געווארן די פיר לעגואס קאמפ פון דער סטאנציע „לא עספעראנסא" ביים גרעניץ פון מאאוריציא, וועלכע וועלן פארטיילט ווערן זיי ערשט אין פיר יאר ארום, ווייל יענער באדן איז ארענדירט צו איינעם אויף אזא טערמין, און די יק״א מוז דעם ארענדע-קאנטראקט ערפילן.

א שמחה, א גדולה האט דער נייס אריינגעבראכט אין דער קאלאניע.

די נייע אימיגראנטן צוזאמען מיט די קאלאניסטן, זייערע מחותנים, די כלות מיט זייערע התנים—די צוקונפטיקע ערד באזיצער פון לא עספעראנסא האבן בעלער געמאכט, קערמעשלאך געפראוועט. די זיסע האפנונג, דאס שטיל פריי און געזונט לעבן האט אנגעפילט מיט תענוג יעדנס הארץ, מ׳האט חתונות געפראוועט, זיך אנגעגרייט אן עקרת הבית צו דער פארשפראכענער זיכערער נהלה, די יונגע פארלאך האבן פאר זיך רעמאנענט אויך כלים ביסלאכווייז צוגעגרייט, מען האט זיך צוגעקויפט א בהמהלע, א לאשעקל, „אלמאסיגעס" פון פארשידענע בוימער און בלומען געפלאנצט ביים טאטן אין כארדין, כדי אז מען וועט די ערווארטעטע טשאקרע אין „לא עספעראנסא" באקומען, זאל זיין אלץ גרייט, בהמות, פערד, און אויך פארטיקע פרוכטבוימער פון דער פלאנטאציע אריבערפירן אויף דער אייגענער ערד...

מען האט געציילט די טעג, געהאפט און געווארט... דאס לעבן איז זיך געפלאסן אזוי שטיל, זיס מחיה׳דיק. ווער האט זיך דען אויף עפעס אן איבערקערעניש געריכט?

ס׳איז דאמאלסט געווען פונקט ווי מיט דעם ארגענטינער וועטער, אדער בעסער געזאגט ווי פאר א ציקלאן, א שיינע זומערדיקע שטערן נאכט. אלץ רוט אין דער שטילקייט פון דער ווארימער אנגענעמער ליבלאכער נאכט לופט;

די בוימער און די בלומען שטייען שטיל צוהערנדיק זיך צום מיסטעריעזן סוד פון דער נאטור, און אפשר אויך צום פריי־ליכן קינדער געלעכטער פון די וואס שפילן זיך ליארעמדיק אין גאס.

יונגע מיידלאך אין ווייסע בלוזעס דרייען זיך פארלאך אין וואלד, אונטער די שטילע טענער פון דער גארמאניע באגלייטעט מיטן צויבער זיסקייט פון דער גיטארע אין די אינגלישע הענט... די עלטערן זיצען אויף די נידריקע בענ־קעלאך, טרינקען אן ,אמארגא׳, שעפן לופט און קוקן אויף די שעמערירנדע ליכטיקע שטערנדלאך, וואס וויגן זיך אויף די בלויע ווייטע הימל־וועלן און ציטערן אפט געהיימ־ניספול אויף, ווען איינער פון די שטערנדלאך לויפט זיי אריבער זייער קאפ און פאלט ערגעץ דארטן ווייט אראפ פון טיפן האריזאנט...

די אפגעביסענע לבנה קומט שוין שפעטלאך פאר־שעמט פון איר ראזעוון דעק אפיר, די מענשן קוקן זי מיט מיטליידענדע בליקן אן, אויף איר נעבאך ערשט ניט לאנג געבוירענעם פגם... און ניט ווילנדיק גיט זיך ביי די גאר עלטערע מענשן ווי א ריס אין הארץ און עס גיט זיך א טראכט: אויך זי, אט א די בלאסע האט אפגעלעבט איר צייט.

א טויטע, א קאלטע שלעפט זי זיך ארום, בעטלט א שטראל, א ביסעלע ליכט ביים פנים פון דער זון. קיין אב־סאלוטע אייביקייט איז אפילו ביי די ריזיקע הימל־קערפערס אויך ניטא... און צופרידן מיט דעם דערוויילעדיקן דא זיין... גייט מען אלט און יונג אין שטוב, און מען גיט זיך איבער דעם מלאך השלום דעם זיסן שלאף אין האנט אריין.

פלוצים אין מיטן נאכט—ווען די יונגע און די אלטע שוועבן אויף די פליגלען פון זיסע טרוימען, ברעכט דאן דער שטורם אויס... עס קומט דער ציקלאן... ער רייסט־ברעכט שטיבער, מאכט אן חורבן און שממה...

אט אזוי, אין אזא מצב האט זיך אונזער מאאוריציא געפונען דאמאלסט פאר דעם לא עספעראנסא שטורם.

און דער ציקלאן איז געקומען!...

80-טער קאפּיטל.

## ביי די טויערן פון לאַ עספּעראַנסאַ.

—אט א דא הויבט זיך אן סיביר! האט גערשוני גע-זאגט, ווען ער האט די ערשטע „קאלבא׳ פונם קאנוואי אין ברוסט באקומען... אט־א, ביי „לא עספעראנסא׳ הויבט זיך אן די התחלה פונם סוף מאאוריציא—מעגן די קאלאניסטן זאגן.

ביי די טויערן פון לא עספעראנסא האבן זיי דעם שטארקסטן שטויס אין הארצן פון דער פראנצויזישער דיק-טאטור באקומען און פון דעם דאזיקן שטויס איז ביי זיי געפאלן די גאנצע אמונה אין דער אידעע וואס האט זיי גע-ווארימט און געהיות׳ט די פריערדיקע 17 יאר.

נעבן לא עספעראנסא האט זיך צופאלקערט דאס מעכ-טיקע שנאה פייער צווישן די באאמטע אין די קאלאניסטן; א פיינדשאפט וואס ברענט און וועט ברענען ביז צום ענדע פון דער קאלאניזאציאן, און קיין וואסער אין דער וועלט וועט דאס ניט אימשטאנד זיין צו לעשן... „לא עספעראנסא׳ איז געווען די ארענע פאר דעם גרויסן שפעטערדיקן „טיטו-לאס׳-קאמפ, לא עספעראנסא האט אונז אין די געריכטס הייזער געבראכט מיט די אדונים זיך צו משפט׳ן.

און איך האב מורא צו זאגן, אז דארטן אין עספע-ראנסא האבן די אריסטאקראטישע דירעקטארן באזיגלט דעם אונטערגאנג פון דעם גאנצן קאלאניזאציאנס אידעאל!

הלואי זאל ניט זיין אזוי!

אבער ווער האט זיך געריכט אז ס׳וועט יאָ אזוי זיין? ווער האט זיך געריכט אז ס׳וועט יאָ אזוי זיין? ווען איז אויפן זינען געקומען אז זיי, די אייִדעלע גוט ערצויגענע אדונים זאלן אזא הימלשרייענדיקן אומרעכט בא-גיין? נארן א פאלק? נארן, אנטוישן דעם פאטער מיטן זון? א! היט אייך הערשער, צו נארן און צו פארשעמען דאס נידערגעשלאגענע פארשקלאפטע פאלק! אלץ קענט איר מיט אים מאכן, אויסהונגערן, פלאגן, שענדן, טרעטן אויפן קאפ, אבער ניט נארן, ניט חוזק מאכן פון זיינע איידעלע געפילן...

יא! זיי האבן חוזק געמאכט פון אונז; דאס ערוואר-טעטע פארשפראכענע עספעראנסא האבן זיי צו די גרים אוועק געגעבן...

נאר לאמיר אייך דערציילן בסדר ווי אזוי דאס איז געשעען.

ס׳איז נאך געווען צוווארטן דריי יאר ביז די סטאנ-ציע עספעראנסא זאל איבערגענומען און צוטיילט ווערן, דאס הייסט: גאנצע דריי יאר פארן שטורם.

דריי אדמיניסטראטארן האבן זיך געביטן אין דער צייט.

דער ספרדי סעניאר סידי איז אוועק קיין באסאוויל-באסא, אויף זיין פלאץ איז געקומען א טערקישער בחור סעניאר .K, א פריערדיקער לערער, ער האט זיך אבער, ווי ס׳ווייסט אויס, מיט זיין האס צום עמיגראנט און מיט זיין טרייהייט צום פראנצויזישן רעזשים זעער באליבט גע-מאכט ביי די דירעקטארן, אז זיי האבן אים פאר אן אדמי-ניסטראטאר באשטימט... פיל ארבעט האט ער ביי אונז דאן ניט געהאט, ער האט נאר זיין אמיגא דעם סעניאר שטראָך די סטאנציע סאנטא טאמאס, דעם סאד, וואלד און די שיינע מויערן אוועקגעגעבן, דאס הייסט: אויסגע-טוישט פאר יענעמס פשוטע טשאקרע פון אליסע... ער האט אויך די 25 העקטאר רעזערוו נעבן אליסער וואלד וואס די נאבעלע דירעקטארן הירש און קאזעס האבן איבערגעלאזט א שטעדטל צו בויען, פאר די זקנים און בעלי מלאכות, כדי זיי זאלן ניט דארפן וואוינען אין קאסארעס...

דאס האט ער צוטיילט צווישן די שכנים, אנולירנדיק אזוי דעם דאזיקן פלאן און אויף אזא אויפן אויך אנגעגרייט א ביסל ברען מאטעריאל פארן שפעטרן פייער... ער האט איינגעקאברירט דעם יערליכן אפצאל און באלד האבן אים די אדונים אלס הערשער אין דער קאלאניע ,דארא׳, אין דער פראווינץ סאנטיאגא דעל עסטערא אוועקגעשיקט, וואו ער זאל לערנען בלק מיט די עמיגראנטן פון קישענעווער פאגראם...

איך קען ניט פארבייגיין דערמאנענדיק דעם נאמען פון דער קאלאַניע דארא, כדי ניט צו זאגן א פאר ווערטער וועגן איר, הגם איך שרייב דאך נאר די זכרונות פון אונזער מאאוריציא, הגם עס וועלן זיך געווים געפינען קאלאניסטן פון יענע געגנטן אין טשאקא, סאנטיאגא אדער סאנטא-פעער סערעס און וועלן אוודאי פארשרייבן, פארצייכנען עטוואס פון זייערע ליידן, פון זייער פיין און שמערץ, וואס זיי האבן און וואס זיי וועלן נאך אויסליידן אין יענער וויס-טעניש און אונטער יענע מושלים... דאך, ווען דער געדאנק דרינגט אריין אין מוח און פאר די אויגן שטעלן זיך פיר אותיות ,דארא׳, דריקט דאס הארץ אזוי צונויף פון ווייטאק און עס ווילט זיך עפעס שרייבן, עפעס פרעגן, אוועקשטעלן די פייערדיקע שאלה פונם: ,פאר וואס׳? פאר וואס זיינען מענטשן אזוי שלעכט? פאר וואס נעמט מען אייגענע ברי-דער, וועלכע האבן שווער געליטן פון קאצאפעס גרויזאמע הענט, זיינען געמאטערט און געפלאגט געווארן, און קוים מיטן לעבן זיך געראטעוועט פון די פאגראמען,—אט די אומגליקלאכע פארפירט מען צוליב א ביסל שמוציקע געלט הינטער די הרי-חול, אין די מדבר שטרעקעס, צווישן זאלץ-

פלוסן, וועלכע גארטלען ארום דעם גאנצן מקום, דעם גאנצן שטח ווי מיט א ברוין געלן פארטוך; דארט ביי דעם גע-זאלצענעם טייך (ריא סאלאדא) און נעבן די פעלזן וואו דער ווינט שאפט זיך זיין נעסט, דארט אויפן סאליטער-זאמד, וואו די לופט איז אנגעפילט מיט זאלץ, וואו דער הימל איז ווי פון קופער, און די ערד גליט ווי אייזן, אט אהין פאר-שיקט מען יענע געפייניקטע, וועלכע האבן רו געזוכט אונ-טער די גאלדענע פליגל פון באראן הירש׳ס נדיבות, אט א די שוצלאזע, וועלכע האבן נאך ברויט און פרייהייט געגארט אונטערן שוץ פון דעם בלוי-ווייסן פלאג, וואס דער העלד בעלגראנא האט געשאפן און וואס דער גענעראל סאן מאר-טין האט באפעסטיקט,—און וואו זיי האבן געהאפט רו און ברויט צו געפינען אונטער די שיינע ארגענטינער הימלען אויפן רייכן פרוכטבארן באדן, שיקט מען זיי אהין וואו אלץ האבן זיי נעבאך דעם היפוך געפינען.

פארשאלטן זאלט איר ווערן קאמיסיאניסטן, שווינד-לער, מעקלער, גנבים, אינזשעניערן און אויך אייניקע בא-אמטע פון דער יק״א! ווי האט אייך אייער הארץ דערלאזט אזא פארברעכן, אזא הימל שרייענדיקן אומרעכט, אזא קרימען אויף אייערע ברידער, אויף אייערע מיטמענטשן אויסצוווירקן?

מיט פיר טויזנט יאר צוריק, אין דער בארבארישער ווילדער עפאכע, ווען שקלאפעריי איז דער גלענצנדער אוי-בער מסחור געווען, האבן צען ברידער איינעם פארקויפט... ווען אפילו די ביבלישע לעגענדע האט דעם פארקויפטן אפילו פאר א וויצע קעניג געמאכט... דאך! פלאמט אונז נאך אויף דאס געזיכט פאר שאנדע דערמאנענדיק אן יענעם שענד-ליכן אקט...

און דא האט איר פיר, פינף הברים טויזנטער פון אייערע ברידער פארקויפט!...

עס שטייען אזעלכע שטרעקעס פון טויזנטער פרוכט-בארע פעלדער אין דער ארגענטינער רעפובליק, וואס קיין מענשליכע האנט האט זיי נאך ניט באריִרט, און איר רוצחים האט אייערע ברידער פאר א ביסל פונס געלן מעטאל, פאר א פעטע קאמיסיאן אין די מדבריות פארפירט וואו זיי גייען אויס פון הונגער און דורשט און ווערן נאך דערצו געפיי-ניקט, געשלאגן און אין תפיסה געווארפן.

איצט ווען איך שרייב די שורות און אויגוסט 1917 איז די גאנצע פרעסע פון לאנד. די אידישע ווי די אלגע-מיינע, אויפגערודערט צוליב די שענדלאכע בארבארישע טאטן, וואס ווערן אויסבאגאנגען אין דארא בנוגע אונזערע קאלאניסטן.

דער ים זאל פון טינט זיין, דאכט זיך—וואלט ער אויך ניט געקלעקט אויף אויסצושרייבן די ליידן פון די עמיגראנטן אין די ווילדע געגנטן וואו די יק״א האט זיי פארפירט.

און אלע וואסערן פון אונטן און פון אויבן וועלן ניט אימשטאנד זיין אפצואווישן דעם שענדלאכן רויטן פלעק, מיט וועלכן די געשיכטע וועט זיי שטעמפלען. נאר דאס איז ניט מיין זאך, איך וויל אייך נאר דערציילן פונם טערקישן בחור.

## 81-טער קאפיטל.

# דער טערקישער בחור.

קיין שלעכטער בטבע איז ער ניט געווען, נאר אלס ערצויגענער פון דער פאריזער אליאנץ איז ער איינגעוואוינט געווען צו פאראכטן דעם רוסישן אידן און זעער שעצן און אכטן די פראנצויזישע פילאנטראפיע, וועלכע ערנידעריקט זיך אויף אזוי פיל און גיט זיך אפ מיט די רוסישע שלעפער, טוט זיי אזעלכע טובות, און זיי רעבעלירן נאך אפט מאל... ער האט אין דארא אלץ איינגעארדנט, דיסציפלינירט די אימיגראנטן, ער האט געשריבן גאנץ שיינע און אינהאלטס רייכע פראנצויזישע באריכטן צו די אדונים אין קאזשאא 216, וואס זיי ווייסן דאך באמת ניט פון קיין שווינדל און פון קיין מאכערייי... זיי האבן געלייענט, אז דארא פראגרע- סירט, זי האט א גלענצנדע צוקונפט, נאר זי מוז אדורכ- מאכן די ערשטע שוועריקייטן וואס יעדער קאלאניזאציע פאדערט אזוי ווי למשל מאאוריציא האט דורכגעמאכט. די באריכטן האט ער געוואוינליך געשריבן אין זיין לייזיקער צייט, וועלכע איז ביי אים א זעער באשרענקטע געווען, ווייל ער האט זיך אויסער דעם בכלל אפגעגעבן מיט מסחור, האט זיך צוגעהאנדלט מיט לענדערייען, אדער „טערענאס״ בלע״ז, האט געקויפט לאנד, צושניטן אויף לאטאקאך און פארקויפט פלעצער... און ווי מען זאגט, האט ער פון יענעם מסחור א היפשע מטבע געמאכט, א פאר מאל מאה אלף... ערשט דאן האט ער זיינע באריכטן געשריבן, אז ער איז מיד פון דער שווערער ארבעט און אז ער וויל רו האבן... די אדונים האבן דעם טרייען יק״א דינער די בעסטע טשאקרע אין שטעדטל M. V. אוועקגעגעבן, וואו ער האט חתונה געהאט מיט א יק״א באאמטנס א טאכטער... און איז איצט א רייכער שיינער סוחר—א קאלאניסט הייסט עס, האנדלט מיט אלטע קאלאניסטן—די רייכע סוחרים פון פי, וועלכע זיינען דער שיין פון דאס ליכט צווישן דער גרויסער צאל קבצנים וואס גייען דארט אויס פון הונגער און ווערן מיט פאליציילאכער קראפט אראפגעווארפן פון זייערע פעל- דער דורך די באאמטע פון יק״א, נאכדעם ווי זיי האבן דארט 25 יאר פון זייער לעבן פארלוירן אין לייד און צער... זיין פלאץ, דעם בחור׳ס ביי אונז אין מאאוריציא האט פאר- נומען דער פראוויזארישער אדמיניסטראטאר כואן לא ראסא, א „קריאזשא״ אן איינגעבוירענער.

א הויכער שלאנקער שייגעץ מיט א אידישן נאז איז דער קריסט געווען, זעער א ליבלאכער מענטש, האט א יעדן גערופן „סעניאר", איז געווען ווי מען זאגט א מענטש אן א גאל, אן אמת׳ע היזיקע פרייע נאטור, זיס ווי צוקער און מילד ווי א טויב, ער פלעגט חוזק מאכן פון די דירעקטארן מיט זייער פארפורמירטער מאנארכיע...

—א מאראקאנער אינגל, אבי ער רעדט און שרייבט פראנצויזיש, האט ער מער צוטרוי און גלויבן ביי זיי ווי 500 אייערע קאלאניסטן מיט די ווייסע בערד,—פלעגט ער טענה׳ן,—און אזוי ווי ער איז נאר געווען „פראוויזאריאמענטע" האט ער מיט א יעדער זאך אפגעשיקט צו זיי.

—פארט אהין קיין קאזשאא אין בוענאס איירעס, רעדט אליין מיט אייערע „פאטראנעס", איך וויל ניט שרייבן, עס עקלט מיך זייער מענטירא׳איזם (שקר).—פלעגט ער אונז פשוט זאגן, און קאלאניסטן האבן געפאלגט און גע-פארן גלייך צו די אדונים.

## 82-טער קאפיטל.

# די אויפנאמע פֿון א קאלאניסט אין דירעקטאריום פון דער יק״א.

אויף דער ברייטער לעבהאפט-רווישנדער גאס מיטן נאמען קאזשאא האט די עמפרעסא קאלאניזאדארא, פריער „באראן הירש“ און איצט „יק״א“ דאס גרויסע רייכע הויז נומער 216 געקויפט—דאכט זיך פאר א פערטל מיליאן פעז, היינט איז דאס ווערט דריי מיליאן—און דארט איר ביורא אויפן ערשטן עטאזש אינסטאלירט.

די גרויסע צעדערנע טיר מיט איר טונקל-לעבער קאליר איז שטענדיק נאר האלב אויפגעעפנט געוועז. 10 מינוט פאר אכט אין דער פרי זעט מען יונגע אויך אלטע מענשן אויטאמאטיש מיט א קאלטן גלייכגילטיקן פנים אריינגייענדיק מיט איין זייט גוף דורך דער האלבער טיר, און זיי ווערן אין דער שטיל פארשוואונדן. 10 מינוט פאר 12 קומען זיי ווידער ארויס מיטן זעלבן געזיכט, דאס זעלבע גלייכגילטיקייט וואו קיין טרויער אדער פרייד איז קיינמאל ניט צו מערקן... יק״א באאמטע זיינען דאס, האלב דריי בייטאג קומען די זעלבע ווידער און זעקס גייען זיי זיך אוועק; די טיר ווערט דאן פארמאכט ביז מארגן אין דערזעלבער אויבן דערמאנטער צייט. קיינער פון די פארבייגייער ווייס ניט וואס דאס איז פאר א הויז און וואס דארטן קומט פאר...

דער קאלאניסט וועלכער דארטן אין זיין הוים האט עפעס א אנקלאגע אויף דער אדמיניסטראציע, אדער א פריוואטע ביטע, אדער גאר אן אומגליק האט אים געטראפן און ער נעמט זיך אן מיט קוראזש און קומט קיין בוענאס איירעס צו די אלערהעכסטע אדונים אליין, זוכט ער שוין אוים די גאס, אויך די טיר מיט דעם בראנזענעם טאוול וואס אויף אים איז אויסגעקריצט נומער 216 און בלייבט דארט שטיין. ער גלייכט אוים די ווייסע פאטשיילע ארום זיין האלז שפיליעט צו די קנעפלאך פונם ראק, גלייכט אוים די בארד, שפייט אוים און נעמט אן א פולן מויל מיט רייד און אויף די שפיצן פינגער רוקט ער זיך אריין אין דער האלב אפענער טיר.

אויף די מארמארנע טרעפ וואס זיינען מיט א פוכיגן געשטרייפטן טעפיך באדעקט קומט אים אנטקעגן פריץ, דער רויטער שווייצאר, אנגעטון אין א שווארצן לאקיי-אנ-

צוג, מיט אויסגעהאפטענע באגילטע אותיות J. C. A. אויף ביידע לאצן, און אויף דער קאלישקע פון זיין פראנצויזיש-ער מיץ.

דער קאלאניסט דערשרעקט זיך און בלייבט שטיין, פריץ פארמאכט אן אויג און גיט אים א פרעג:

—צו די הערשאפטן? א יא? הייטע זינד זיי פארנו-מען... איך דענק ס׳וועט שווער זיין...

דער קאלאניסט הויבט זיך אן קרימען:

מיין האר! איך האב געהאט הוצאות, איך מוז מיט די הערן ריידן, טוט מיר א טובה סעניאר!

—ווי רופט מען זיך?—פרעגט פריץ,—איך וועל פרעגן. ער ווייזט אים אויף א שטרויענע קאנאפע ביים וואנט, גיט אים א מאך מיטן האנט צום מויל, דאס הייסט ער זאל שווייגן, זיצן שטיל און פארצייכנט זיך דעם נאמען פון קאלא-ניסט פון דער קאלאניע. ביידע ווערן דאן אנטשוויגן.

עס גייט אוועק היבשע עטלאכע מינוט, דער קאלא-ניסט זיצט און ווארט, כאפט אלע מאל א קוק צו פריץ׳ן און ער ווייזט אים אלץ מיט דער האנט אדער ווייזט אים אן אויף איינע פון די טירן, וואו די אדונים פראווען און דרייט מיטן קאפ אויף ניין, ס׳איז נאך ניט די צייט...

דער קאלאניסט ווארט און טראכט, איז זיך דערווייל מסדר די טענות, וואס און ווי אזוי ער זאל ריידן מיט די דירעקטארן קורץ און גוט, דער אלטער קיילעכדיקער זייגער רוקט אלע ווײלע די פארראסטעטע ווייזערס זיינע, ער קלאפט הייזעריק אויס „עקף״.

דער קאלאניסט זיצט אין שרעק, ווארט און קוקט, אט ווערט שפעט...

ער וויל א הוסט טאן, א גענעץ, כאטש א שפיי טאן, האט ער אבער מורא איבערצורייסן די שטילקייט... פלוצים קלינגט א גלעקל, דער קאלאניסט דערשרעקט זיך, הויבט זיך אויף פון דער קאנאפע, שטעקט גלייך אריין א פינגער אונטערן גארגעל אנצוטאפן, צי די פאטשיילע ליגט דארט גוט, ווישט אפ נאך אמאל דעם נאז, קוועטש צו דאס היטל אין דער לינקער האנט און איז שוין מיט זיך פארטיק צו שטיין פאר די אדונים...

אויף די שפיצן פינגער שוועבט דורך פריץ, עפנט לאנגזאם איינע פון די פילע טירן, שטופט אריין דעם קער-פער און קומט גלייך ארויס.

—קומט!—זאגט ער צום קאלאניסט. גייען זיי אריין דא אין דיזער טיר צום הער ראזענוואלד.

—איך בין דאך געקומען צו די הערן דירעקטארן!—קלאגט זיך דער קאלאניסט.

—יא! יא! קומט!—נעמט אים ביי דער פלייצע דער שווייצאר,—אלעס קענען זי זאגען דעם הער ראזענוואלד, די הערשאפטען זיינען פארנומען, די קארעספאנדענץ גייט הייטע נאך פאריז...

ער עפנט א טיר לינקס ביי די טרעפ און לאזט דעם קאלאניסט אריין.

83-טער קאפיטל.

# דער "מעדיום" פון יק"א.

אין א ברייטן ליידיקן צימער מיט פיל שטויב אויף און אפגעקראכענעם לעדערנעם שטול זיצט דער אלטער ראזענ-וואלד, א עלזאסישער הויכער דארער אידל, מיט גרויסע בלויע ברילן אויף א דיקער בראנפן נאז. קוקט אריבער די ברילן אויף דעם אפגעסמאלעטן פנים פונם קאלאניסט און הייזעריקלאך אויף דעם עלזאס-דייטשן דיאלעקט פרעגט ער אים.

—וואס ווילען זי?

דער קאלאניסט דערציילט...

אפטמאל אויסהערנדיק די טענות, פארשטייט שוין דער עלזאסער אידל אליין וואס צו ענטפערן דעם קאלא-ניסט און פטר'ט אים גלייך אפ. און אמאל לאזט ער אים שטיין, עפנט אויף א קליין טירל פון זיין צימער און גייט אריין אין דירעקטאריום און ברייגנט אים ארויס א רע-זאלוציע פונם אלערהעכסטנטום אליין.

דער איד גייט אראפ פון די מארמאר-טרעפ א ברוגז-ער, א פארשעמטער; האט געהאט הוצאות, פארלוירן א פאר טאג ארבעט און אפילו די נאטשאלניקעס ניט געזען...

און כדי די שכנים זאלן ניט לאכן... זאגט ער א ליגן אז ער האט מיט די אדונים אליין גערעדט און זיי האבן אים נאך פיין באהאנדלט...

אפטמאל מאכט זיך אז די אנקלאגע אדער די ביטע פונם קאלאניסט איז מיט עפעס נוגע די פארוואלטונג אליין... און עס נויטיקט זיך אנצוקוקן דעם פרצוף פונם קאלאניסט זעלבסט, גיט אים א וואונק דער הער ראזענוואלד און לאזט אים אריין אין סאמע הייליקטום צו די הערשאפטן אליין. אויף דער טיר איידער ער קוקט זיך ארום וואו ער איז ער-געץ אין דער וועלט, שטייען שוין ביידע דירעקטארן אנט-קעגן אים און דער הער מאס, דער עלטערער און גראד ניט דער גרעסערער חכם... פרעגט באפעלעריש:

—יא! זאגן זי! זאגן זי! מאכן זי שנעל! מיר האבן קיין צייט... אלע טענות וואס דער איד האט זיך מסדר געווען אין דער היים, איבערגערעדט מיט דער ווייב, מיטן עלטערן זון, זיך איינגעהזר'ט אויף דער באן, און דא אויף דער שטרויענער קאנאפע... די אלע רייד ווערן ביי אים פון שרעק און איילעניש אויסגערונען, ער שטאמלט, פלאפלט, אבער גארניט דאס, וואס ער האט געוואלט און באדארפט ריידן.

דער הער װענעציאַני, קוקנדיק זיך אויף זײַנע נעגל, וואָס ער דלובעט זיי מיט אַ קליין שערעלע, ענטפערט:

—גוט, דורך דער אַדמיניסטראַציע װעלען זי ענטפער באַקומען... דער רוסיש גובערנאַטאָרישער ענטפער:

—טשערעז פּאַליציאַ פּאַלוטשיש!... דער קאָלאָניסט האָט נאָך די סלונע פּונם מויל ניט אַרונטערגעשלונגען, און דער שווייצאַר שטייט שוין הינטער אים:

—ביטע! ביטע!— און ער געפינט זיך שוין פון יענער זייט טיר...

איינציגע מיוחסים, פיר אָדער פינף פון דער גאַנצער קאָלאָניזאַציאָן, האָבן די זכיה געהאַט ניט צו זיין אונטער-געוואָרפן דעם „מעדיום" דעם עלזאַסישן אידל, אָדער דעם נאָכפאָלגער זיינעם, דעם יונגן בחור האדון אָדעסקי; די דאָזיקע חשובים ווען זיי האָבן פּריצ׳ן זייער וויזיט קאַרטל געגעבן, איז ער גלייך „לפני ולפנים" אַריין, און זיי באַלד —נאָך איין שעה וואַרטן—אַריינגעלאָזט צו די הערן, און אַן אַ שום פאַרמיטלער האָבן זיי די אדונים מיט׳ן חשוב אַליין גערעדט, און זעלטן אַפילו אַ שטול צום זיצן אים אויך אָנ-געוויזן, אָבער דאָס אויך גאַנץ קורץ און באַשרענקט. די גומענע בייגל מיט די לעכער אונטער זייער זיץ האָבן זיך אויף גיך באַוועגט, מען האָט זיך אַלע מאָל געהויבן אויפן שטול,—אַ סימן אַז דער אוידיענץ איז געענדיקט.

אַזוי האָט זיך דאַמאָלסט און נאָך היינט אויך געפירט.

אַזוי האָט מען אויפגענומען און אויסגעהערט די באַ-ליידיקטע באַ׳צער׳טע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען געקומען זוכען גערעכטיקייט אין הויז אויף קאַזשאַא 216.

ס׳איז פאַרשטענדלאָך, אַז אַזאַ ביוראָקראַטישע הער-שאַפט האָט ניט לאַנג געקענט אָנהאַלטן... כל זמן עס האָט זיך געהאַנדלט פון סענטימענטן און ערע-באַליידיקונגען און געפיל פאַרלעצונגען ביים נאַאיוון פויער האָט ער געליטן און געשוויגן: מילא פאַרט אַ פּריץ!... ווען מען האָט אים אָבער שפּעטער אָנגערירט זיין העכסטן לעבנס נערוו... ווען דער דירעקטאָריום האָט אים פאַרוואונדעט אין סאַמע האַרצן, ווען די פראַנצויזישע בייטש האָט דורך דער פאַרהאַרטע-וועטער הויט פון פאַרהאַרעוועטן קאָלאָניסט אויך דער-לאַנגט...

אַ! דאַמאָלסט האָט די גרויסע בלינדע חיה, די מאַסע איר מויל געעפנט און האָט אַזאַ שטאַרקן ברום געטאָן, אַז די הערשאַפטן אויף זייערע שטולן פון קאַזשאַא זיינען דער-ציטערט געוואָרן... אַ שטימע אַ שרעקלאַכע האָבן זיי דערהערט:

—פרייהייט! פרייהייט! „טיטולאַס" קויפשיינען אויף אונזער לאַנד גיט אונז אַרויס... מיר ווילן אייך ניט קענען, לאָזט אונז פריי!

נאָר צו וואָס זאָל איך פאַרלויפן אויף פריער מיט 5 יאָר, לאָמיר גיין כסדר.

דער ,קריאזשא׳ אדמיניסטראטאר כואן לא ראסא איז אוועק, און מיט אים קען מען זאגן איז אויך דער פרידן, די רו פון מאאוריציא מיטגעגאנגען...

זיין פלאץ האט פארנומען א יונגער מענטש פון די גדולים אין פאריז... זיין נאמען? וואס איז די נפקא מינה?... בראמבערג צו בראנשווארץ, בעסער וועלן מיר אים רופן B. ער האט זיך אויפן שטול ארויפגעזעצט, און ער האט ארויסגערופן דעם געוויסן שטורם אין קאלאניע, וועלכער בושעוועט, בושעוועט און ווערט גאר ניט געשטילט.

84-טער קאפיטל.

## B. אדמיניסטראטאר

איך בין זעער ארים אין פארבן, איך זאל אייך קענען אפמאלן דעם נפש הער אדער סעניאר .B, און ווער האט דא יא אזא רייכע פאלעטע מיט אזוי פיל קאלירן כדי צו אפ-צייכענען דעם דאזיקן פי׳פארביקן פארשוין?... איך קען אייך נאר זאגן אז ער איז זעער א פארביטערטער געווען. ער האט פיינט געהאט א קאלאניסט אדער ריכטיקער צו זאגן, א רוסישן אידן; פיל מער און הארציקער פון אלע זיינע פארגענגער צוזאמען און אן א שיעור ווייען, שמערצן און יסורים האט ער אונז פארשאפט, אויך פיל מערער פון די אלע טיראנען, די וואגאבונדן, נוגשים און אדמיניסטראטארן ביז אים. און מעגלאך טאקע אז דערפאר אליין האט ער זוכה געווען צו זיצן איצט אין 1917 פראוויזאריש אויף דעם גומענעם געלעכערטן בייגל פון דירעקטאר שטול אין הויז פון קאזשאא 216...

ווער ווייס?

עס ווייזט אויס אז סאיז פאראן א שטיק אמת אין דער לעגענדע:

אז טיטוס שוועסטער׳ס א זון ,אונקלוס׳, האט דורך כישוף טיטוס׳ן פונם קבר ארויף געבראכט און אים גע-פרעגט:

—ווער איז חשוב דארט אויף יענער וועלט?

—די אידן!—האט טיטוס געענטפערט.

—זאל איך זיך מגייר זיין, ווערן איינער פון זיי?

—ניין!—זאגט טיטוס—זיי האבן אויף זיך זעער פיל פליכטן, וועסט זיי נ יט נאכקומען. נעם בעסער און קוועל זיי, טו זיי אן צרות, מאטער זיי, פייניג זיי, וועסטו ווערן גרויס...

איך ווייס ניט פון וואנען האבן די באאמטע פון דער יק׳א זיך דערוואוסט פון דער תלמוד׳ישער לעגענדע?

זיי זיינען דאך מחילה כמעט אלע—אויסער די דירעק-טארן,—עמי-הארצים גמורים?... דאך איז אבער פארט אזוי געווען.

וואס מער זיי האבן אונז געפלאגט. אלץ גרעסער אלץ צו א העכערן ראנג האבן זיי געשטיגן... עס האט זיך א-רויסגעוויזן ריכטיק, אז:

—כל המיצר לישראל נעשה ראש—

נאר ניט דאס בין איך אויסן.

איך וועל נאר אייך אביסל כאראקטעריזירן דעם הער B. וועלכער האט אונז פאראורזאכט שרעקלאכע צרות.

א יונגערמאן איז ער געווען אבער א טיפע צובראכענע עלטער איז אויף אים געלעגן... קאסטאדא—האבן אים די „קריאזשעס״ גערופן, און דאס איז ער נעבאך טאקע געווען; אויסגעצערט, מיד, אפגעלעבט, בלאס און טויט,—נאר וואס דער גיפט האט זיך אין אים געהאלטן.

זיין נשמה,— אויב ער האט אזעלכע אמאל פאר-מאגט,— איז שוין אויך אן אויסגעצערטע געווען, איז פאר-בליבן הייננגען ערגעץ צווישן די בוימער אין א פאריזער בולוואר...

צו אונז האט ער נאר געבראכט זיין סקעלעט אלס איינציקן סימן איבער זיין אפשטאמונג פון דער איידעלער פראנצויזישער אריסטאקראטיע.

איידעלע געזיכט-שטריכן האט ער געהאט, א לייגלאכע אדלער נאז, א געל בערדל אפגעשוירן „א לא פראנס״, א פאר מאטע אויגן טיף איינגעזונקען אין קאפ האבן קעציש אפגעגלאנצט אויף זיין פארמעט פארגעלטן פנים.

ריידן האט ער גאר ווינציק גערעדט, כמעט א „שותק״, און ווען ער האט שוין אמאל יא „געשפראכן״, האט זיין שטימע זיך איבערגעשלאגן נערוועזיש, און האט הייזעריק געגרילצט, נאר צו שרייבן האט ער א כתיבה גאלד מיט זילבער געהאט, ממש בריליאנטן האבן זיך פון זיינע פינגער מיט די געלע נעגל געשאטן.

א קאלאניסט האט ער פיינט געהאט, אמת פיינט! ער האט דאס אויך ניט געלייקנט.

ווען ער האט איינעם פון אונז דערזען פלעגן זיינע אדערן ווי לאנגע גרינע ווערים אויף זיין צאנגלען פנים א-רויסקריכן, און זיך נעמען צוקן קאנוואולסיוו, אז אן עקעל פלעגט דעם צושויער באפאלן. איין מעלה האט ער געהאט, ער איז ניט געווען קיין היפאקריט, ער האט אלעמען גלייך געהאסט; ביי אים האבן די טעלער לעקער קיין פלאץ ניט געהאט...

—ציט אפ!—האט ער איינמאל אין א פרימארגן צו אונזער אברהמ׳ל ראזענפעלד א ברום געטאן אין קאסטעל-יאניש, ווען ער האט אים געטראפן אויף דעם מאזאאיר (באלדאסעס) נעבען דער אדמיניסטראציע.

—רעטירע סע!—שרייט ער צו אים,—ווייל איך האב לוסט אריבער צעווארפן אייך איבער דער אלאמבערא.

מען קאן אויף זיכער ניט וויסן צי איז ער טאקע אין תוך אריין א רשע געווען, צי נאר א געטרייער דינער פון דער דזשואיש קאלאניזיישאן אסאסייישאן (יק״א), וואס ווען ער האט די דריי ווערטער אויסגערעדט, האבן זיך אים די ליפן פאר מתיקות געקלעפט... און ער האט זיך געפלייסט אויסצופאלגן דאס, וואס די אדונים האבן אין הארצן אפשר ניט געטראכט...

כדי ארויסצעוויזן זיין רשעות האט ער כמעט גאר-
ניט געהאט וואו דא ארויס צו באווייזן אין יענער עפּאכע, די יארן זיינען געגאנגען גוט, קאלאניסטן האבן אין יאר 1907 געארבעט אין גרויסער „עסקאלע״, אלע גערטנער, אלע רעזערוון האט מען מיט תבואה פארזייט, מען האט צוגע-דונגען פעלדער פאר געלט און אין ארענדע גענומען, אויף פּראצענטן, מען האט געוואלט מיט אמאל רייך ווערן.

איך וועל אייך אויסזאגן א סוד אין אויער אריין—ווייסט איר וואס? דאמאלסט זיינען מיר דאס אראפּ פונם דרך הישר... מען האט אוועקגעווארפן די מילך פּראדוקציע, פארקויפט די מילך קי, אויס גארטנס, אויס מיל, ווער דארף דען מאלן? ווער עסט דען אין ארגענטינע שווארץ ברויט? צוויי נול און 000 געבייטלט, וואס איז, עס טראגט ניט? עס פּראדוצירט דאך אזוי גוט, צו 15-18 פאנעגאס פונם העקטאר און די בענק גיבן דאך אזא גרויסן קרעדיט! יעדן חיים יענקעל, וואס פלעגט קויב מיט צרות דארט אין דער היים פועלן ביי הירש דעם מלוה א 25-ער אויף וואָ-כער אויסצוצאלן א רובל מיט פינף און צוואנציק קאפּיקעס יעדן שבת-צו-נאכט איז ער דא אין אלע דריי בענק א בטוח געווארן אויף טויזנטער, און בלויז אויף 8 אדער 9 פּראָ-צענט א יאר, גבירים, אדירים, ווער דארף זיך אפּגעבן מיט קי מעלקן... אדער ציבעלע זעצן...

—מאכט גרויסע פּאסיעוון! האבן אלע תבואה-סוחרים דאמאלסט געראטן די קאלאניסטן,—אפילו אונטער די בעטן פארזייט ווייץ ליאן אדער מאאיס... און ווערט רייך—-איז זייער לאזונג געווען, און די קאלאניסטן האבן געפאלגט...

אין אזא רייכער עפּאכע, וואס האט דער אדמיניס-טראטאר .B געהאט צו טאן? ער האט געשריבן קוויטונגען פונם „אנואלידאד״ אויסגערעכנט אים פלינק נאכן קורס פון גאלד, 227-27 די הונדערט פּעז גאלד, און וויפיל ער שרייבט דעם קאנטראקט מיטן פּראצענט פּונקטליך נאכן טאג... גענומען טשעקן אין די בענק אדער צו די סוחרים פון „סערעאלעס״ און פּטור.

85-טער קאפיטל.

# אוואו פינט מען ארויס די גיפט.

יעדע ענערגיע מוז פארווענדעט ווערן, גוטס צי שלעכטס, זוכט זיך אירע וועגן אויף אנצואווענדן איר קראפט...

דער סעניאר .B האט געזוכט און געפונען עטלאכע קאלאניסטן, וואס אין יענער גליקלאכער עפאכע זיינען זיי דאך אומגליקלאך געווען, עלטערע מענשן פאראורטיילט פונם שיקזאל צו ארימקייט...

זיי האבן א טייל פון זייערע פעלדער אוועקגעגעבן די פראגרעסיווע, צו די יעניקע, וואס האבן געארבעט גרויס מיט די קרעדיטן...

יענע זיינען נעבאך איצט שטארק ארים... זיי באצאלן טייער פאר דער ספעקולאציע.—אט די רייכע האבן ביי די ארימע די פעלדער אויף פלאנצן גענומען, ד. ה. צאלן נאך דעם אראפנעמען פון די פעלדער 15 זעק אדער 18 פון יעדער הונדערט.

דארט צווישן די ארימע, אויף יענע פלייצעס האט ער אביסל זיין ממשלה געקענט ארויסווייזן און באפרידיקן זיין טיראנישן גייסט...

אברהם דיין,—דער אומגליקלאכער זקן, וועלכן איך וועל שפעטער נאך דערמאנען,—האט דאמאלסט ביי פנחס כהן אין גרופע 43 באארבעט לאנד אויף פראצענטן; ווען ס'איז געקומען די קאסעטשע, ביים דרעשן האט דער אדון .B זיין קאפאטאס דעם יונגן קאלאניסטישן אינגל יצחק מאיר מגט"ז געשיקט, ער זאל אפמארקירן מיטן יק"א חותם די זעק ווייץ ביי דעם קאלאניסט פנחס כהן פאר דעם אנוא-לידאד, וואס ער איז הינטערשטעליק שוין פון א פאר יאר. דער ארענדאטאר אברהם דיין האט ניט געלאזט מארקירן נאר דער חלק זעק וואס עס קומט דעם בעל הבית פונם לאנד, לויט זיינע פראצענטן.

און דער אדון האט פארארדנט צו צונעמען דעם גאנצן ווייץ, בכדי עס זאל סטייען צו באצאלן די יערלאכע ראטן פון פריער; דער אינגל מגט"ז האט פארשטאנען אז ס'איז אן אומרעכט און האט ניט געוואלט אויספאלגן דעם באפעל...

דער אדון .B האט גענומען וועגן, מיטגענומען מיט זיך פאליציי און איז אליין ארויף אויפן לאנד און באפוילן די „קארעראס" גאאוטשעס אנצולאדן דעם גאנצן ווייץ און אוועקפירן אין אדמיניסטראציע. דיין האט זיך אנטקעגן גע-שטעלט און מיט רעכט געטענה'ט.

—איך האב געארבעט, געזייט, אריינגעלייגט מיין גאנץ קאפיטאל אין פאדים, דרעשן, זעק; פאר וואס נעמט איר צו מיין בלוט פאר יענעמס חובות? איר קענט צונעמען די פראצענטן און דאס אויך ניט אין גאנצן, מ׳דארף לאזן דעם קאלאניסט אויף ברויט און אויף זריעה! דער אדון האט אים אבער קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט און אים אפגעטריבן ווי א הונט. א ווארט פאר א ווארט—דער איד האט אנגעהויבן שרייען.

—גוואלד, א גראביעזש! און זיך צולייגט אויף דעם שטייג זעק און ניט געלאזט נעמען.

דער אדון האט זיך דורכגעשמועסט מיט דער פאליציי, גלייך איז דער קאלאניסט דאן אין קייטן געשמידט געווארן, מען האט אים גוט מכבד געווען... און מיט א פאליצמאן ארופגעזעצט אויף א פערד און היידא אין קאַלאַבאָס אריין... און דער גאנצער ווייץ איז אין אדמיניסטראציע אפגעפירט געווארן.

אויף מארגן האט שוין דער סוחר פון קאסארעס—וואס דיין האט דורך זיין קרעדיט די גרויסע פאסיעוון געמאכט, און דורך וועלכן ער איז שפעטער רואינירט גע-ווארן.—דער „סערעאליסט" איז שוין מיטן אדון .B מושוה געווארן... און האט דעם ארעסטאנט באפרייט...

אזעלכע סצענעס האבן זיך שוין ביים אנהויב פון זיין רעגירונגס צייט אפגעשפילט אבער ווער האט זיך איבער דעם געקימערט?

מער אכזריות׳דיקער איז צוגעגאנגען מיטן קאלאניסט וואלף שרייבער אדער מיטן צונעמעניש: „שרייבער דער משוגענער" אין לייב און אויך אין דער נשמה פון דעם ניש-טיגן „שרייבער", האט דער אדון .B אלע זיינע צען פאר-פעסטעטע נעגל איינגעגראבן און די פאמיליע שרעקלאך פארוואונדעט. אבער אויך דאן האבן אונזערע תמימים, די נאאיווע קאלאניסטן זיך ניט ארומגעקוקט:

—מאלע וואס שרייבער!—האט א קאלאניסט געטראכט,

—שרייבער איז עפעס אנדערש!...

גערעכט, כ׳לעבן, שאפענהויער:—יענעמ׳ס ווייטאק, אויפן בעסטן אופן קענען מיר „פארשטיין", בלויז פארשטיין מיטן שכל... „פילן"? פילן מיר נאר אונזער אייגענע ווייטאקן; ווי טאן טוט ווי נאר דאן, ווען עס באריהרט דעם איך... דאס אייגענע פעלכל... יענעמס ליידן פארשטייען מיר בלויז מיר סימפאטיזירן נאר מיט זיי...

מיר האבן פארשטאנען און אונטערגעאכקעט אויף שריי-בערן אבער מיר האבן ענערגיש ניט פראטעסטירט... ערשט שפעטער, ווען דער אדון .B האט אונז אליין אנגעריירט, ווען ער האט געצומען פארטיילן „לא עספעראנסא", אָ, דאן האבן מיר אלע דערפילט!... אבער ס׳איז שוין געווען צו שפעט... און האט אונז נאר דאס פנים מיט שאנדע געוואשן.

86-טער קאפּיטל.

# וואלף שרייבער.

איך מוז שיינקען א גאנצן קאפּיטל צום אנדענק פון דעם פיל געליטענעם באַ'צער'טן ערליכן קאלאניסט, דעם „איוב' פון מאאוריציא, דעם אומשולדיקן קרבן פון דער (דזואיש) יק'א—וואלף שרייבער.

אין א ווינקל פון קאלאניע, ביי דער אלאמבּרא פון „לא פּאלמא' איז א צווייטל פּאראן, די גרופּע 42, אין וועל־כער בלויז צוויי משפּחות זיינען עסטאבּלירט אדער באזעצט געווארן. אברהם קעסעלמאן און וואלף שרייבער, צוויי ער־לאכע פרומע נשמות האבּן שטענדיק אין צער און אין דחקות געלעבּט, איך גלויב אז אין די יארן זינט זיי זיינען דא, האבּן די צוויי נשמות קיין איין גליקלאכע רגע ניט געגאסן... זיי שלאפן שוין ביידע אין טלית אויפן מאאורי־צער בית עלמין... און אויב דארטן אונטער דעם געהיימן פּאראהאנג געניסן זיי נעבּאך אויך ניט קיין גוטס... איז טאקע באמת א גרויסע רציחה...

פיל מער פון ביידע משפּחות, די בעלי בתים פון דעם צווייטל, האט דורכגעמאכט וואלף שרייבער.

צוויי זין און איין טאכטער א בת יחידה, מלכה האט דער אומגליקלאכער פּארמאגט.

דער עלטערער זון מיכל איז נאך אין די ערשטע יארן אוועק פון קאלאניע, האט זיך א מלאכה אויסגעלערנט, איז א בּלעכער געווארן און לעבּט זיך פון זיין ארבּעט. דער צווייטער זון יענקעל איז נאך א קינד געוועזן. אזוי איז די גאנצע פּעלד ארבּעט געפאלן אויף דעם קליינגעוואוקסיקן אידל שרייבער און אויף זיין הויכער דארער מויד, די בת יחידה מלכה. וואס האט דען די ארימע מלכה ניט צו אר־בּעט? וויפיל האט זיך די מאגערע מויד דען ניט גע־פּלאגט? בּארוועס אויף דער רעלווי האט זי די בראנע מיט די אקסן גלייך געשלעפּט, אונטער דער ברענענדער זון אויפן פּעלד, אויף די סטערטעס, „וואזעוויצע' מיט א וואגן צוזא־מען פירן דאס ברויט.

אומעטום איז מלכה גלייך מיט איר פאטער ביי דער ארבּעט געוועזן.

א שם דבר איז מלכה שרייבער אין קאלאניע געווארן, זי ארבּעט גוט פונקט ווי א בחור... און דער פאטער שטענ־דיק נעבּאך א קבצן, די אדמיניסטראציע האט אים שלעכט

און אויך ווינציק לאנד געגעבן... און וואס האט ער געקאנט מאכן?

א איד א דארער, א קליינער, א חלוש, א משוגע׳-נער... דעם צונאמען משוגע׳נער האט ער ערלאך פאר-דינט... פאר זיין זאגן דעם אמת יענעם אין די אויגן...

—איך פרעג אייך, איז דאס ניט קיין שגעון? וואס הייסט זאגן יענעם וואס מען ווייס און וואס מען טראכט וועגן אים?

רבונו של עולם! וואס וואלט פון אונזער עטיק, פון אנשטענדיקער פאלירטער מענטשהייט געווארן, ווען מיר נעמען אראפ דעם שלאס פון צונג און לאזן פריי דעם גע-דאנק און זאגן...

דערזעענדיק אין גאס א מיידל אדער א פרומע ווייבל וואס האט שוין דריי קינדער און...

אדער זעענדיק א קהלסמאן אן אפוטרופוס פון יתומים, א שטאטס-מאן, א דעפוטאט, צו פשוט אזוי א שיינעם מזרח אידן... ווען מען נעמט זיך זאגן... אלץ ארויסזאגן... אדער בעסער ביידע צדדים זאגן... טוען אויס נאקעט דעם אמת און נעמען אים שליידערן, איינס נאך דאס אנדערע אין פנים...

נו, וואלט דען אונזער גאס, אונזער וועלט ניט פאר-וואנדלט געווארן אין אן איינפאכן משוגעים הויז?... מיר וואלטן זיך דאך געביסן, געריסן, ערגער ווי די הינט!...

אזוי אז מען לייקנט, מען שקר׳ענט, מען הרג׳עט אוועק דעם געדאנקען... מען זאגט גאר מיטן צונג אנדערש ווי מען טראכט... קען מען זיך פארטראגן, זיינען מיר ציוויליזירטע מענטשן לויט פונם ,ישוב׳...

אויף וואס דען האט דער בורא געגעבן א צונג, אז ניט אויף צו פארשטעלן מיט אים דעם אמת׳ן געדאנק?

שרייבער האט אבער פון דעם אמת ניט געוואוסט... און האט פשוט יענעם געזאגט וואס ער האט געטראכט... איז ער געווען... און איז טאקע אזוי געשטארבן: שרייבער דער ,משוגע׳נער׳!

די קאלאניזאציע האט ער געליבט מער ווי זיין לעבן, אזוי ער און אזוי זיין הויכע שווארצע אידענע. ווען ער האט פונם באראן געערעדט האט א רויטקייט באפארבט זיינע מאגערע שווארצע באקן, מיט א יראת הרוממות האט ער אים דערמאנט, פונקט ווי א מעזשביזשער חסיד דער-מאנט דעם ,בעל שם הקדוש׳ ,ער׳ און ,זי׳ פלעגט ער זיי, דעם באראן און די באראנעסע אנרופן און געוויזן אהין, ארויף צום הימל.

דעם דירעקטאר הירש האט ער גאר פארגעטערט...

—דער כהן גדול אונזערער—פלעגט ער אויף אים זאגן, מען טאר ניט זיין קיין בונטאווטשיק: נאטשאלסטווא דארף מען פאלגן; איך בין אין קאנטאר ביי פישעראוויטשן אין אדעס געווען, איך ווייס וואס עס הייסט אדמיניסטראציע...



א גרופע מאאוריסער קאלאניסטען

א שטארקע אמונה האט ער אין זיי אין די אדונים געהאט, אויף דער ביטע ביי הירש'ן וועגן קויפן סאנטא טאמאס איז ער דער ערשטער געחתמ'עט געווען אבער א טשאקרע פאר זיין טאכטער מלכה,—זי האט א מאן מיט דריי קינדער שוין געהאט,—האט ער גראד ניט באקומען. דער דירעקטאריום האט נאר זכרים, זין פאר נחלה'ניקעס גערעכנט. ערשט שפעטער, ווען איך האב א ביטע מיט דער גערעכטער בנות צלפחד טענה קיין פאריז געשריבן—„למה נגרע"? פאר וואס זאלן די ערשטע טעכטער ערגער זיין פון די בחורים, קארג אויסגעריסן זיינען זיי נעבאך געווארן? דאן האט ערשט דער דירעקטאריום די טעכטער א צווייטן ירושה גראד באוויליקט: דאס הייסט נאך די זכרים... די אלטע זומפן, די שלעכטע לענדער וועלכע די בחורים, די זין ווילן ניט נעמען, קען די אדמיניסטראציע די ערד צו די אײדעמ'ס פון די קאלאניסטן אפגעבן כדי זיי אויף דעם צו אראנזשירן.

87-טער קאפיטל.

# דער אומגליק זוכט זיין קרבן.

איין טשאקרע אן אפגעריסענע, א באזונדערע אין א „סעפּטימע" צווישן סאנטא טאמאס און קאסארעס, האט קיינער פון דעם צווייטן גראד און אויך אפילו פונם דריטן גראד-ד. ה. א קרוב פון א קאלאניסט-ניט געוואלט אננעמען.

די טשאקרע האט פארנומען א שטח פון א 70 העק-טאר גוט לאנד אין א 130 נידריק זומפּיק ערד, אריינגע-רעכנט אין דעם א „קאניאדא", אדער א לאגון וואסער-גראבן פון א 49 העקטאר טאקע פול מיט וואסער; צאלן האט מען באדארפט, א גרויסע יערלאכע ראטע פאר דאס גאנצע לאנד און דער צו איז די טשאקרע געלעגן צווישן אזעלכע שכנים, וואס הרג'נען א מענשן איז ביי זיי ניט פון די זעלטענהייטן געווען. קיין קאלאניסט האט די טשאקרע ניט געוואלט, געשטאנען איז דאס שטיק פעלד און געפּוס-טעוועט, די ארומיקע גוים האבן זיך באנוצט, די פערד זייערע דארט געפּאשעט. דער געטרייער דינער פון יק"א, דער אדון .B האט דערטאפט דעם גרויסן מאמין אין דער דזשואיש...שרייבערן, און אים די פוסטע טשאקרע פאר זיין איידעם יוסל וואקס, זיין מלכה'ס מאן אוועקגעגעבן.

—נאטשאלסטווא וויים וואס זי טוט!—האט שרייבער געזאגט און האט אונטערגעשריבן א גאראנטיע פאר די ערשטע דריי אנוואלידאדן, אזוי ווי די מאדע איז געווען.

מלכה שרייבער איז צו מזל א קאלאניסטקע געווארן.

אין יאנוואר 1906, אין די גרויסע דאמאלסדיקע היצן, ווען מען איז דורכגעפארן יענע שטיק וויסטע האט מען גע-קענט זען די גאנצע פאמיליע „שרייבער און וואקס" דארט ארבייטנדיק, אין וואסער פין קאניאדע ביזן בויך איז מען געשטאנען, און אריינגעשטעלט די פאסטן פאר דער אלאמ-ברע; מען האט ביי די ברידער „זשארענטע" אין קאסארעס אלע מאטעריאלן געבארגט, וואס די 200 העקטאר האבן געפאדערט האט מען אויף קרעדיט גענומען, ווייל די אדמי-ניסטראציע האט גאר ניט געגעבן אויסער דאס נאקעטע לאנד. א גאנץ יאר האבן די ארימע געארבעט זיך, א גוטע שטוב אויסגעבויט, בוימער פארטיקע איינגעפלאנצט און די 70 העקטאר ארבעטס לאנד קולטיווירט, מיט מאאיס פאר-זייט און פון דער פארלאזטער טשאקרע א גן עדן געמאכט, מיט בלומען בוימעלאך ארום דער שטוב.

מיר קאלאניסטן פון אליסע ביים דורכפארן קיין קא־סאַרעס פלעגן מיר באוואונדערן מלכה׳ס טשאקרע וואס איז ביים וועג געלעגן, און מיר פלעגן איבערשמועסן צווישן זיך אנווייזנדיק וואס ארבעט און פלייס קענען מאכן... איז אבער פאראן א שלים-מזל אויף דער וועלט!...

אז א מענש ווערט געבוירן אויף צרות האלט ער זיך מיט זיי און שלעפט זיי מיט ביז אין קבר אריין...

—וואס איר גלויבט ניט? ווען איר ווילט ניט גלויבן, עפנט די אויגן, קוקט זיך ארום ביי זיך אליין, ביי אייערע פריינד, ביי אייערע מיט-מענשן, עפעס א געהיימע קראפט, אן אומזיניקע, אן אומפארשטענדלאכע ליגט אפט ארויף איר אייזערנעם פרעס אויף אן אינדיווידום, אויף א פארשוין וואס ער איז גראד אפשר אזוי קלוג ווי וועלכער ס׳איז אנדערער. אזא מיוחס, אזא בריה, אזוי אויסגערעכנט און געשיקט, ניט ערגער פון א צווייטן, נעמט אים, און גיט צו פילן איר אכזריות׳דיקע קראפט, שיסט אין אים אריין אלע אירע גיפ־טיקע פיילן, צווינגט אים אויסצוטרינקען איר ביטערן כוס ביזן דעק, גאר אן א פאר וואס און אן א פאר ווען! אויף וועלכן וועג ער זאל זיך ניט נעמען לויפט שוין דער אומגליק פארויס און בעט אים מיט יאמער דעם וועג...—באטראכט עס, קוקט זיך צו און איר וועט אנהויבן גלויבן...

אזוי איז מיט מלכה׳ן און מיט איר ארימן פאטער שרייבער דעם משוגענעם געווען... נאך איצט ביים שרייבן, ווען עס קומט מיר פאר די אויגן דאס געשטאלט פון שריי־בערס צואווייטאקטן פנים, ווען ער איז דעם ערשטן מאל פון פאריז צוריק געקומען און האט געשריען:

—אדאנדע עסטא על אמת?—גוואלד וואו איז דער אמת?

—שטעלן מיר זיך נאך די טרערן אין די אויגן, און עס ווילט זיך אנשפייען אין הימל אריין מיט זיין אויסגעטראכטן אמת...

נאר וואס האב איך זיך צורעדט? הערט בעסער וואס ס׳איז מיט מלכה שרייבער געווען...

88-טער קאפיטל.

# א קינפעטארן מיט איר עופה'לע ארויסגעווארפן אין גאס.

ענדע מאי 1907 האט שרייבער'ס איידעם יוסל וואקס אויסגעדראשן זיין „טראכא" מאאיס, גלייך איז געקומען „זשארענטע הערמאנאס", די פירמע וואס האט אלץ צום אראנזשירן די טשאקרא אויסגעבארגט און געפאדערט פון יוסל וואקס, ער זאל זיי אוועקגעבן די קאסעטשע מאאיס אויפן רעכנונג פון די שולדן, אזוי ווי די מאדע אין ארגענטינע איז...

דער קאלאניסט האט דאס גערן געטאן, אונטערגעשריבן זיי א קאנטראקט אויף דעם מאאיס, ווייסנדיק אז אלץ וואס ער וועט שפעטער ברויכן, ווי עסן, זריעה, ווייץ וועט ער אין דעמזעלבן הויז באקומען.

די אדמיניסטראציע האט זיך אבער מקדים געווען און געשיקט וועגן און פארנומען די מאאיס צו זיך אין גאלפאן פאר די שולדן פונם אנוואלידאד וואס וואקס דארף אים צאלן.

די פירמע זשארענטע הערמאנאס, האבנדיק א אונטערשריפט פון יוסל וואקס אויפן מאאיס האט גענומען פאליציי און סעקוועסטרירט אדער „עמבארגירט" דעם מאאיס אין אדמיניסטראציאנעס גאלפאן.

עס האט זיך פארפירט א פראצעס, די אדמיניסטראציע איז אש להבה געווארן אויף וואקסן און כדי אנצוקערנען א קאלאניסט און טאקע א מורא ארייפצוואווארפן אויף די איבעריקע, האט דער אדון .B אנגעגעבן אין געריכט אויף יוסל וואקס און געפאדערט „דעסאלאכא" אים ארויסטרייבן פון לאנד. עס האט שוין ניט געהאלפן וואס דער ארימער שרייבער האט זיין לעצטע קו פארקויפט און אריינגעטראגן דער אדמיניסטראציע דעם באטרעף פונם אנוואלידאד, זי האט ניט געוואלט דאס געלט אננעמען, נאר ער זאל אפליידיקן דאס לאנד... „למען ישמעו ויראו"...

דער פראצעס האט זיך געפירט, און אזוי ווי שטענדיק עס פירט זיך די וועלט, אזוי ביים דין, איז דער רייכער דער זכאי, ער איז גערעכט, און דער ארימער איז די כפרה...

ענדע אווגוסט פון זעלבן יאר, אין א רעגן טאג און נאך דערצו שרעקלאך קאלט איז דער אדמיניסטראטאר באפאלן מיט פאליציי די פאמיליע וואקס און זיי מיט גוואלד

גענומען ארויסווארפן פון שטוב. יוסל וואקס און זיין שווער איז דאן צו הויז ניט געווען, זיי זענען געפארן קיין בוענאס איירעס רחמים צו בעטן ביי די דירעקטארן, מלכה איז א קינפעטארן געווען, איז געלעגן אין בעט מיטן זויגלינג און די אלטע מוטער אירע, פרוי שרייבער, האט זעער געוויינט און געבעטן, מען זאל די קראנקע פרוי איצט לאזן צו רו.

דער אדמיניסטראטאר האט אבער באפוילן דער פא-ליציי זי זאל טאן איר פ׳יכט לויטן ארדען פון חועס, און אליין האט ער זיך אפגעצויגן אין א ווינקל אביסל ווייטער און געווארט אויף דער אפליידיקונג...

די ווייזשעלאנטן האבן די פרוי מיטן קינד אויף דעם בעטל ארויסגעטראגן און דרויסן, די אלטע מוטער צווייצט ווי א לייביכע ווען מען נעמט צו איר קינד איז באפאלן דעם סארזשאנט און אים פארווארפן מיט בלאטע דאס גע-זיכט; יענער איז אין רציחה אריין, האט מיטן שווערד דער אלטער מוטער די קליידער אויפגעשפאלטן ביז צום נאקעטן לייב... די ווייזשעלאנטן האבן אין שאלענדן געלעכטער אויס-געשאסן, וואס האט זיך מיט דעם יאמער און געוויין פון דער ארויסגעווארפענער פאמיליע אויסגעמישט און זיך גע-טראגן אונטער די שיינע ארגענטינער פרייע הימלען... די פארביי-פארער האבן זיך אפגעשטעלט, מען האט די באר-בארישע מעשים צו געזען, אבער מען האט מורא געהאט צו ריידן א ווארט...

די פאליציי האט אלע שטוב זאכן ארויסגעווארפן אין דרויסן, די אדמיניסטראציע-פעאנעס האבן די טירן און פענ-סטער פון שטוב ארויסגעריסן און מען איז זיך אוועקגע-פארן רואיק אהיים.

דער אדון אדמיניסטראטאר האט דורכן פארמאכטן קאטש-פענסטערל געזען, אז דער פראצעס איז געענדיקט אזוי ווי ער האט פארלאנגט... איז ער זיך א צופרידענער אין זיין ביורא געפארן, כדי צו ראפארטירן אין דעם גאט-זעליגן באראנס אנשטאלט אויף קאזשאא 216, אז: מלכה שרייבער אדער יוסל וואקס מיט זיין פאמיליע איז שוין אין דרויסן ארויסגעווארפן געווארן; די הויז, דאס לאנד און די ביוראקראטישע דיסציפלין איז געראטעוועט...

צוויי שווארצע גאאוטשעס זיינען גראד דורכגעריטן, האבן זיי דער יולדת מיטן קינד און א נעבן הויז צו א גוי אויף זיין טשאקרע אריינגעטראגן, דאס קינד אבער—א פנים זעער א קלוגס איז ברוגז געווארן אויף אונזער „דזשוואיש״ און אויך אויף אונזער גאנצער שטאטליכער ארדנונג און האט זיך פארנומען אויפן עולם האמת צו זיינע אור עלטע-רן אין גן עדן וועלכע געניסן אוודאי דארטן פון כל טוב... די שטוב זאכן, דאס מעבל, געשיר, ד.ה. די קאטרע, מיט א פאר בענקלאך מיט לעכער און בלעכענע אלטע טעפלאך

און אן אלטע וואטאווע געלאטעטע דעקע האט די עקשנות׳־
דיקע פאמיליע ניט געוואלט אויפהויבן פונם פלאץ, וואו
מען האט זיי ארויסגעווארפן.

—זאלן מענטשן זען דעם יק״א פאגראם!...

א שטיק צייט זיינען די חפצים געלעגן ניט ווייט פונם
וועג, און האבן שטומערהייט עדות געזאגט אויף די וואל־
טעטיקע חסדים פון דער יק״א.

89-טער קאפיטל.

# א פאגראם.

דער אלטער שרייבער איז אהיים געקומען פון בוענאס איירעס.

—א פאגראם! גוואלד! קישעניעווער פאגראם! אידן א ראזבוי!—האט ער געשריען, אין אלע גרופעס איז ער מיט דעם נוסח ארומגעלאפן און געוואלדעוועט.

—צום פרעזידענט א זשאלאבע לאמיר שרייבן!—האט ער געשריען אין קאמיסיאן שטיבל; וואס שוויגט איר אידן?

אבער צו דער שאנדע פון אונזערע קאלאניסטן האט מען דאמאלסט גארנשיט געטאן... די גדולים די „פיסיפאקעס" האבן זיך געטראכט: בע, מע! וואס דער משוגע'נער שרייבער גוואלדעוועט! די פשוטע קאלאניסטן האבן אונטערגעאכקעט, זיך אפגעזיפצט און דערמיט יוצא געווען.

שרייבער איז ווידער צו די אדונים קיין בוענאס איירעס אוועק, פריץ דער שווייצאר האט אים אבער פון די טרעפ פאריאגט.

ער האט דארט א סקאנדאל געמאכט; האט מען טעלעפאנירט נאך פאליציי און מען האט דעם משוגע'נעם שרייבער געזאלט אין א „מאניקאמיום" אוועקשיקן, נאר דורך דער גרויסמוטיקייט פונם דירעקטאריום אליין איז ער באפרייט און אהיים אין קאלאניע אפגעשיקט געווארן. די צרה האט אים אויף א פאר מאנאטן אין בעט אריינגעווארפן, ער איז טאקע געפערליך געווען. מען האט גערעכנט אז ער וועט שטארבן... אבער די אייזערנע ענערגיע פון דעם קליינעם נישטיקן מענשאלע איז צו שטארק געווען, ס'איז אים באשערט געווען דורכצוקרייצן פיר מאל דעם אטלאנטישן אקעאן און ארומגיין אין די גאסן פון פאריז און שרייען:

—אדאָנדע עסטאַ על אמת?...

ער איז פון דער קריינק אויפגעשטאנען א רואיקער, האט מער ניט געשריען אויף קיינעם, נאר א טיפער אומעט האט זיך געמערקט אויף זיין פנים.

א באליידיקטער, א געשענדעטער, אן אפגענארטער אין זיין שטארקער אמונה איז ער זיך שטיל ארומגעגאנגען און מיט ווייטאק געשאקלט צו די קאלאניסטן מיטן גרויען קאפ, ווי איינער זאגט:

—זעט אין וואס איך האב געגלויבט?—באלד איז ער מיט א פאפיר אין האנט ארומגעפארן צווישן די קאלאניסטן

און חתימות געבעטן; וואס איז?—ער פארט קיין פאריז... וויל ער, אז מען זאל אים אונטערשרייבן, אז ער איז אן ארענטלאכער אנשטענדיקער קאלאניסט.

—איך זאג אייך, טענה׳ט ער—אז דארט ווייס מען גאר ניט די מערדעריי, דאס רויבעריי וואס ווערט דא גע-טריבן... איך וועל אליין רעדן מיטן פרעזידענט הער נאר-סים לעווין, ער איז א חבר געווען פונם צדיק רבי משה מאנטעפאריא... איך וועל זען דעם דר״ זאנענפעלד, אונזער ליבן דירעקטאר הירש!...

ווען איינער האט געוואגט א שמייכל צו טאן איבער זיינע רייד, איז ער אן אויפגערעגטער געווארן.

—ווארט ברידער! דו וועסט אויך טרינקען דעם בי-טערן כוס פון די רשעים׳ס הענט; זיי וועלן דיינע קינדער אויך קראנקערהייט ארויסשליידערן אין גאס!—זיין נבואה ווערט איצט מקוים—אין אלע קאלאניעס פון דער יק״א ווארפט מען די ארימע ווי הינט...

אזוי האט ער צונויף גענומען די אונטערשריפטן, די מוניציפאלע פארוואלטונג פון קאסארעס האט אים אויך ארויסגעגעבן א באשטעטיגונג, אלס ארענטלאכער קאלא-ניסט, און צו אונזער אלעמענס ערשטוינונג איז ער, שריי-בער, אפגעפארן קיין פאריז.

גערעכנט האט מען, אז ער וועט שוין ניט קומען צוריק, אזא חלוש, און ערשט פון א קריינק, געוויס וועט ער שטארבן ערגעץ אויפן ים, אונטער אן אויטאמאביל אדער טראמוויי צוריבן ווערן... און אויסער דעם, ווער פון די גדולים וועט אים צולאזן צו זיך? אז שטום איז ער נאר דאס הייזעריק ביסל אידיש רעדט ער! ווער וועט, אים הערן, פארשטיין, און וואס וועט ער דארט מאכן?

אבער ענערגיע און מוט קען אלץ דורכזעצן... א שטארקע נשמה איז אין דעם שוואכן קערפער געזעסן.—יוחנן פון גוש חלב—איז אויך א חלוש געווען, און פון דעסטוועגן האט ער געגוג צרות די רוימער פארשאפט...

דער נישטיקער שרייבער האט געמאכט ציטערן די הויט אויף די גדולים דארטן אין פאריז פון זיין יאמער געשריי אין זייער הויז: Rue Pasquier 2

—אדאנדע עסטא על אמת? האט זיי גאר ניט געש-מעקט...

וואס זיי האבן דארטן געטאן, ווי אזוי זיי האבן אים בארואיקט, ווייסן מיר ניט, נאך פיר מאנאטן צייט איז ער צוריק געקומען, אין א גלאנץ פון האפנונג געמישט מיט שטאלצן טריאומף האט פון זיינע אויגן ארויסגעשיינט.

אויף די קאלאניסטן איז ער בייז געווען, ער האט גאר ניט געוואלט דערציילן,—און מיט רעכט: ווייל אין זיין אפ-וועזנהייט האט מחילה—ס׳איז מיר אפילו א שאנדע דאס צו שרייבן,—א קאלאניסט די טשאקרע פון זיין טאכטער צוגענומען און זיך ארייגעקליבן אין שטוב—אויפגעבויט

מיטן בלוט און שוויס פון מלכה שרייבער, אלץ האט ער דאך דארטן פּארטיק געטראפן; א׳אמבראדאס, א גארטן, קולטיווירטע לאנד... די אדמיניסטראציע האט כלומרשט געוואלט באצאלן דער פאמיליע פאר אלץ. די אומגליקלאכע האבן אבער ניט געוואלט נעמען. אזוי איז דאס פארבליבן ביז היינטיקן טאג.

צו מיר איז דער ארימער שרייבער איינמאל געקומען.

—אייך וועל איך עפּעס דערציילן פון דארט... זאגט ער צו מיר בסוד,—ווייל מען האט מיר דערציילט, אז איר האט אין דעלעגאטן שטיבל געשריען, אז מען זאל א חרם און א תקנה מאכן, אז אויף דעם פעלד וואס די אדמיני-סטראציע טרייבט פון אים אראפּ אן ארנטלאכן קאלאניסט, זאל זיך קיין איד ניט באזעצן... חרם זאל דאס שטיק פעלד זיין, טמאה, טרפה, פוסטעווען זאל דאס...

אין דער שטיל מיט האלבע ווערטער האט ער מיר פארטרויט, אז אט באלד דארפן די פאפירן אנקומען פון דארטן...

א כברא אז דער אדמיניסטראטאר .B וועט אראפּ פון ביינקל... און אפשר אויך ער... דער גדול...

—זאנענפעלד, שווארצפעלד און מאירסאן האבן מיר פארשפּראכן אויף זיכער פאר מיין טאכטער א בעסערע טשאקרע אין לא עספעראנסע... וואס דארף באלד פאר-טיילט ווערן... מען האט מיר דארטן--דערציילט ער מיר ווייטער—150 פעז אויסגעבארגט אויף הוצאות צוריק אהיים צו פארן. איך האב געזיגט, דער אמת האט דעם שקר גובר געווען!—פרייט זיך דער אלטער שרייבער.

90-טער קאפּיטל.

## שרייבער פאָרט צום צווייטן מאָל קיין פּאריז. יום כפּור דאָרטן אין שול.

ס'איז אבער ניט אזוי געווען, דער שקר איז גענוג שטארק... די אדמיניסטראציע האט געמאנט ביי דעם אלטן באלד די 150 פּעז וואס מ'האט אים אין פּאריז אויף הוצאות געגעבן און אזוי ווי ער האט אויף גיך ניט באצאלט, האט זי אים געריכטלאך אפּגעשריבן... פּשוט עמבארגירט... קיין טשאקרע דער טאכטער האט מען ניט געגעבן... פּאר א משוגענעם האט מען אים פאררעכנט, און פּטור...

ער איז אין א יאר ארום נאך א מאל קיין פּאריז אוועקגעפארן, האט יום כפּור דארט דעם טעמפּל וואו דער זקן נארסים לעווין האט געדאוונט איפּגעשטורמט, א דאָק-טאר, א רוסישער איד האט זיך פאר אים איינגעשטעלט, האט פארן גאנצן עולם אין דער פראנצויזישער שפּראך דעם גאנצן ענין אין קורצן דערציילט.

דער בכבוד'דיקער זקן, דער פּרעזידענט פון דער יק"א איז פארשעמט געווארן... און צוגעזאגט אונטערצוזוכן דעם ענין און ארויסגעבן א גערעכטן משפּט... אהיים גייענדיק פון שול האט דער הער נארסים לעווין דעם אלטן שרייבער אונטערן ארעם גענומען,—אזוי האט שרייבער דערציילט,— און אים מבטיח געווען, אז די זאך וועט גוט און גערעכט באהאנדלט ווערן...

דער אלטער אומגליקלאכער איז אהיים געקומען און פון די אלע הבטחות איז א טייך געווארן...

די דירעקטארן אין קאזשאא 216 האבן געענטפערט:

—זיי זיינען דארטן אין פּאריז, און מיר זיינען דא...

צו וועלן באשרייבן די גאנצע געשיכטע איבער שריי-בער'ן דארף פארנעמען א גאנצן בוך, ער איז פּראקלאמירט געווארן אלס משוגענער און צו אלץ האט אן ענדע גענומען.

די פאמיליע איז רואינירט געווארן, דער יונגער יוסל וואקס איז פאר ווייטאק און בזיון קראנק געווארן און איז פארבליבן א קראנקער מענטש, די פרוי זיינע מלכה שריי-בער קענט איר טרעפן אין די גאסן פון קאסארעס ארומ-שלעפּן זיך מיט א קויש אייער, הינער וואס זי קויפט אויף פון די קאלאניסטקעס און פארקויפט עס אין די הייזער, און איז אזוי מפרנס די גאנצע פאמיליע.

און די ציוויליזירטע ערנטלאכע בארעמהערציקע מענשהייט? נו! וואס?—משוגענער שרייבער! מיט דעם תירץ זייַנען די געפיקן, דאס רחמנות׳דיקע הארץ געשטילט, און מען איז מיט דעם ווארט גאנץ צופרידן...

משוגע, איז משוגע! און באסטא!

91-ער קאפיטעל.

# אביסעל...

שפעטער מיט א צייט איז הער קאזעס דא צו גאסט געקומען, אין א פריוואט שמועס האב איך אים פארגע־ווארפן דאס אומרעכט וואס סאיז באגאנגען געווארען מיט שרייבערן... ער האט פארצויגן דעם שטערן און ניט גע־ענטפערט.

—זייט איר אויך, סעניאר קאזעס, מיט דער מיינונג אז דער מאן איז משוגע?—האב איך אים געפרעגט.

—„און פאקא״—האט ער מיר געענטפערט אין שפא־ניש—יא עטוואס...— דאס האט מיך פארדראסן...

—ווילט איר הערן אן עפיזאד פון די צייטן פון ניקא־ליי פאוולאוויטש דעם צאר פון רוסלאנד?

סי! סי! דערציילט! ענטפערט ער מיר און שטעלט אויף מיר אן זיינע גרויסע אויגן.

אין די 50-ער, ווען דער צאר האט רעקרוטן נאך דער באשטימונג געפאדערט „פא אטשערעד״, ד. ה. אז יעדער פאטער וואס באזיצט מערער ווי צוויי זין מוז געבן פאר א סאלדאט וועלכן זון ער וויל; און מ׳האט דאן דעם רע־גיסטער, די צענזור אין רוסלאנד איינגעפירט, האט פאסירט אז א אידענע אן אלמנה, וואס האט געדינט ביי א רייכן חשוב׳ן גביר און האט פארמאגט א זון א בן יחיד, האט זי געבעטן דעם גביר, אז ער זאל איר זון איינשרייבן אין רע־גיסטער צווישן זיינע זעקס זין, בכדי ער זאל הלילה ניט זיין קיין בראדיאגא...

דער גביר האט דער אלטער דינסט איר בקשה בא־וויליקט און איר זון זיין פאמיליע נאמען געשיינקט. שפעטער מיט א יאר, ווען מ׳האט ביים גביר אלס רעקרוט איינעם פון זיינע זין געפאדערט, כדי ער זאל גיין דינען 25 יאר דעם קיסר ניקאליי, האט דער שיינער חשוב׳ער גביר דעם זון פון דער אלמנה זיין דינסט פאר א סאלדאט אוועק־געגעבן...

די אידענע האט געמאכט קולות און געטענה׳ט אז ער איז גאר איר אייגענער זין, פון איר פארשטארבענעם מאן, אירער א בן יחיד, זי איז צו נאטשאלסטווא געלאפן, האט מען זי פאר משוגע ערקלערט...

באגרינדנדיק דאס: אזוי ווי די אידענע איז שוין א צייט ביים גביר אין שטוב, האט זי זיך איינגעקלעפעט אין איי־געם פון זיינע „דעם גביר׳ס קינדער״ אז ער איז אירער...

זי איז צום גובערנאטאר אוועק אבער אויך דארט איז דעם גביר׳ס האנט פריער געווען, און זי איז אויך דארט פאר „סומאסעטשע׳ פארשריבן געווארן. די דינסט האט זיך מיט שווערער מי צום קיסר פון אלע רוסן צוגעשלאן און מיט הארץ, ווי נאר א מוטער קען, האט זי פאר ניקאליי פאוולאוויטש אלץ אויסדערציילט.

—זע, גרויסער קיסר, צי בין איך משוגע?

דער קלוגער צאר האט באלד פארשטאנען דעם שווינדל פון זיינע כאבארניקעס, פונם פריסטאוו אין גבירס שטעטעלע ביז צום מיניסטער... און ער האט זיך געווענדעט צו זיין אדיוטאנט:—טאק טאטשנא סומאסעטשי!—גאנץ ריכטיק, מען זעט די פרוי איז משוגע... נאר—באמערקט ער דער-ביי—אזוי ווי איר גאנצע משוגעת איז דאך נאר וואס זי האט זיך איינגערעדט אויף דעם זון וואס ער איז איצט אין מיליטער דינסט, אז ער איז איר זון, און די איבעריקע זין פונם אידן, ביי וועמען זי האט געדינט, איז זי דאך מודה, אז זיי זיינען ניט אירע קינדער, נו זאל מען איבערבייטן, טוישען דעם זון פאר א צווייטן, ד״ה דעם באפרייען און א צווייטן נעמען אין „סלוזשבע׳, דעם פאטער איז דאך קיין אונטערשיד ניט, וועלכער פון זיינע זין עס וועט דינען דעם קיסר...

קאזעס האט אויסגעהערט דעם עפיזאד און א קוים באמערקבארע רוויטקייט האט זיך געוויזן אויף זיין דיפלאמא-טישן פנים און מיט ערנסט געזאגט אין העברעאיש:—אולם הדבר אין להשיב!...

שרייבער איז געשטארבן מיט א שרעקלאכע קללה אויף דער גאנצער אדמיניסטראציע, אפשר צען מינוט פארן טויט האט ער צו דיביישטייענדיקע קאלאניסטן געזאגט:—אז ער גלויבט צו טרעפן דארט פון יענער זייט טיר—דעם באראן און ער וועט אים אלץ דערציילן, אפשר איז דארטן דער אמת!...

די געשיכטע מיט שרייבערן איז אין אנהויב ממשלה פעריאד פון דעם אדון .B געווען, עס האט זיך באלד אנט-וויקלט איין לומפעריי נאך דער צווייטער.

מען האט באלד אנגעהויבן דאס פארטיילונג פון דער קאלאניע לא עספעראנסא.

## 92-טער קאפיטל.

# א געלט זוכעניש.

מען טיילט טשאקרעס אין עספּרענסאַ, אין אויסשטע-
לונגס פענסטערל פון אדמיניסטראציע איז אן אוקאז ארויס-
געהאנגען געווארן, אז נאר די יעניקע קאלאניסטן, וואס
האבן ניט קיין הינטערשטעליקע חובות, ד״ה, נאר אזעלכע
וואס האבן ביז דאמאלסט איינגעצאלט אלע אנואלידאדן,
נאר זיי קענען פאר זייערע פארהייראטע זין באקומען א
נחלה אין עספּעראנסא...

דאס יאר איז אבער גיווען זעער ניט קיין געראטענער, א
היישעריק האט אונז׳ דאן א באזוך געמאכט, איז וואו נעמט
מען אזוי פיל געלט אלע אלטע חובות אויף איינמאל
איינצוצאלן?

—אמת די בענק אין קאסארעס האבן שוין דאן גע-
געבן קרעדיט א יעדן אלטן קאלאניסט, אויך די תבואות
אויפקויפער און די גרויסע אלמאסענען, די אלע וואס לעבן
פון וואג און מאס און האבן ליב צו האנדלען מיטן מוזשיק...
האבן ניט פארמאכט זייער טיר פאר א קאלאניסט.

אבער גאר ווינציק קאלאניסטן האבן מיט די בענק
און די הענדלער דאמאלסט געהאנדלט. דאס רוב קאלאניסטן
האבן פאר די אלע ספּעקולאציע-הייזער מורא געהאט ווי
פארן טויט...

אבער וואס טוט ניט א טאטע פאר א קינד, בפרט
אזא קינד וואס ארבעט ביי אים אזוי שווער פון קליינער-
הייט אן? קיין מלאכה, קיין חכמה האט ער אים ניט גע-
לערנט, ער איז א קאלאניסט און מוז האבן לאנד...

מען האט זיך געגומען שאפן געלט, ווי אזוי נאר מען
האט געקענט; אייניקע האבן די בהמות פארקויפט... אנדע-
רע האבן אין קאסארעס ביי די גבירים אויף וואכער אויס-
צוצאלן א פאר הונדערטער געליען; מען האט זיך פארשול-
דיקט, מען האט זיך געאפּפערט, אבי א קינד צו א תכלית
ברייגגען... זאל ער זיין א קאלאניסט גלייך מיטן טאטן...

דאס געלט איז געשאפן געווארן, די אדמיניסטראציע
האט אירע אלע חובות איינגעקאסירט.

באלד איז אין דערזעלבער „ווידרערא׳ שויב פענסטער
פון אדמיניסטראציע, א נייער צעטל מיט גאר א נייעם
נוסח ארויסגעשטעלט געווארן, וועלכער האט געלויטעט:
„אלע עמיגראנטן וואס געפינען זיך אין מאאוריציא און אין
איר סביבה שוין אין משך פון א פאר יאר צייט, האבן דאס

רעכט צו קומען אין אדמיניסטראציע זיך פארשרייבן אויף קאלאניזאציע אין לא עספערענסא, וואס ווערט איצט פאר-טיילט. אזעלכער באקומט 150 העקטאר לאנד און דריי טויזנט פעז געלט צום אראנזשירן זיך.

קאלאניסטישע קינדער, די יעניקע וואס ווען אויפ-גענומען ווערן אויף קאלאניזאציע אין „לא עספעראנסא" באקומען נאר טויזנט מיט 500 פעז, דאס רעשט געלט וואס וועט זיי פעלן צום באזעצן זיך, דארפן די פאטערס זייערע זיי אויסהעלפן"...

ווי א דונער פונם הימל אראפ, אזוי האט דער צעטל די קאלאניסטן געטראפן.

—מען נעמט צו אונזערע קינדער'ס פעלדער און מען גיט זיי אוועק צו די גרינע? לא עספעראנסא האט מען גע-קויפט פאר אונז, פאר אונזערע זין, מיר האבן זיך אויס-געבראכט, אויסגעפארקויפט, פארמשכנ'ט און אפגעצאלט דער אדמיניסטראציע די פארשימעלטע, די פארלעגערטע חובות, אפילו די קאמון-געלטער פון די ערשטע גנבה'שע צייטן... און איצט נעמט מען קאלאניזירן די פארשפראכענע פעל-דער צו די עמיגראנטן?

פארשעמט ווי מיט א בייטש איבערן פנים זיינען די קאלאניסטן געבליבן... פונקט ווי שרייבער איז פון זיין שטארקן גלויבן אנטוישט און אפגענארט געווארן, אזוי זיינען איצט די קאלאניסטן,—די קלארע דוקא—ניט קיין משוגעים—אפגענארט געווארן אין זייער האפנונג. די אמונה און די הבטחות פון די גדולים איז אויסגערונען געווארן...

עס איז געווארן דער גרויסער „ויצעקו" אויסער די שאנד און דער ווייטאק איז דער פארדרוס נאך גרעסער געווען.

און ווייל די אפגענארטע עספעראנסא איז די ריכטיקע סיבה פון דער שפעטערער מרידה ביי די „טיטולאס" פראגע און האט א גרויסן חלק אין דעם חורבן מאאוריציא וואס וואקסט פון טאג צו טאג... געפין איך פאר נויטיק דעם ענין צו באלויכטן... אביסל מער אילוסטרירן, די וועלט זאל וויסן אז מען דארף דעם שקלאף געגוג שמייסן ביז ער דערפילט דעם שמערץ און רעבעלירט קעגען שמייסער...

ביז אין בלוט אריין, האט זי, די אדמיניסטראציע, אונז געשמיסן, זיך ממש געבאדן אין אונזער בלוט...

אין מצרים האט מען קליינע קינדער זכרים אין וואַ-סער אריין געווארפן, און דא האט מען גרויסע זכרים, אייניקע מיט פרויען און שוין אויך אפאר קינדער אין אלדע שווארצע יאר פארטריבן...

93-טער קאפיטל.

## די טמאים ווידער אמאל דא.

עס איז געקומען דער טאג פון פארשרייבן זיך אויף לא עספעראנסא. עס זיינען באפאלן דער אדמיניסטראציע אפאר הונדערט עמיגראנטן, פון אלע שטעדטלאך ארום און ארום. פון אלע פארווארפענע סטאנציעס זיינען זיי געקומען נעמען א נחלה פון 150 העקטאר לאנד און דריי טויזנט מזומנים...

דער גליקלאכער לאטערי צעטל אין שויב פון דער אדמיניסטראציע האט זיך געלאזט הערן ווייט, שוסטערס האבן דעם קאפול אוועקגעווארפן, שניידערס די שער, סטאליארעס, שמידן, באליטשעראס האבן געלאזט זייערע שענקען און די שיכורים--אלע זיינען געקומען.

א פאר פון יענע, וועמענס נאמען סאיז א שאנדע צו דערמאנען—די „טמאים" האבן זיך אויך געדרייט צווישן דעם עולם; מיט די סיגנעטן אויף זייערע פינגער און די גאלדענע קייטן אין דער זשילעט; זיי האבן אויך געוואלט פארשריבן ווערן אין דעם כשרן בוך פון דער „אידישער קאלאניזאציאנס געזעלשאפט"...

דער אדמיניסטראטאר .B האט נומערן פארטיילט, און איינציקוויז זיי פראטאקאלירט, אויסגעפרעגט, דער עיקר פראגע איז געווען, צי דער אימיגראנט פארמאגט געלט און אויב ער האט אט דעם מין אסך געהאט, האט אים דער שרייבער שוין צוגעשמייכעלט... ד"ה, די אקציע זיינע אויף דער „עספעראנסא-קאלאניזאציע", שטייט גוט...

קאלאניסטן זיינען ווי די אבלים מיט אראפגעלאזענע קעפ געשטאנען, צוגעקוקט ווי דאס „ערב רב" האט באלא-גערט די אדמיניסטראציאנס געביידע, אט יענער מויער וואס זיי האבן די ציגל מיט זייערע פיס געקנאטן...

מיט ווייַ האט מען זיך צוגעהערט צו דעם נומערן-מסחר, וואס האט זיך הינטערן טיר געפירט.

—פינף פעז גיב איך פאר א פריערדיקן נומער—זאגט איינער א „באליטשערא", וואס האט דארט ביי אן איינזאמער סטאנציע זיין יונג ווייבל אליין אויף דער מאראליטעט פון די „גאאוטשאס" איבערגעלאזן.

איינער א גרינער וואס האט דוקא יא צייט געהאט צו ווארטן; זאגט:

—גיב אהער...

אויף א פאר עלטערע מענשן שיין געקליידעטע ווייזן די גרינע אן מיט די פינגער:—אט זיינען זיי! זילבער, גאלד טייערע הפצים האבן זיי מיטגעבראכט פון קישענעווער פאגראם... זיי זיינען זיכערע קאלאניסטן...

די קאלאניסטן ווילען ניט שטיין צווישן זיי, קלייבען זיך צוזאמען אין א רעדל אן א זייט, ווילן זיך ניט שטופן.

עס קומט צו דער בכבודיקער זקן דער אלטער מענדל, און הויבט אן צו זאגן „דברי כבושין״, איך לייג צו דעם אויער און הער ווי ער זאגט:

—געווים איז דאס א קללה... דער פרעמדער, דער גר וועט אויפשטייגן אין דער הויך, און איר וועט אראפ מטה מטה...

און ווער האט די שולד אז ניט מיר אליין, אונזערע זינד?..

אט שטייט ער, שרייבער! „דמו הנה נדרש״, זיין בלוט ווערט פון אונז געפאדערט... מיר האבן ניט געטארט לאזן אפהאקן איין רינגל פון דער קייט...

אן עמיגראנט וואס הערט די דאזיקע רייד ווערט אין כעס און שרייט:

וואס איז? וואס מיינט איר? דער באראן האט נאר אייך די ערשטע עמיגראנטן געמיינט? וואס איז מיט אייך דער יהוס? איר האט פריער פון אונז מיט 15 יאר א פאגראם געליטן?

דער אלטער ענטפערט אים:

יא פריינט, איר האט רעכט, מיר זיינען טאקע גלייכע מיוחסים, אבער מען האט דאך אייך געקענט ערגיץ אנדערש וואו קאלאניזירן... ניט דא אויף דעם לאנד פון לא עספע-ראנסא, דאס פארשפראכענע פאר אונזערע קינדער און וואס איז אין שכנות מיט מאאוריציא!...

עס זיינען אונטערגעקומען נאך עמיגראנטן:

—גייט איר אין די מדבריות פון סאנטע פע! שיקט איר אייערע קינדער אהין! שרייט א יונגער עמיגראנט, א בלעכער פון פראפעסיע און כאפט ארויס א זשמעניע מיט הונדערטער פאזיטן—אט א דאס פאדערט מען הײנט אין ביורא! איך האב... און וועל נעמען די בעסטע טשאקרע אין לא עספעראנסא... אויס שנארער מיוחסים!... מיר וועלן דא קאלאניזירט ווערן...

די וועלכע זיינען געווען מיט הייסע טעמפעראמענטן הויבן זיך אן פאטשן.

די פאליציי, וואס איז ווארשיינליך דערויף אוועקגע-שטעלט געווארן... האט דעם צוהיצטן עולם פאנאנדער געטריבן.

עס האט זיך א פאר טעג אפגערעש׳ט מיטן פארשרייבן. די פאפירן זיינען אין דער דירעקציע אוועקגעשיקט געווארן, מעשיות פארשידענע, פאטשטן, פארלוימדונגען (?) האבן זיך צוטראגן אין קאלאניע...

מען האט געמורמלש. אז דער שיינקער... אז דער דאזיקער אנדערער פון די טייערע קישענעווער חפצים... האט באצאלט פאר זיין פראטאקאל א גאנצן טויזנטער; אז א דריטער האט זיין שטוב אין קאסארעס פאר 5 טויזנטער פארקויפט און כאבאר א חמש מאות שטיק באצאלט, און אז די מענשן זיינען זיכער אויפגענומען אלס קאלאניסטן אין לא עספעראנסא... ליגן, שקרים (?) האבן זיך געטראגן און אויפגעקאכט די קאלאניע.

ווער שמועסט שפעטער מיט א צען טאג, אז סאיז גראד פון ביורא אין בוענאס איירעס אנגעקומען די באשטע-טיקונג, אז דיזעלבע—די רייכע—זיינען טאקע קאלאניזירט געווארן... איז דער טומל און רעש געווען עד לב השמים,

דער המון האט זיין פארשטעלונגס קראפט פריי געלאזט די קלאנגען האבן זיך אלץ טונקעלער געטראגן און פאר-לוימדונגען מיט השערות האבן ניט געפעלט, מען האט חושד געווען די באאמטע, פונם קלענסטן ביזן גרעסטן—נאר ניט דאס בין איך אויסן.

איך וויל נאר דערציילן, אז דער רעזולטאט פון דער לא-עספעראנסא פארטיילונג איז זעער א טרויעריקער געווען.

אין גאנצן 10 קאלאניסטישע קינדער—אפשר גאר די גרויסע מיוחסים—אדער די „מתן בסתר׳ניקעס׳—איך ווייס?... זיינען דארט באזעצט געווארן און די גאנצע קאלאניע איז אריינגעפאלן צו די גרינע...

די קינדער וואס זיינען אין „טיראזש׳ דורכגעפאלן האבן זיך געפונען באליידיקט און דערנידעריקט, הילפסלאז און פארשעמט... די „לא עספעראנסא׳, „די האפנונג׳ איז האפנונגסלאז געווארן.

עס האט זיך אוועקגעשטעלט די שרייענדיקע פראגע:

וואס טוט מען מיט די קינדער?—אין אלע אנדערע קאלאניעס דאס זעלבע—צו וואס פאר א פרנסה קענען אט די קינדער זיך נעמען? קינדער ערצויגענע אין פעלד, אויפ-געוואקסענע ביים אקער און בראנע, וועלכע קענען דאמינירן דעם ווילדסטן פערד, צוימען דעם צווישעוועטן נאוויזשא (אקס)... זיינען פייאיק ארומצוגיין מיט די „באליאדאראס׳ און מיט דער „לאסע׳, דערפאר אבער זיינען זיי פרעמד פון קולטור, קענען קיין מלאכה ניט, ווייסן ניט פון קיין מסחר אומוויסנדע, וואס קענען קוים זייער נאמען אונטערשרייבן?!

אין דער היים, ביים פאטער, זיינען דערוויילע אונטער-געוואקסן זעקס ברידערלאך, וואס קענען שוין אליין פירן די טשאקרע.. וואס טוט מען מיטן עלטערן זון, וועלכער האט שוין א ווייב מיט איין אדער צוויי קינדער?

די פראגע איז געווען זעער א ברענענדיקע, פשוט א לעבנס פראגע איז דאס געווארן און מען האט זי בשום אופן ניט געקענט איגנארירן...

## 94-טער קאפיטל.

# „די טיראזשניקעס" פארן אין ביורא איירעס.

די אלע קאלאניסטישע זין, אויך זייערע קרובים פאר-שפראכענע צום קאלאניזירן און א טייל עמיגראנטן האבן זיך צוזאמען גענומען ארום 46 מאן—די „צוריק געוויזענע" ווי מען האט זיי גערופן „טיראזשניקעס" אלע נעבאך וואס האבן ניט זוכה בגורל געווען, האבן זיך אפגעשמועסט צו פארן צו די דירעקטארן קיין ב. א. כדי בײ זיי צו בעטן לאנד...

אנגעטאן די יום-טובדיקע בגדים מיט די לעדערנע „טיראדארעס" אויף די לענדן, שיין פארקעמט די טשופרינע, זיינען זיי אלע אויף דער באן ארויף, אייניקע אביסל צו-שראקן, אזוי האבן זיי די פשוטע קינדער זיך אוועקגעלאזט כדי אליין צו ריידן מיט זייערע אדונים.

עס האט געקלעמט דאס הארץ צו קוקן אויף אט דעם געזונטן עלעמענט, וואס די יק'א האט רעטשאסירט...

עס האט זיך געשטעלט די פראגע:

וואו נעמט מען א בעסערן עלעמענט פאר קאלאניזאציע ווי די דאזיקע קאלאניסטישע קינדער? און פארוואס האט זיי די אריסטאקראטיע אלס טיראזש, אלס פחת ערקלערט פארוואס האט זיי די אומגעלומפערטע הנהגה צוריק געוויזן, וואס איז די סיבה דערפון? און עס האט געבלוטיקט און געוויטאקט די נשמה טראכטאנדיק וואס קאן פון אזא פשוט יונגווארג ווערן, אויב ניט קיין ערד ארבעטער? זיי זיינען דאך אזוי פראסט! כמעט ווילד...

ווי ווייט די אומוויסנהייט פון די דאמאלסדיקע קינדער האט געגרייכט, קען דינען אלס פאקט פאלגענדער לעכער-לאכער אבער זעער שמערצהאפטער עפיזאד.

איינער אט פון די קאמפס קינדער האט געוואלט טרייבן שפאס מיט א צווייטן זעער א פשוטן טאקע פון דערזעלבער כנופיא, פארנדיק אויף דער באן—ער האט א נעם געטאן ביי אים זיין באן-בילעט און אויסגעשריען אין אן ערנסטען טאן:

—מאניש! מען האט דיך אפגענארט, מען האט דיר גאר געגעבן א ווייבערשן בילעט... דו וועסט מוזן צאלן א מולטע און מען וועט דיך אראפזעצן אויף דער נאענסטער סטאנציע... אט זע! ווייזט ער דעם איגנאראנט—„מוכער"—„פרוי" שטייט אנגעשריבן אויף דיין בילעט!... די איבעריקע

פון דער חברה האבן בכיון נאכגעהאלטן און מ׳האט דעם צושראקענעם מאניש געראטן אונטער א באנק ארונטער־צוקריכן...

ער האט געפאלגט...

דער קאנדוקטאר איז אריין געקומען די בילעטן אי־בערצוזען, האבן אים חברה אונטערן באנק אנגעוויזן... ער האט דעם בחור ארויסגעשלעפט, און ווי האט זיך דער ענגלענדער מיט זיינע פוילע ציין צולאכט, ווען דאס נאטור קינד האט זיך גענומען פארענטפערן, אז ער פארט דאס ערשטע מאל מיט דער באן און ער איז ניט שולדיק אין זיין ווייבערשן בילעט...

אז די קינדער זיינען אנגעקומען אין בוענאס איירעס האבן זיי זיך אוועקגעשטעלט ביי די טרעפ פון קאזשאא 216...

צורעכט געמאכט זיך די ,טיראדארעס׳, אויסגעדרייט די זילבערנע שפראזשינקעס אויף פארנט, צוגעגלייכט די מעלענע האר... א צי געטאן עטוואס די ,טשאמבערגא׳ (שליאפע) און ארויפגעקוקט צו דער לעבער קאלירנער צעדערן טיר און זיך אנגעהויבן דינגען צווישן זיך, ווער עס זאל זיין דער ערשטער רעדנער מיט די סעניארעס... באלד האט זיך אנגעקליבן א גרויסער המון נייגעריקע ארום זיי— מען האט מיט וואונדער באטראכט די ,פאיאסאנעס׳... די קרעפטיקע ברוינע יונגען מיט די צושראקענע אויגן... וואס אמאל איז צוגעקומען מערער מענטשן און ס׳האט זיך אנגעזאמלט א היבשער עולם ביי דער טיר פון ביורא. פריץ דער שווייצאר האט פארהאקט די טיר און האט די יונגע קינדער צו די הערשאפטן ניט ארויפגעלאזט.

די פאליציי איז אויפמערקזאם געווארן אויף דעם בינטל ברוינע פנים׳ער און יונגע קרעפטן וואס האבן גע־וואלט אריין אין הויז, און האבן שוין טאקע אנגעהויבן צו פרובן די פעסטקייט פון דער צעדערנער טיר... און כדי אויסצומיידן א סקאנדאל, האט די פאליציי אן אפטיילונג מיט וויזשעלאנטן ארום זיי אויסגעשטעלט, און די נייגעריקע צושויער באפוילן, אז זיי זאלן זיך צוגיין יעדער אין זיין וועג.

און דער קאמיסאר איז אליין ארויפגעגאנגען צו די הערשאפטן, האט דארטן איבערגערעדט מיט זיי, זיך אפנים איינפערשטאנדן דארטן, אז די קינדער זיינען אומגערעכט... זיי האבן קיין שום רעכט ניט אין זייערע טענות צו די סעניארעס פון קאזשאא...

און ער דער קאמיסאר האט באפוילן די קינדער זיי זאלן גלייך מיטן באן 9 א זייגער אוונט אפפארן אהיים...

פארשעמט ווי אפגעשמיסענע זיינען זיי נעבאך אויפן צווייטן טאג אהיים געקומען, און זייער פלאץ אויף די טשאקרעס אין לא עספעראנסא האבן פארנומען די גרינע מיט די עטלאכע קאלאניסטישע מיוחסים־קינדער.

די „טיראזשניקעס" האבן דעם סקאנדאל, דאס אומרעכט וואס די ביורא איז קעגן זיי באגאנגען ניט גע-וואלט פארשווייגן, זיי האבן אויפגעקאכט די גאנצע קאלאניע.

מען האט אן אסיפה פאררופן, אלע פאריינען פון קאלאניע האבן דאן שלום געשלאסן מיט דעם נייעם פאריין „צענטרא אגריקאלא" וועלכער איז שוין דאן פון דער רעגירונג אלס „יורידישע פערזאן" אנערקענט געווארן, אבער די אליסער קאלאניסטן האבן ביז דאמאלסט באין אופן ניט געוואלט דער סאסיעדאד מיט דער „פערסאנעריא כורידיקא" אנערקענען צוליבן חשד, אז עס שמעקט מיט אדמיניסטראציע.

די אסיפה איז געווען זעער א שטורמדיקע; די פראגע וואס טוט מען מיט די קינדער? האט זיך אויף א מייל ווייט געהערט...

95-טער קאפיטל.

# דער מיניסטר דע אגריקולטור

## אנ׳אקציאנערן באנק, זעלבסט פארוואלטונג.

מען האט באשלאסן א ביטע צום אגריקולטור מיניסטר צו שרייבן, אפשר וועט די רעגירונג אונז ערגעץ א שטיק ערד אויף אויסצאלונג געבן. אויך אין ביורא פון פאריז האבן מיר דאן פארפערטיקט א ביטע מיט אלע חתימות פון די קאלאניסטן, דער תמצית פון דער ביטע האט צוויי וויכטיקע און הויפט פונקטן אנטהאלטן:

ערשטנס, פאריז זאל צונעמען פון אונז די אדמיניסטראציע; אזוי ווי זיי קאלאניזירן מער ניט אונזערע קינדער, נאך וואס זשע דארפן מיר די מאראקאנער אינגלאך, צי די אויסגעשווייפטע פאריזער בולווארניקעס פאר מושלים איבער אונז?...

זאל די ביורא אלע יאר אין מאנאט מערץ ארײנשיקן א קאבראדאר, איינצוקאסירן דעם אנואליאדאד און ניט מער...

און דער צווייטער פונקט איז געווען, אז פאריז זאל גרינדן ביי אונז אן אגראר באנק אויף אקציעס, אלע קאלאניסטן זאלן אלס אקציאנערן פיגורירן, אויסצאלנדיק די אקציעס אין א משך פון 10 יאר.

דערמיט כדי מיר זאלן ניט ווערן אזוי שטארק עקספלאטירט פון די תבואה סוחרים און אויך פון די דריי בענק וואס האבן זיך געעפנט אין קאסארעס און צוזאמען מיט די גרויסע געשעפטס הייזער וועלכע גיבן קרעדיט די קאלאניסטן, וועלען זיי מיט דער צייט פארשלינגען און רואינירן גאנץ מאאוריציא...

איצט ווערן מקוים אונזערע דאמאלסדיקע רייד! און אויך דורך דער אגראר באנק וועלן מיר קענען לאנד פאר די טיראזשניקעס באקומען...

מיר האבן די ביטע דורך זיי, דורך די אדונים די דירעקטארן, קיין פאריז אין דער גענעראל דירעקציע געשיקט, און נאך אלץ געהאפט, נאך געהאט עטוואס אמונה, אז זיי, די אפוטרופסים אין פראנקרייך וועלן זיך איינפארשטיין, עס וועט זיך נאך געפינען אין זייער הארץ א פונק ליבע צו אונזער מאאוריציא, וועלכע האט אונז אזוי פיל בלוט און שוויס געקאסט, און מיט וועלכער זיי אליין אין זייערע יערליכע באריכטן פאר דער וועלט רימען זיך אזוי פיל...

מיר האבן געהאפט און געווארט,ליידער האט אונז די האפנונג דאס מאל אויך אפגענארט. קיין דירעקטן ענטפער פון פאריז האבן מיר ניט געהאט,—קיינמאל האבן מיר פון זיי דירעקט קיין שריפט ניט דערהאלטן,—שקלאפן, ווער רעכנט זיך מיט אזעלכע?—נאר אין א פאר מאנאטן ארום נאך דער פארזאמלונג איז דער פארשטארבענער דירעקטאר סעניאר מאס געקומען אין קאלאניע... און האט באפוילן, אז די געמיינדע פארשטייער זאלן זיך צוזאמען קומען אין אונזער שטיבל פונם ,צענטרא אגריקולא׳ אויסצוהערן דעם ענטפער פון פאריז, וועלכן ער וועט ,מונדליך׳ איבערגעבן.

אונזערע פני זיינען געקומען, אויך פיל קאלאניסטן מאמינים, וועלכע האבן דערווארטעט עפעס פרייליכס פון פאריז, האבן ווי שטענדיק באלאגערט די טיר פון דעם שטיבל.

דער דירעקטאר כדי ניט עובר צו זיין אויף אן אנגענומענעם מנהג פון קדמונים, האט צו אלץ צוערשט פארגעווארפן די חטאים פון יחידים פאר די ראשים פון דער געמיינדע...

—פאר וואס האט ליכטמאן ניט געצאלט? פאר וואס האט אהרן קצב די פעל פון א פגירה מיט דער מארקע I. C. A. אראפגעצויגן און זיך דערפון שטיוול געמאכט?

פארוואס האט יחיאל ברויטמאן דעם לערער פון דער שולע געזידלט?...

אונזערע פארשטייער האָבן געענטפערט, ממליץ געווען אויף די חטאים, און זיך געלאזט צאפן די דמים פון דעם אלטן שוטה,—זאל ער מיר דארט מוחל זיין.

צום סוף איז מען איבערגעגאנגען צו געשעפט... ד״ה וועגן דער ביטע פון אונזערע קיין פאריז.

וועגן דעם ערשטן פונקט, אראפצונעמען די אדמיניסטראציע, האט ער אפילו ריידן ניט געלאזט, נאר וועגן צווייטן פונקט די אגראר באנק צו גרינדן אין קאלאניע, האט ער געפרעגט:

—און וויפיל וועט איר ארייטראגן אקציאנערן קאלאניסטן מזומן געלט אין דער אגראר באנק מיט א גרונד קאפיטאל פון א מיליאן פעז, וועלכע איר פארלאנגט?

—צען פראצענט—ענטפערט אים דער פרעזידענט אונזערער פונם צענטר; יעדער קאלאניסט וועט צען אקציעס, צו הונדערט פעז אן אקציע קויפן, אויף צען יאר אויסצוצאלן. און איר וועט מיט דער באנק די קאלאניכטן פון א געפערלאכע עקספלואטאציע און אפשר אויך פון א פולשטענדיקן חורבן איינהיטן.

96-טער קאפיטל.

# דער דירעקטאר פייפט.

דער דירעקטאר פון דער „דזשואיש" אויסהערנדיק דעם פרעזידענטס ענטפער, לייגט אריבער א פוס איבער א פוס, נעמט ארום דעם אכציק קי'אדיקן חלב-בויך זיינעם מיטביידע פעטע הענט און צופייפט זיך אזוי „מעשה יענקי" אזוי שטארק, אזוי הילכדיק, אז עס האט אזש אנגעהויבן ביי אונז צו טרייסלען די פויק אין אויער.

די אליסער דערלעגאטן האבן זיך ארויסגערוקט פונם שטיבל, און אזוי ווי די בני ישראל אין רחבעם'ס צייט האבן זיי אויסגעשריען:—מיר פארדאמען די יק'א מיט דעם הלק נחלה פון באראן הירש צוזאמען... מיר וועלן זוכן אנדערע וועגן, אנדערע היכף פאר אונז און פאר אונזערע קינדער...

די אלגאראבער וואס האבן שטענדיק א דיקערע פארהארטעוועטע פעל אויף זיך געטראגן און די אדמיני-סטראציאנע שאנד-בייטש האט נאך ניט געהאט דורכגע-שמיסן ביז צו זייער לייב... זיינען זיצן געבליבן אין קהל'ס שטיבל, ביז דער דירעקטאר האט זיך אויסגעפייפט, זיך אויסגעלאכט פון אונזערע אקציאנערן מיט דער באנק... האט א שטארקן געניץ געטאן, זיך אויסגעקנאקט זיינע אריסטאקראטישע פינגער, זיך אויפגעהויבן און אן א זיי געזונט זיך צוריק נאכן הויז פון קאזשאא אפגעפארן...

געוויס אוועקגעשיקט א ראפארט צו די אדונים די אלערהעכסטע אין פאריז, ווי אים איז דארט געפעלן...

די אודיענץ פונם אדון מיט זיין אויספייפן אונז האט אן עקל, א מיאוסקייט ארויסגערופן אין קאלאניע, און די שנאה צווישן זיי און אונז האט זיך צופלאקערט גאר אויף אן אנדערן אופן.

די עלטערע אידן פלעגן ביים נאמען אדמיניסטראציע אויסשפייען, און זאגן „שקץ תשקצנו".

די יונגע, די געבווירענע אונטער דער הייסער פרייער ארגענטינער זון, האבן זיך אביסל געהיצט, געדרייט דעם „טראדאר" מיטן רעוואלווער אדער קינזשאל און געזאגט:

—מען דארף אוועקלייגן דעם אדון .B, מען דארף אים שטעכן, שיסן, לינטשן... נאר, אזוי ווי מיר אידן זיינען דאך מערדער נאר מיטן מויל, איז ער טאקע גאט זיי דאנקען לעבן געבליבן ביז היינטיקן טאג...

מען האט אנגעהויבן זוכן וועגן ווי צו צוקומען צו א שטיקל לאנד פאר די קינדער אן דער הילף פון דער דעס-פאטישער יק'א פארוואלטונג.

# דער מזל שיינט צו די גרינע.

די אלע עמיגראנטן מיטן מיעוט פון די קאלאניסטישע מיוחסים וואס די יק״א האט אין „לא עספעראנסא״ קאלאני- זירט האבן די לענדער דארט מיט דער הילף פון קאפיטאל, אויף איין מאל אויפגעאקערט און מיט מאאיס פארזייט. דער צופאל האט געוואלט, אז ווען מיר אין דער אלטער קאלאניע אויף אן אויסגעמאגערטען לאנד האבן אן אומ- ג׳יקלאכע קאסעטשע געהאט, האבן די נייע דארטן אן אויס- געצייכנט גוטע ערנטע פון מאאיס אראפגענומען.

די ערשטע און גרעסטע צייטונג פון לאנד די „לא פרענסא״ האט גאנצע קאלומס וועגן דער „א עספעראנסע קאלאניע געשריבן און געלויבט די אידישע אגריקולטארן מיט זייער גליקלאכער קאסעטשע. מער אזא קאסעטשע האבן זיי שוין טאקע ניט געזען ביז צום היינטיקן טאג.

די נייע קאלאניסטן האבן אויסגעדראשן זייער מאאיס, פארקויפט און זיך געזען מיט א גרויסן ריוח מזומן געלד, נאך מער זיי האבן אפילו פאר די מאאיס שטעקנס די „טשאלע״ שווערע הונדערטער ביי אונז, ביי די אלטע קא- לאניסטן אבגענומען אלס „פאשע״ פאר אונזערע בהמות,— ווייל דער ווינטער איז דאן זעער א טרוקענער געוועזן, און ס׳האט אונז אויסגעפעלט פאשע...

מען קען פארשטיין אונזער פארדרוס, ווען מיר האבן געזען ווי דער בעקער פון קאסארעס, דער שיינקער, דער שניידער, שוסטער, בלעכער און אויך דער איד מיט די טייערע חפצים... וועלכע די יק״א האט קאלאניזירט אויף אונזערע קינדערס פלאץ, קויפן זיך שון סולקעס און קאטשן, באהיינגען זייערע פרויען און טעכטער מיט צירונג... האבן זיך שוין אויסגעלערנט אונטער׳חת׳מענען דעם נאמען און די גרויסע געשעפסט-הייזער ווי די געברידער „סקאלא און זשא- רענטע״, אויך די בענק געטרויען זיי שוין סומעס געלט און זיי צופירן זיך ברייטלאך די הענט...

זיי האבן א פנים געדיינקט אז אלע יאר געראט די קא- סעטשע אזוי גוט. און זיי שפאטן פון די אלטע קאלאניסטן מיט זייער שלעפערישער קמצנישער הנהגה... און די יק״א שנעלט זיך אויך אין נאז, אז זי ווייס וועמען זי קאלאניזירט...

זיי קרענקען איצט אלע דריי: די יק״א, די בענק און די סוחרים—א יאר דריי אז זיי לאדן זיך מיט זיי, יעדער פון די דריי מאנט געלט, מען מאכט „עמבארגעס״ און די אדוואקאטן לעבן דערביי א משוגענעם טאג.

אבער דאן אין יענעם יאר האט זיי דער מזל געשפילט, און מיר קאלאניסטן האבן אויף זיי קוקנדיק געקריינקט.

און דער האס אויף דער אדמיניסטראציע איז געוואקסן פון טאג צו טאג. מען האט אויף איר א שפיי געטאן און זיך א לאז געטאן זוכן לאנד פאר די קינדער.

98-טער קאפיטל.

# קאָלאָניזאַציאָן שטרווידער.

אז דאס אידישע פאָלק איז באזארגט מיט בעלי-טובות דאס איז דאך א באוואוסטע זאך פון אייביק אן.

עס האט זיך באוויזן באלד איינער, דוקא טאקע א אייגענער און איז אוועק צו דער דייטשער פירמע „קאָלאָ-ניזאדארא שטרווידער", געקויפט דארטן ערד אין די פאמפאס פאר זעכציק פאמיליעס אויף יארן אויסצוצאָלן, געמאכט א פארמעלן קאָנטראקט, געגעבן האנט געלט די ערשטע „קאטע" און האט פארנומען די אלע „טיראזשניקעס" פון אונזערע קינדער, אויך פיל עמיגראנטן און עקס קאָלאָניסטן און מען איז אוועק מיטן פארטיקן רעמאנענט מיט אלע כלים, ווי פלוגעס און מאשינעס, אקסן, פערד און זיך א נעם געטאן ראפטאם צום קולטיווירן די פארווילדעטע זאמד פעלדער, די „מעדאנאס" פון דער פאמפא.

ניט דא אין דעם בוך איז דער פלאץ און ניט פאר מיר,—וואס איך וויל דאך נאר אונזערע פאסירונגען פון מאאוריציא באשרייבן,—אויסצורעכענען די יסורים און דעם צער, די קרבנות און נפשות, און פארלוסט אין קאפיטאל, וואס די קאָלאָניסטישע קינדער מיט די גרינע האבן דארטן אויף דער שווינדל קאָלאָניזאציע אויסגעבראכט...

א פאר יאר האבן זיי זיך אפגעמוטשעט, זיינען רואי-נירט, צובראכן, ארים און נאקעט, איבערלאזנדיק דארטן אלע בהמות און א היבש בערגל, וואו זיי האבן געלאזט שלאפן אויף אייביק פיל פון זייערע קינדער... געקומען צוריק אין מאאוריציא.

און די פירמע שטרווידער האט נאך פארפירט א פראָ-צעס קעגן זיי פארן ניט אויספאלגן דעם קאָנטראקט... און די היזיקע „אבאגאדאס" וואס זיינען געבענטשט מיט „צייט"... יענע האבן ביי דעם פראצעס ארויסגעוויזן זייער קונסט און האבן א לאנגע צייט... געשלעפט די „אסונטע" און אויס-געצאפט די דמים ביי די פאטערס פון די „טיראזשניקעס"... אט אזוי האט זיך געענדיקט די שטרווידער קאָלאָניזאציע...

דאן ווען די קאָלאָניסטן האבן געזען,—אז אליין צו-שלאגן זיך צו לאנד כדי צו פארזארגן די קינדער מיט דער ערלאכער פראפעסיע פון ערד-ארבעט, וואס זיי זיינען אין איר געבוירן געוואָרן איז אוממעגלאך, און אויף דער יק"א איז שוין אבסאָלוט ניטא וואס צו האפן—לויט דעם נייעם

צירקולאר וואס איז אין דער אדמיניסטראציעס „ווידרעראַ״ ארויסגעהאנגען געוואָרן, וואו מיט גרויסע אותיות איז גע-מאלדן געוועזן:
„קאלאניסטישע קינדער קאלאניזירט ניט די יק״א מער״.
דאן האט אידעלע בעל תכלית אנגעהויבן זוכן אנדערע תכליתים, אנדערע וועגן פון חיונה פאר זיינע קינדער...
דער עלטערער זון מילא ער מוז בלייבן מיט זיינע קינדערלאך נעבן טאטן באארבעטן דאס לאנד און צאלן די חובות פון שטרוידער׳ס פאמפאס... דער צווייטער דארף זיך אויסלערנען די חכמה ואינה מלאכה, ד״ה, שערן א קאפ גאלן א בארד און עפענען א צירולניע ביי א נייער סטאנציע שוין טאקע מיט א שענקל און א דארפס קלייטל דערביי, אזוי ווי דער זיידע משה איצע עליו השלום האט געטאן.
און דער דריטער און פערטער זאלען בעסער לערנען, זיי זאלן שטודירן...
מען האט זיך א נעם געטאן צו דעם אלטן אויסגע-טראטעטעם וועג, וואס איז אונזער פאלק שוין א פאר טויזנט יארן גוט באקאנט... און די גאנצע קאלאניזאציע האט פארלוירן איר פריערדיקן חן...
געבליבן איז נאר אין דער טיפעניש פון דער נשמה א ברענענדיקער כעס אויף די אדונים מיט זייער עקלהאפטן צירקולאר:
—„קאלאניסטישע קינדער קאלאניזירט מען ניט מער״,— עס איז איבערגעגאנגען דער צארן אין א מין נקמה געפיל...
דאס צעוויטאקטע הארץ האט געברענט נאך ראכע, נקמה נעמען פון דער עיפוש׳דיקער הנהגה פאר אונזערע פארשטויסענע קינדער...
עס האט שוין דאן ביי איינקע קאלאניסטן דורכגע-בליצט א מין שמשון געדאנק... אומוואַרפן די שיינע גרויסע געביידע אויף זיך... פארלוירן גיין, אבי מיט די פלשתים צוזאמען...
אט די פארביטערטע אומוויסנדע פאטערס האבן נאר אויף א גינסטיקן צופאל געווארט. און צום אומגליק פון אונזער שיינער מאאוריציא און צום אומגליק און שאנדע פון דער גאנצער קאלאניזאציע איז ער געקומען.
ער איז געקומען דער: סבות הסבות, דער צוגעגרייטער ארויסגערופענער צושטערער, און האט זיך זיינס בשלימות געטאן... אזוי ווי איר וועט לייענען אין דעם דריטן טייל.

## ענדע פון צווייטן טייל.

# אינאלט


| קאפיטל | | זייט |
|---|---|---|
| | טרערן במקום הקדמה | 7 |
| 1 | די יורשים פון באראן הירש | 9 |
| 2 | אנארכיע אין קאלאניע | 12 |
| 3 | די הימלישע נגינה | 15 |
| 4 | קולאק העלדן | 18 |
| 5 | אדמיניסטראטאר ווארשאווסקי | 21 |
| 6 | א צוועלף טאגיקער רעגן | 23 |
| 7 | דער דלות איז ווידער דא | 25 |
| 8 | א בעל עגלה׳שער כאר | 28 |
| 9 | מ׳פארקויפט מאאוריציא | 30 |
| 10 | ארץ ישראל | 31 |
| 11 | דער גרויסער אידישער גערטנער | 33 |
| 12 | א נייער אדמיניסטראטאר | 36 |
| 13 | איש תחת גפנו | 38 |
| 14 | דער היישעריק | 40 |
| 15 | ניט לויפען פאר די כלי זמר | 43 |
| 16 | דער סאלטאנא | 45 |
| 17 | דעפענסא אגריקאלא | 47 |
| 18 | רעפאזשא (קרויט) ברויכט מען היטען | 50 |
| 19 | טשע רוסא! | 52 |
| 20 | מיר פארלאזן מאאוריציא „אריסקעס" | 54 |
| 21 | דער אינזל | 57 |
| 22 | הירש מיטן מצרים פלאן | 59 |
| 23 | א קהלה׳שער רייסטער | 62 |
| 24 | די דעלעגאטן קאמיסיע | 64 |
| 25 | דער ריח פון דער קהלה׳שער שיסל | 66 |
| 26 | פעסי די סוטה און איר משפט | 68 |
| 27 | די וואלן | 70 |
| 28 | פדיון שבוים, קהל׳שע שרצים | 72 |
| 28 | קהל מאכט א רייסטער | 74 |
| 30 | מיין טארדיזשא א חכם עתיק | 77 |
| 31 | די פלאניזשא | 79 |
| 32 | איך פאל אריין אין א וויזקאטשערא | 81 |
| 33 | עס ווערט ליכטיקער אין קאלאניע | 83 |
| 34 | די אויסשטעלונג | 85 |
| 35 | דאס גרויסע געווינס | 87 |
| 36 | ערב קאסעטשע פון 1898 | 89 |
| 37 | מיר געזעגענען זיך מיט די אקסן | 91 |
| 38 | דער קאלאניסטן בונט | 92 |
| 39 | דער אלטער מענדל | 94 |
| 40 | ס׳רענדעט מיט מזל | 96 |
| 41 | דער איבערפאל אין קינסא ראנטשאס | 98 |
| 42 | לאַ פלאַטא א לאַ ווידאַ | 100 |
| 43 | מיין ח׳ק ירושה | 102 |

| | | |
|---|---|---|
| 44 | מ׳באפאלט גארפינקלס הויז . . . . . . . | 103 |
| 45 | האברי רוסא . . . . . . . . . | 105 |
| 46 | שומרים מיט פייפלאך . . . . . . | 107 |
| 47 | ניטא קיין „אלדעאס״ . . . . . . . | 109 |
| 48 | די פליטה עפידעמיע . . . . . . . | 113 |
| 49 | בוענאס איירעסער דאמאלסדיקע קהילה . . . | 114 |
| 50 | גאט העלפט און פויגעלאך טראגן . . . . | 117 |
| 51 | די פרומע איטקע . . . . . . . . | 119 |
| 52 | א גבאי מיט א פעטן בויך . . . . . . | 121 |
| 53 | ארגענטינער ציוניזם . . . . . . . | 122 |
| 54 | דר׳ הרצל גיט אים פינף מינוט צייט . . . | 125 |
| 55 | דער ערשטער ציון קאנגרעס אין ארגענטינע . | 128 |
| 56 | געפטרט אלע דריי . . . . . . . . | 132 |
| 57 | נחמן געזאנג . . . . . . . . . | 133 |
| 57 | א קרעם פאבריק . . . . . . . . | 136 |
| 58 | מען גנב׳עט . . . . . . . . . | 140 |
| 59 | קרובים . . . . . . . . . . | 144 |
| 60 | דער פעטער . . . . . . . . . | 145 |
| 61 | לאנד קויפן . . . . . . . . . | 146 |
| 62 | די יק״א קויפט לאנד אין די פאמפאס . . . | 147 |
| 63 | אומגליקלאכע ערד . . . . . . . . | 149 |
| 64 | נייע קאנטראקטן . . . . . . . . | 150 |
| 65 | קאסעטשע פון 1901 . . . . . . . | 153 |
| 66 | סאנטא טאמאס . . . . . . . . | 155 |
| 67 | דער סוד . . . . . . . . . . | 159 |
| 68 | מ׳ארגאנזשירט די קאלאניסטישע קינדער . . | 162 |
| 69 | אונזער גאלדענע צייט . . . . . . . | 164 |
| 70 | וואס איך האב געזען . . . . . . . | 166 |
| 71 | דער חורבן באציל . . . . . . . . | 169 |
| 72 | די דירעקטארן ווע ניציאני און מאס . . . | 171 |
| 73 | דאס התנהגות פון באראן . . . . . . | 174 |
| 74 | די גרינדונג פון אונזערע פאראיינען . . . | 177 |
| 75 | חברה מחסה אלמנות . . . . . . . | 179 |
| 76 | וואקסט מיט מזל פאר דער אלמנה . . . | 181 |
| 76 | מ׳טראגט זעק און מ׳האט הנאה . . . . | 183 |
| 78 | די עזרה העלפט עמיגראנטן . . . . . | 185 |
| 79 | א פרייליכע ידיעה . . . . . . . . | 188 |
| 80 | ביי די טויערן פון לאַ עספעראַנסאַ . . . | 190 |
| 81 | דער טערקישער בחור . . . . . . . | 194 |
| 82 | די אויפנאמע פון א קאלאניסט ביי יק״א . . | 196 |
| 83 | דער מעדיום פון יק״א . . . . . . | 199 |
| 84 | אדמיניסטראטאר .B . . . . . . . | 202 |
| 85 | א וואו פינט מען ארויס די גיפט . . . . | 205 |
| 86 | וואלף שרייבער . . . . . . . . | 207 |
| 87 | דער אומגליק זוכט זיין קרבן . . . . . | 210 |

| קאפיטל | | זייט |
|---|---|---|
| 88 | א קימפעטארן מיט איר עופה׳לע ארויסגעוואָרפן אין גאס . . . . . . . . . . . . | 212 |
| 89 | א פאגראם . . . . . . . . . . . | 215 |
| 90 | שרייבער פארט צום צווייטן מאל קיין פאריז . | 218 |
| 91 | א ביסל . . . . . . . . . . . | 220 |
| 92 | א געלט זוכעניש . . . . . . . . . | 222 |
| 93 | די טמאים ווידער א מאל דא . . . . . . | 224 |
| 94 | די טיראזשניקעס פארן אין ביורא אריין . . | 227 |
| 95 | דער מיניסטער דע אגריקולטור . . . . . . | 230 |
| 96 | דער דירעקטאר פייפט . . . . . . . | 232 |
| 97 | דער מזל שיינט צו די גרינע . . . . . . | 233 |
| 98 | קאלאניזאציע שטרוידער . . . . . . . | 235 |

# דרוק פעלערן

| זייט | שורה | שטעהט | דארף שטעהן |
|---|---|---|---|
| 29 | 24 | עס | עסן |
| 52 | 18 | צרה | צרעה |
| 96 | 1 | סרעגנט | ס׳רעגדעט |
| 99 | 12 | אשקאלירנע פעדר | אשקאלירנע פליגן |
| 100 | 4 | קאסע ראנטשאס | קינסע ראנטשאס |
| 124 | 19 | וועג | וועזען |
| 129 | 7 | איינגעכמורעט | איינגעטעכמורעט |
| 149 | 33 | אנדערע | אונזערע |
| 172 | 9 | טל | טייל |

# שפּאנישע ווערטער

| | |
|---|---|
| אסאדא | בראטען |
| אטאדארעס | בינד מאשינען |
| אמיגא | פריינד |
| אלדעאס | דערפער |
| אמארגא | ביטערע (מאטע) |
| באכא | נידריג (א זומפ) |
| גאאוטשאס | היגע געבוירענע (אינדיאנער) |
| וואמאס קאשטאניע | געהן מיר געפלעקטער |
| וויסקאטשא | א חיה׳לע ווי א קליין הינטעלע |
| זשערבא | א מין ארגענטינער טיי |
| זשוזשאס | בוריאן (גראז) |
| טריזשאדארעס | דרעש מאשינען |
| טשאסא | ביידל |
| טשאמבערגא | א שליאפע מיט ברייטע קריסן |
| טיראדארעס | גארטלען |
| כארדין | גערטענדל |
| לעטשעראס | מילך-קי |
| לעגווא | 2500 העקטאר |
| מאאיס | קוקורוזע |
| מוערטאדע האמברע | שטארבן פון הונגער |
| מאקאנאס | פוסטיאק |
| סאנסא | נאַר |
| סאלטערא | בחור (אומפארהייראט) |
| סערעאלעס | תבואות |
| עכעמפלא | ביישפיל (למשל) |
| פארוועס | סטערטעס (סטויגן) |
| פארקע זשאראס | פארוואס וויינסמו |
| פרעסטאמאס | אויסלייאונגען |
| פיקארדיע | שפיצל (שפיצבאב) |
| קע ביען | ווי גוט |
| קע סוירטע | ווי גליקלאך |
| קינטאס | גערטנער |
| קאטרע | שטריק בעטל |
| קאמפרא אי ווענטא | קויף און פארקויף |
| קארעראס | בעלי עגלות |